ביבליאטעק

# „יודישע-שרייבער"

י. מ. ווייסענבערג.

Inv. 1037

# געקליבענע שריפטען

ערשטער באנד.

75173

פערלאג - בוכהאנדלונג
שלמה שרעבערק
ווילנא.

דרוקעריי ב. א. קלעצקין, ווילנא.

Сочиненія І. М. Вайсенберга.

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

Inv. 1857

# אינהאלט.

## I. סקיצען.


1) אַ פּאָמניק . . . . . . . 5

2) די באָבעשי'ס אָבהיטען . . . . . 13

3) חיים אהרן . . . . . . . 21

4) אַ גנבה . . . . . . . 27

5) דער לעהרער גרינשטיין . . . . . 33


## II. ערצעהלונגען.


1) קריינדעלע (איהר לעבען) . . . . . 39

2) קריינדעלע (איהרע אידעאַלען) . . . . . 53

3) דער אָרימער יונג. . . . . . . . 73

4) דאָס לעבען . . . . . . . 89

5) פון רבינ'ס שטוב . . . . . . . 109

6) אַ חתן ווערען . . . . . . . 141

7) איינער אַ מענש . . . . . . . 163

פ. אוזוואנסקי
טארפטי

# I

# סקיצען.

# א פאמניק.

ווען „גוויאזדע“ איז אַלט געוואָרען, דאָס אַקער-אַייזען איז איהם שוין אַרויסגעפאַלען פון דער האַנד — איז ער אַוועק צו זיך אין שטיבעל און זיך געזעצט מיט זיין אַלטיטשקער פאַר'ן אויווען.

זיי האָבען צוויי יונגעטשקע איניקלעך, שיקסלעך פון זעכצעהן, זיבעצעהן יאָהר, וואָס זענען זיי געבליבען נאָך אַ געשטאָרבענער טאָכטער — און אָט דאָס איז זייער גרעסטע זאָרג. די קינדערלעך, קלערען זיי, זאָלען נעהמען מאַנ'ען און די שטיקלעך פעלד זאָלען ווערען צוריק בע-אַרבייט. ווייטער מיט זיך זענען זיי שוין אויף אַלץ קלאָר אויסגע-רעכענט.

דעם פריהערדיגען זונטאָג זענען זיי געוועזן ביי דעם גלח אויף „איספאָוויעדזשים“. זי, די אַלטע, האָט נאָך בענייט אַ פאַטשיילעכעל מיט רויטע קווייטעלעך אויפ'ן קאָפּ, ווי זי האָט געזאָגט, אַז דעם לעצטען דין וחשבון דאַרף מען אָבגעבען מיט אַ פרעהליך און פריי געמיט, אַז מען זאָל נישט קומען אַהין — אַ קלאָגענדיגע... און דער גלח האָט זיי ביידע „נאַראַיעט“, אַז זיי זאָלען זיך לאָזען שטעלען צוויי „פּאָמניקעס“, קרייצען ביי די ווענעלעך צווישען זייערע פעלדער, כדי, אַז אַ דורכ-געהער וועט אַמאָל פאַרבייגעהן און זיך ווענדען צו גאָטס נאָמען, וועלען זייערע, אינאייננוועגס, אויך דערמאָנט ווערען צום גוטען.

און אָט אַצונד, ווען אַלץ איז שוין ביי זיי אָפען און קלאָר, זיצען זיי אין אַ שטיבעל און קוקען אַרויס דורך דעם פענסטער'ל: זי אויף דעם שטיקעל בלאָהען הימעל, וואָס זעהט זיך דורך דעם פענסטער'ל אַדורך,

אין טראַכט וועגען איהרע ערשטע געשטאָרבענע קינדערלעך, אַז זי װעט זיך שוין מן הסתם אין גיכען זעהען מיט זיי. און ער טראַכט וועגען די פעלדער, קוקענדיג דורך דעם פענסטער׳ל, ווי שטיל אַלץ האָט זיך אָבגעשטעלט...

„ווי אויף אַלץ קומט אַזוי אַ סוף״... — האָט ער מיט אַ שטילען וואַסערדיגען בליק געטראַכט. און אין שטוב איז געוועזען אַזוי שטיל, אַז עס האָט זיך געדאַכט, די שטילקייט האָט אַלץ שוין אויף אייביג פערגליווערט. צוזאַמען מיט דעם בעל־הבית, אין איין רייהע, איז אויך דאָס קעצעל געלעגען שטילערהייד, אויסגעצויגען אויף דעם קוימען, מיט דעם קעפּיל אויף די פאָדערשטע פיסלעך, און האַלב צוגעלעהנט גע־האַלטען די אייגעלעך. עס האָט אויך געברענט מיט אַ טונקעל רויטליכען שיין אַ ביימעל־לעמפּעלע אין ווינקעל פאַר די „אָבראַזען״ — און אַלץ האָט שוין אויסגעזעהען ווי געשטאָרבען אין דאָס גאַנצע שטיבעל — אַ שטילע מערת המכפלה...

עס האָבען זיך אָבגערוקט אַ פּאָר שטילע טעג, און די צוויי אַלטע לייט האָבען זיך אַ קורם גענומען בעזאָרגען, וואָס זיי האָבען גע־קענט.

הינטער׳ן וועלדיל האָבען זיי געהאַט ליגען אַ גרויסען שטיין, אויף וועלכען זיי פלעגען נאָך אין זייערע יונגע יאָהרען אָברוהען אין מיטאָגס־שטונדע, ווען די זון האָט געברענט איבער׳ן קאָפּ, און זיי אַרבייטענדיג אין פעלד האָבען געזוכט אַנ׳אָרט וואו צו בעשיצען זיך אין שאָטען. דאָרט האָט זי אויך כמעט איהרע אַלע קינדער אייסגעוויגט. עס איז שניט־צייט, מען האָט אַ קליין קינד ביי דער ברוסט און אין פעלד אַריין דאַרף מען פאָרט געהן — האָט זי דאָרט געוויעגט די קינדער אין אַ פלאַכטע אָנגעהאָנגען אָן אַנ׳איבערגעלייגטען דראָנג אויף פיר דרענגלעך, און אין אַ לײדיגער שעה, ווען זי איז צוגעלאָפען נאָך אַ שלונג וואַסער פון קריגעל אַרויס, געוואָרפען אויך אַ בליק צום קינד.

און אָט, פון דעם זעלבען שטיין, וואָס האָט זייער גאַנצע יוגענד בע־גלייט ביז אין דער עלטער אַריין, ווי אַ שטומער עדות, שטענדיג ליגענדיג אונטער דעם בלויזען הימעל — געהען זיי זיך היינט אויסהאַקען צוויי קרייצען. צוויי שטיינער־קריצער האָבען זיי זיך שוין געדונגען און עס האָט שוין מעהר נישט געפעהלט, ווי דעם שטיין צו שפּאַלטען אויף צוויי לאַנגע שטיקער און צו צופיהרען זיי אין עק פעלד, וואָס געהט

אַרויס צום וועגעל, אויף דעם אָרט וואו זיי זענען בעשטימט אויפגע־שטעלט צו ווערען.

די מיידלעך, די איניקלעך, האָבען דערפון גאָר נישט געוואוסט. נאָר איינמאָל אין דער פריה, ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען און אַרויס־געגאַנגען אויפ'ן פעלד, טרעפען זיי שקצים אונטער אַ בוים שטעהען און „טשעשען" מיט דלוטקעלעך אין צוויי שטיינער אַריין, שטיל און בלאַסליך פער'סוד'עט מיט די פנים'ער...

איין שיקסעל האָט זיך מיט דער צווייטער איבערגעקוקט, גע־שטאַנען אַ ווײַלע מיט די פינגערלעך אין די מײַלער און געוואָרען צוגע־רוקט, וואָס אַ מאָל נעהנטער, אַלע מאָל מיט אַ טריטעלע און ווייטער בלייבענדיג שטעהן, אַזוי, אַז זיי האָבען עס אַליין נישט געשפירט, ווי זיי זענען צוגעקומען צו די שקצים.

שקצים אין הויזען איבער די קאַמאַשען, געפּרעסטע העמדער מיט שעלקים איבער די אָרעמ'ס און קליינע שענע וואָנסעלעך מיט לאַנגע גלאַטיגע גזשיבעס האָר איבער די שטערענס.

אויך די אַרבייט איז זיי אומבעקאַנט — דאָס זענען נישט קיין שטיינער צו קיין ווינד־מיהלען... און זיי האָבען זיך לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה...

— די פּריצים וואָלטען אונז אפשר געקאָנט זאָגען — נאָך וואָס דאָס איז?... — האָט די עלטערע געפרעגט, נאָך שטעהענדיג אויף דער זייט ראָב פון איבער דעם וועגעל און אַריבערקוקענדיג צו זיי אויף דער אַנדערער זייט ראָב.

— „אָוושעם", — האָבען די שקצים אַריבערגעענטפערט צו זיי — מיר מאַכען „פּאָמניקעס" פאַר דעם „גאָספּאָדאַרוש" פון די פעלדער...

די שיקסלעך האָבען זיך איבערגעקוקט און די זאַך האָט זיי שטאַרק הנאָה געטהון...

איינע האָט זיך פערשאַרט אַ ביסעלע האָר פון איבער דעם שטערען און אויס פערטראַכטקייט געשטאַנען בלאַסליך, און די בלוזקעלעך איבער די ברוסטען האָבען זיך נאָר קוים וואָס בעוועגט.

די צווייטע האָט זיך אויך פּונקט אַזוי ערנאָך פערטראַכט און די

שקצים דעסגלייכען, האָבען שוין אַרויסגעלאָזט די העמערלעך פון די הענד און אַלע פיר זענען זיך געשטאַנען ענטקעגען־איבער מיט אַ שטיל־שווייגען און קוקען אויף זיך, אַלע מאָל איינער אײפ׳ן אַנדערן מיט אַ שטילען פערשעמטען בליק פון הינטער די שטערענס אַפער.

דער אַלטער „גוויאַזדע״ איז געקומען אַרויס פון שטיבעל און, קרימענדיג זיך, קלאָגענדיג זיך, פאַר וואָס די שיקסלעך לאָזען נישט די שקצים אַרבייטען, האָט ער זיי געיאָגט אַ היים.

נאָר די שיקסלעך האָבען זיך דערוויטערט יעדערע בעזונדער שוין מיט אַ שטילען אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און הינטערווײלעכסדיגע טריט, צופענדיג זיך עפּעס ביי אַ ליפּעל — און אַלע מאָל פונדערווייטענס, געבענדיג זיך נאָך אַמאָל אַ פערשאַר די האָר איבער׳ן קאָפּ אויס־געשטעלט אַזאַ בליק צו׳ם בוים, צו די שקצים, ווי עפּעס וואָלט זיי אַ שאָד געווען.

און די שקצים אויך דאָס גלייכען, נאָר די שיקסלעך האָבען זיך דאָך דערווייטערט, און ערשט פאַרנאַכט, ווען די שקצים זענען שוין געשטאַנען פאַר „גוויאַזדעס״ שטיבעל, אַרומגעוואַשענע מיט אויסגע־שטעלטע פּנים׳ער קעגען דעם זונאונטערגאַנג, זענען די צוויי שיקסלעך געקומען אַ היים צוגעהן מיט זעקס שטיק בהמות פון פעלד, מיט ליב־טיג בעגאָסענע פּנים׳ער פון דער לעצטער זונען־שיין און רויטקייט, וואָס האָט זיך אין מערב־זייט צוגאָסען איבער׳ן הימעל, מיט גלאַנצענדיג שטילע אויגען און מיט בלומען־קרענצלעך אויף די קעפּ.

די שיקסעס האָבען זיך ווייטער פערשעהמט און אַראָבגעלאָזט די קעפּ, און נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט געשטאַנען און געוואַרט, ווי אויף עפּעס.

די שקצים האָבען זיך גערדעהט די וואָנסעלעך, און איינער, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ פוס אַרויסגעשטעלט קעגענאיבער די שיקסעס, האָט געפרעגט:

— נו וואָס־זשע, ס׳איז שוין טאַקי באַלד נאַכט?... און ווידער איז שטיל געוואָרען.

איין קוה האָט אָנגעשטויסען מיט די הערנער אין טויער פון פּאָדוואָר, אויסבע—ע—טשענדיג, אַז מען זאָל זי אַריינלאָזען. איין שיקסע האָט זיך זייטיג אַוועקגעצויגען פון רעדיל געהן אויפמאַכען, און איין

שייגעץ איז איהר נאָכגעגאַנגען. דער ערשטער האָט געקוקט אויף דער שיקסעס בלוזקעלע, וואָס האָט זיך אַזוי שטיל און צערטליך גע־הויבען, אַז די הערצער האָבען אַז ביי ביידע שטיל געקלאַפּט. און דער צווייטער איז געגאַנגען צו יענער העלפען איהר דאָס טהויער אויפמאַכען.

די שיקסע האָט זיך אַזש פערשעהמט און געשמייכעלט, די בעקעלעך האָבען זיך איהר גערויטעלט און דער שייגעץ האָט געפרעגט:

— „צאָ, טשענסקאָ ?“...

— „ווצאַליע ניע“... — האָט זי בעהאַלטענדיג דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט געוואָלט דאָס פּנים פון שמייכלען פערדעקען — געענטפערט. — און דעם שייגעץ'ס אויגען האָבען שוין אויך געשמייכעלט, קוקענדיג אויף איהר גאַנץ קיילעכדיגע ענטוויקלונג פון קערפּער.

— וועל'מיר געהן אַ ביסעל שפּאַצירען... — האָט דער שייגעץ פאָרגעלעגט. און נאָך דעם שייגעץ איז שוין דער צווייטער אויך נאָכגע־גאַנגען און יעדער פון זיי האָט זיך מיטגעפיהרט זיין פערשעהמטע דאַמע, וואָס האָבען זיך שטיל מיט שעמעוודיג־אַראָבגעלאָזטע פּנים'ער געלאָזט געהן נאָך די שקצים'ס אַקסלען, אַוועקשאַרענדיג זיך פון ז״דע־באָבעס שטיבעל אַוועק...

מען האָט זיך געלאָזט געהן אין פעל'ד אַריין, וואו אַ חראַבאַנטש האָט אָנגעהויבען אַרויסצופליהען אין דער פאַרנאַכטיג־שטיל'ער לופט, וואו אַ פערסוד'עט פייערל האָט אָנגעהויבען שטיל און ווייט אַרויס צושיינען פון אונטער ביימער אַפער... שטיל און ווייט האָט מען זיך פערבלאָנד־זעט, ווי עפּיס וואָלט זיי שטיל פערפיהרט און געצויגען, און מען האָט זיך פערזוימט ביז שפּעט אין דער נאַכט...

אַזוי נאַכט איין און נאַכט אויס, ביז די ביידע אַלטיטשקע האָבען זיך אָנגעהויבען שטיל צו קלאָגען איינס פאַר דאָס אַנדערע — זי, אַז עס האָט נישט ווער די קיה אויסצומעלקען און נאַכט ביי נאַכט שטעהען זיי אָב אויפ'ן הויף און מע־ע־טשען, אַז עס איז אַ גאָטס רחמנות, עס האָט זיי נישט ווער אַריינצולאָזען אין שטאַל. און ער, אַז ער איז אַלט, אַז ער קען שוין גאָר נישט טהון, דאָס אפילו, ווי אַ שטייגער, אויפצוהייבען

אַ שטעקעלע פון דר'ערד און אַריינציטרייבען די קיה אין שטאַל — אויך נישט...

„ער קען שוין גאָר נישט... ער קען שוין גאָר נישט"... האָט ער ביטערליך און שטיל צוגעמרוגעט מיט די ברעמען און מיט אַ פער־קריטט מייל, נאָר צום וויינען. און די שיקסלעך, ס'איז נישט זייער דאגה, זייער עסק געווען — אַלע שפּעט ביינאַכט פלעגען זיי אַריינקומען, מיטברענגען מיט זיך אַ שטילען סוד פון פעלד, און מיט שטילע פער־סוד'עטע אויגען פון דער דרויסען־פינסטערניש און מיט ווינטעלדיג אָבגע־ווייעטע האָר אויף די קעפּ, פלעגען זיי זיך גאַנץ שטילינקערהייד אַרויס־נעמען אַ צוויי „קולים'ס" אויף אַ נעלענגער אויפצוישפּרייטען און אַוועקגעהן מיט די שקצים שלאָפען אין שייער אונטער'ן בוידעם, וואו עס איז אָנ־געלייגט תבואה ביז אַרויף.

— טעכטערלעך, קינדערלעך — פלעגט די באָבעשי נאָכרופען — געהט נישט, קינדערלעך...

— ס'איז „רושנע" אין שטיבעל... פלעגען זיי ענטפערען שוין אין דרויסען שטעהענדיג...

— „ניעח, ניעח, — פלעגט דער אַלטער צישאָקלען מיט'ן קאָפּ — יוש ניע וויעק"...

די אַלטע פלעגט זיך צלם'ן ביז האַלבער נאַכט, זיצענדיג אין ווינקעל אין דער האַלב־פינסטערניש איינגעוועבט, בענאָסען מיט דעם רויטליבען שיין פון לעמפּעלע, וואָס האָט דאָרט אַראָבגעבלישצעט איבער איהר אַלטען קאָפּ, און דער אַלטער פלעגט ליגען אין בעטיל און קרעכצען, פיהלענדיג ווי די כחות געהען איהם אויס, און טאָג טעגליך האָט ער געזעהען, ווי די אַרבייט בײַ די שקצים שפּאָרט זיך נישט, אַזוי ווי זיי האָבען איהר אָנגעהויבען אַזוי ליגט זי נאָך — און דאָ, דער טויט שטעהט זיי שוין אונטער די פלייצעס. טאָג טעגליך ווערען די שקצים ערגעץ פערפאַלען און ער שטעהט מיט אַ טרער אין אויג איבער די שטיינער און בעקלאָגט זיי און פונדערווייטענס, פון וועלדיל, וואו זיינע אייניקלעך פּאַשען די בהמות, גיסט זיך אַ מידעליש געזאַנג אַרויס אין דער שטילער לופט אַריין — און דער אַלטער ווייס נישט וואו די שקצים זענען אַוועקגעקומען.

און איינמאָל שוין נישט קענענדיג מעהר אויסהאַלטען, און אַהיים קומענדיג צו זיין אַלטער אין שטיבעל אַריין אַ טויט־קראַנקער, אַ צובראָכענער, האָט ער צו איהר זיך געווענדעט מיט אַ שטילער קלאָג:

— נישט גוט, נישט גוט.., מען דאַרף זיך שוין געהן בעשטעלען „טרומנעס“...

און ביידע אַלטיטשקע לייט האָבען זיך אַרויסגעזעצט אין דרויסען אונטער׳ן פענסטער׳ל אויסקוקען די צוויי שקצים מיט טרערען אין די אויגען, ביז פאַרנאַכט, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען און אָנגעצונדען מיט איהרע לעצטע שטראַהלען די קליינע שייבלעך פון פענסטעריל איבער זייערע קעפּ.

דעמאָלט האָבען די צוויי אַלטיטשקע אויסגעזעהען, ווי פערשטיינערט, צונויפגעטוליעט אינאיינעם אַריין, נאָר די צוויי געל־פאַרמעטענע פּנים׳ער האָבען טרויעריג און בענקליך מיט גרויסע אויסגעשטעלטע אויגען נאָכגעקוקט דער ליכטיגער זון, וואָס האָט זיך שוין געהאַט האַלב פערזונקט מיט איהר פייערדיג געשטאַלט אונטער דעם וואָלקען־פּאַס, וואָס איז געלעגען אויף מערב־זייט. און איינס פון דאָס אַנדערע, זיי פון דער זון און די זון פון זיי האָבען זיך נישט געקענט מיט זייערע לעצטע בליקען אָברייסען.

ביז די נאַכט איז אָנגעקומען, און די דאָזיגע צוויי אַלטיטשקע זענען געבליבען זיצען פערשטיינערט אין דער זעלבער פּאָזע איינגעהילט אין דער נאַכט־פינסטערניש און צוגעטוליעט איינס צו דאָס אַנדערע, און אַזוי איז זיי שוין די נשמות אויסגעגאַנגען — — — — — — — — —

און ווידער איז אַמאָל אויפגעגאַנגען די זון און ווידער אונטערגעגאַנגען און שוין פערגעסען אָן די צוויי אַלטע לייט, וואָס זי האָט געלאָזט זיצען אונטערען פענסטער, ווי צוויי אויסגעליידיגטע שטיקער קאָרע, אויסציהענדיג פון זיי זייער לעצטען בענקשאַפטליכען בליק — און אַריינקוקענדיג צו זיי אין שטיבעל אַריין האָט זי צוויי נייע נשמה׳לעך דערבליקט, ערשט געבוירענע פון צוויי יונגעטשקע מוטערלעך. און אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, האָבען שוין די צוויי יונגע נפשות׳לעך ביי די מוטערלעך אויף די הענד געקוקט מיט ליכטיגע אייגעלעך דורך די שייבלעך אַדורך, ווי די צוויי אַלטיטשקע אַ מאָל — און פּאָר זייערע אויגען האָט זיך

ענטפלעקט אַ נייער הימעל מיט אַ ניי שטיק פעלד, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען נישט די „פּאָמניקעס״, אָבער בּיידעס קינדערישע בּליקעלעך...

און די „פּאָמניקעס״ האָבּען די שקצים ניט געמאַכט.

---

# די באַבעשי׳ס אבהיטען.

צוויי באָבעשים האָבען אַמאָל שטאַרק נישט געקענט רוהען פון דעם, וואָס זייער אייניקעל, אַ מיידעל פון אַ יאָהר דרייצעהן־פירצעהן, שרה׳לע האָט זי געהייסען, וואַקסט שוין אונטער און ס׳איז זי נישט מעגליך צו פערהיטען פון מאַנסבילשע אויגען. זיי האָבען זיך שטאַרק גענומען צום האַרץ און אַזוי פיל געטראַכט וועגען דעם, אַז נאַכט אויף נאַכט האָט זיך זיי שוין אָנגעהויבען צו חלום׳ן, אַז אָט האַפּט מען זי, אָט נעמט מען זי — און געבען אַ קום אויף, אַלע מאָל אַנ׳אַנדערע, פון שלאָף מיט אַ געשריי: הוא אלקים — שמע ישראל!... און אויסגעגלאָצט די אויגען צום קינד מיט אַ צאַפּעל אין די הענד, צי דאָס קינד איז דאָ, צי דאָס קינד ליגט, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז עס האָט זיך זיי איינמאָל געחלומט, אַז אַ רויטער גוי מיט רויטע וואָנסעס האָט ביי זיי דאָס קינד אַוועקגעכאַפּט מיט געוואַלד און עטלאָפען דערמיט אונטער דער שטאָדט אויף אַ פעלד אַרויס...

דאָ איז שוין געוועזען אַ ביטער עסק און די ווייבער האָבען זיך עס שוין נישט געקענט שענקען. זיי האָבען אַ קודם געמאַכט אַ געוואַלד צווישען זיך, דאָס איינציגע מיטעל, וואָס זיי האָבען דערווייל געקענט טהון, און דערנאָך, צו מאָרגענס באַלד אין דער פריה, אַזוי ווי ס׳איז נור טאָג געוואָרען, האָבען זיי גענומען די פאַטשיילעס אויף די קעפּ און געגאַנגען נאָך עפּעס טהון דערפאַר.

— הייליגער רבי — זענען זיי צום רבי׳ן אַריינגעפאַלען מיט אַ געשריי — עס האָט זיך אונז געחלומט אַ שלעכטער חלום, און ס׳איז נישט דאָ ווער עס זאָל איהם פּותר זיין, נור פריהער גאָט און דערנאָך איהר.

— וואָס הייסט — האָט דער רבי געפרעגט — האָט זיך אייך ביידע גלייך געחלומט?

— ניין, הייליגער רבי, נישט ביידע גלייך, נור ס׳איז איין חלום...

— נישט ביידע גלייך, נור ס׳איז איין חלום? הייסט עס, אַז איינער האָט ער זיך פריהער געחלומט און דער אַנדערער שפּעטער? נור ס׳איז איין חלום?

— ניין, הייליגער רבי; עס האָט זיך נור געחלומט איינער, נור דער חלום איז ביידע׳ס חלום.

— איך פערשטעה אייך נישט... — האָט דער רבי שוין אַזש אַ הייב געטהון מיט די אַקסלען.

— ווי הייסט, הייליגער רבי, איהר פערשטעהט נישט?...

— נו הכלל — מאַכט דער רבי — איך פערשטעה אָבער פּאָרט נישט... נור דערצעהלט שוין, דערצעהלט, לאָמיך שוין הערען וואָס...

— הייליגער רבי, זעהר נישט קיין גוטער חלום, כ׳האָב איהם מורא פאַר׳ן מויל צו ברענגען.

— נו וואָס זשע ווילט׳ץ פון מיר... איך קען דאָך נישט פאַר אייך דערצעהלען? — האָט דער רבי זיך שוין געדרעהט אויפ׳ן שטוהל.

— איך ווייס, הייליגער רבי, אַז איהר קענט נישט דערצעהלען... נור וואָס זאָלען מיר פּאָרט טהון?!...

— טהוט וואָס איהר ווילט! — האָט דער רבי געזאָגט — און ס׳אַנדערע, וואו שטעהט עס געשריבען, אַז דער חלום איז אַ שלעכטער חלום? עס איז גאָר נישט פאַרהאַנען קיין שלעכטער חלום אויף דער וועלט — האָט זיך דער רבי אָנגעבייזערט, ווילענדיג זיי אַ ביסעל גרינגער מאַכען אויף די הערצער — חלומט זיך חלילה פון געשטאָרבען, לעבט מען לאַנג, חלומט זיך חלילה, אַז ס׳איז יום כפור, האָט מען פערגעבען די עבירות, און חלילה אַז דער בעליק האָט זיך איינגעבראָכען, איז אַ סימן, אַז דער מאַן וועט לאַנג לעבען...

— ס׳טייטש, רבי, הייליגער רבי, מיר האָבען דאָך שוין קיין מאַן נישט, נישט איך און נישט זי...

— הייסט איהר דאָס גיטעל, דאַכט זיך ?... האָט דער רבי געפרעגט.

— יאָ, הייליגער רבי, בת באַשע... — האָט איינע אונטער־געהאָלפען.

— זענט איהר דאָך, הייסט דאָס...
— יאָ, די אלמנות... — האָט די אַנדערע אונטערגעהאָלפען.
— און וואָס האָט זיך אייך געחלומט ?
— אַז אַ רויטער גוי מיט וואָנסעס איז געשטאָרבען... — האָט זיך איינע עפּעס פלוצלינג אַרויסגעחאַפּט.

— הא — האָט דער רבי זי געגעבען אַ קוק אָן — אַז אַ רויטער גוי מיט וואָנסעס איז געשטאָרבען ?..

— ניין, הייליגער רבי, אוי דער קאָפּ איז דאָך מיר אַזוי פער־האַקט, אַז עס געהט מיר גאָר נישט אַרויס מיין אייניקעל פון זינען. און איהר האָט דאָ געשמועסט פון שטאַרבען, שונאי ישראל, איז דאָך גלייכער איידער מיין אייניקעל, אַז דער רויטער גוי זאָל שטאַרבען...

— וואָס פאַר אַ רויטער גוי ? — האָט דער רבי געפרעגט שוין פערוואונדערט.

— ניין, הייליגער רבי, איך וויים גאָר נישט, נור איך זאָג נור גלאַט אַזוי...

— און ס׳אַנדערע, וואָס פאַר אַ מחותן איז דאָ אַהער אייער אייני־קעל — האָט זיך אייך חלילה אַזוי געחלומט ?...

— ניין, הייליגער רבי, עס האָט זיך מיר גאָר נישט געחלומט... נור מען האָט דאָ געשמועסט פון שטאַרבען...

— נו, טאָ איז גאָרנישט... — האָט דער רבי אָבגעריסען — נו טאָ געהט זשע אַהיים געזונטערהייט, ווייבער... וועט אייער אייניקעל לאַנג לעבען... — האָט דער רבי צוגעוואונשען, מיינענדיג אַז דאָ האָט ער שוין געטראָפען, ווייל זיי האָבען מורא אויסצוזאָגען, אַז עס האָט זיך זיי געחלומט אויפ׳ן אייניקעל, עס זאָל נישט הייסען אויסגעלעגט צום שלעכטען. און די ווייבער ווייטער מיינענדיג, אַז זיי האָבען שוין אַ ברכה פון רבי׳ן, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען, נור אויפ׳ן וועג זענען זיי

זיך צוריק מישב, אַז זיי האָבען גאָר נישט גערעדט צו דער זאַך, און פאַלען צוריק אַריין צום רבי׳ן אין שטוב מיט אַ יללה:

— ס׳טייטש, הייליגער רבי, מיר האָבען דאָך גאָר נישט גערעדט צו דער זאַך, וואָס טהוט מען מיט דעם קינד, עס לויפט דאָך אונז אַרום אויף אַלע לאָנקעס, אויף אַלע גראָזען, און איהר ווייסט דאָך, אַז ס׳איז איין אויג אין קאָפּ — טאָ ווי אַזוי זשע זאָל די באָבעס האַרץ נישט אויסגעהן פאַר שהעק, אַ טאָמער חלילה אַ שייגעץ, אָדער אַ גוי... די שעה זאָל נישט זיין דערבײַ...

— ווי אַלט איז זי שוין? — האָט דער רבי געפרעגט.

— זי איז שוין אַלט קיין עין הרע 13 יאָהר, 14 יאָהר.

— פערצעהן יאָהר? — האָט דער רבי זיך געוואונדערט.

— יאָ, יאָ, הייליגער רבי, פערצעהן יאָהר.

— הייסט זי דאָך שוין קיין עין הרע אַ היבשע בתולה — האָט דער רבי געזאָגט.

— יאָ, אַוודאי... — האָבען זיך די ווייבער שוין שיער צו־חליפּעט.

— נו, מילאָ נו, לאָזט מען זי נישט אַרומלויפען אַליין.

— נו, וואָס זאָלען מיר טהון, הייליגער רבי?

— מען דינגט זי אָן אין אַ חדר אַריין, — האָט דער רבי געזאָגט.

— ס׳טייטש, רבי, איז זי דאָך אָבער איין אויג אין קאָפּ, אַז מיר זעהען זי נישט אַ האַלבע שעה, עקט זיך דאָך שוין אונזער לעבען, און ווי אַזוי קענען מיר אונזער אייגען קינד מיט אינזערע אייגענע הענד אַליין אַוועקגעבען פון שטוב אַרויס?

— איך זאָג, אַז מען זאָל אַוועקגעבען! — האָט דער רבי אַזש אַ ציטער געטהון און בײַ די ווייבער האָבען זיך אייך האָר און נעגעל אויפגעשטעלט קאַפּויר — מען לאָזט נישט אַזוי אַ יודישע בתולה... — האָט ער נאָך אַ מאָל אַ געשריי געגעבען.

די ווייבער האָבען זיך אַיינגעקורטשעט, ווי די טרישצעקלעך און זענען באַלד פון שטוב אַרויס.

נור געהענדיג האָבען זיי שוין די קלאַמקע פון דער מהיר נישט געפונען, אַזאַ בלענדינקייט און צומישטקייט פון שרעק איז אויף זיי געפאַלען, אין אין דרויסען ערשט זענען זיי שטעהן געבליבען פעראירטע און נישט געוואוסט, וואו זיך צו ווענדען, די האַלב-טאָגעדיגע ליכטיגקייט איז פאַר זיי פינסטער געווען אין די אויגען.

— געוואַלד — האָט איינע אויסגעשריגען אויפהייבענדיג די הענד צום הימעל — רבונו של עולם, צי איז שוין דער גזר אַזוי נאָהנט?!

— שאַ, שאַ — האָט זיך די אַנדערע איינגעקורטשעט פאַר שרעק -- וואויוועי נישט אַזוי...

— צי זעהסט דו דען נישט, ווי דאָס אומגליק איז שוין אַזוי נאָהנט. אָט האָסט דו דאָך געהערט און געזעהן, ווי אַזוי דער רבי איז געוואָרען... ער האָט דאָך אַזש אינגאַנצען געציטערט — וועה איז מיר, וואָס איז אונז דאָ צוהאַנען געקומען!

אין ביידע ווייבער האָבען זיך מישב געווען און צוריק אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן.

— הייליגער רבי, הייליגער צדיק — האָבען זיי ערשט אַצונד רעכט אָנגעהייבען צו לאַרמען — איז עס שוין חלילה אַ גזר, זאָל עס צוריסען ווערען!...

— וואָס פאַר אַ גזר, וואָס פאַר אַ צוריסען ווערען?... — האָט שוין דער רבי אָנגעהויבען צו שטאַמלען און געמאַכט מיט דער האַנד -- ווייבער גזלנות'טעס, וואָס האָט איהר זיך אָן מיר אָנגעטשעפּעט?

— הייליגער רבי, מיר ווערען נישט אָבטרעטען — האָבען די ווייבער אַזש געחליפעט, — ביז איהר וועט אונז נישט צוזאָגען...

— וואָס צוזאָגען און ווען צוזאָגען? — און ער האָט זיי שוין טאַקי נישט געקענט פּטור ווערען, ביז וואַנען ער האָט זיי פון דער טהיר אַרויסגעשטופּט אפשר מיט ניינציג ברכות אויף זייער קאָפּ, אַז זיי זאָלען גרינג האָווען דאָס קינד, האָבען אַ גרויס נחת פון איהר, און זאָלען איהר אויך אָנדינגען אין אַ חדר אַריין. -- ס'איז גלייכער — האָט דער רבי געזאָגט — אַ קודם אַ קינד, מילאָ, אַז איהר שרעקט זיך אַזוי פאַר איהר, אַלעהיי זי וועט פערשפּאָרען אַזוי אַרומצולויפען.

שוין... די ווייבער זענען שוין אַ היים געגאַנגען אַ ביסעל רוהיגער.

אַ מלמד אין אַ חדר, מילא דאָס איז געווען דאָס ערשטע. זיי האָבען אפילו די מזוזות אויך אַראָבגענומען און געשיקט זיי צום סופר איבערזעהן; שרה׳לען אַ ביטעלע אויפגעהאַנגען אויפ׳ן האַלז פאַר אַ קמיע, און דערנאָך ערשט האָבען זיי געהאַט נאָך אַ קליינטשיק שטיקעלע אָפּערַאציע׳לע, שרה׳לען אַ ביסעלע מוסר צו זאָגען: אַז זי זאָל ווייסען זיין, אַז זי איז שוין ניט קיין קליין מיידעלע, אַז זי זאָל זיך שוין פיהרען אַביסעל צניעות׳דיגער, ווי זי פיהרט זיך; נישט טאַנצען, נישט שפּרינגען איבער דער גאַס, ווי עס פּאַסט להבדיל פאַר דעם אַפּטייקערס, דעם שכנ׳ס שיקסלעך, וואָס שפּרינגען איבער רייפען, יאָגען זיך מיט באַלעמעס אין אַזוינע קורצע קליידלעך אַרום, אַז ס׳איז אַזש אַ חרפּה צוצוקוקען, און דערביי האָבען זיי איהר אויך דערצעהלט פון אונזער מוטער שרה׳ן, וואָס נאָט האָט זיי געהייסען, איהר מיט איהר מאַן אברהם אבינו, געהן אין אַ פרעמד לאַנד אַריין, און אויפ׳ן וועג האָט זי זיך פערשאַרצט אַביסעל דאָס קלייד, ווען זי האָט געדאַרפט אַריבערשפּרייזען איבער אַ וואַסער׳ל און זי האָט מורא געהאַט, אַז זי זאָל עס נישט אייננעצען. ערשט דעמאָלס האָט אברהם אָבינו דערזעהן איהר שענע לייב, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט הינטען אין וואַסער פון אונטער איהר קלייד אַפּער, און אין וואַסער איז דאָס לייב אויסגעקומען נאָך שענער, ווי פון אַ שפּיגעל אַרויס...

— ווי אַזוי?.. — האָט שרה׳לע געפרעגט, בשעת מעשה אַ חאַפּטהוענדיג דאָס קליידעל אין דער הויך, און פאָרשטעלענדיג זיך, ווי זי געהט איבער אַ וואַסער׳ל געבען אַ שפּרייז אַריבער, האָט זי דערווייל די פיסלעך צושפּרייט.

— נו, שיקסע הצופה, לאָז אָב... — האָט איהר דערווייל איין באָבע געגעבען אַ פּאַטש איבער׳ן הענדטעל, און וועלכען זי האָט געהאַלטען דאָס קליידעל אויפגעהויבען.

שרה׳לע האָט אָבגעלאָזט דאָס קליידעל און אָנגעקוקט די אַלטע באָבטשעלעס פערוואונדערט מיט צוויי וואונדערליך שענע בלאָהע אויסגעשטעלטע אויגען, פאַר וואָס מען זאָל ניט טאָרען דאָס קליידעל אויפהויבען.

נור די באָבטשעלעס האָבען באַלד אָנגעהויבען:

— אַ מיידעל טאָר נישט אַזוי... כ'האָב דאָך דיר ערשט דערצעהלט פון אונזער מוטער שרה'ן, ווי זי האָט זיך דאָס קלייד אויפגעהויבען אַריבערצוגעהן איבער אַ וואַסער'ל, האָט ערשט אברהם דעמאָלס געקענט זעהן, ווי שען זי איז. אָבער פריהער האָט זי איהם נישט געוויזען, אַ מיידעל טאָר נישט ווייזען...

— קיינעם נישט? — האָט שרה'לע געפרעגט — אפילו אַ באָבען אויך נישט?...

— קיינעם נישט, אפילו פאַר די ווענד אויך נישט...

שרה'לע האָט פערשוויגען, דעם שענעם קאָפּ מיט די ברעהמען אַראָבגעלאָזט צו דער ערד — און דאָס ערשטע מאָל אין לעבען זיך ערשט פערטראַכט וועגען דעם, וואָס אַ מיידעל טאָר נישט אויפהויבען דאָס קליידעל און טאָר נישט אַרויסווייזען איהר נאַקעט לייב...

עס האָט איהר עפּעס געדרעהט אין מה'ל, גענאָגט אין הערצעל נאָך אין דער זעלבער נאַכט אויפ'ן געלעגער — נור מילא, אַז מען טאָר נישט, טאָר מען נישט... און אויף צומאָרגענס אין דער פריה איז זי שוין געגאַנגען אין חדר אַריין.

דערווייל איז געוועזען אַ שענער טאָג. די געבליהטען האָבען זיך געשיט פון די בוימער, און שרה'לע, געהענדיג שען אויסגעפּוצט מיט אַ רויט ראָזע בענדיל אַיינגעפלאָכטען אין שענעם אויסגעקעמטען קאָפּ האָר, האָט זיך דערווייל בעקאַנט מיט אַ יונגעל אויף דעם זעלבען וועג אונטער אַ בוים — וואו דאָס יונגעל איז געשטאַנען און געהאַקט מיט שטיינער אין די צווייגען אַריין, אַז די געבליהטען זאָלען זיך שיטען און שרה'לע זאָל קלייבען...

זי האָט אָנגעקליבען אַ פול פאַרטוכעל, די בעקעלעך האָבען זיך פערראָיטעלט אַזוי שען, און עפּעס אַזאַ שטיל שטום געפיהל האָט זי צום יונגעל אָנגענומען, אַז זי איז די גאַנצע צייט דרעהענדיג זיך אַרום איהם, אַלץ נור געווען שעמעוודיג מיט אַראָבגעלאָזטע לאַנגע זשענסעס איבער די אויגען, וועלכע זי האָט נור צייטענווייז אויפגעהויבען מיט אַ שטיל בליקעל פון אונטער'ן שטערן אַפער. און דעמאָלס האָט זי זיך שוין מיט דעם יונגעל נישט געשיידט אויף אַ גאַנצען טאָג און זענען ביידע פערבלאָנדזעט געוואָרען אונטער'ן בית עולם אַרונטער, דאָרט וואו ס'איז אַזוי שטיל, אַזוי לעדיג, און דאָס פעלד אַזוי ברייט צו רייסען טשאַטשקעלעך...

שרה׳לע האָט אַלע טאָג געקליבען טשאַטשקעלעך מיט אַלערליי בלאָהע און רויטע בלימעלעך, נור עפּעס איז עס געווען אַזוינע בליי־מעלעך, אַז שרה׳לע האָט זיך געשעמט זיי אַהיים צו ברענגען פאַר די באָבעשים...

פון דעמאָלס אָן איז שרה׳לע געוואָרען אַ סך שטילער, אַ סך גע־לאַסענער, בעהאַלטענער אין זיך און פלעגט מען שמועסען עפּעס פון מאַנספּערשוין און נקבה, ווי עס מאַכט זיך אַ מאָל אין שטוב — פלעגט שוין שרה׳לע אַוועקגעהן אָן אַ זייט, און די באָבטשעלע׳ס האָבען גע־זאָגט אויף איהר, אַז עס וואַקסט אַ צנועה גדולה, אַ כשר קינד... ווי גאַנץ אָפט פלעגט זיך שוין אונטער שרה׳לעס ווינקלען־ברעהמעלעך צו בעווייזען אַ שעלמיש שמייכעלע אויף דעם רעכנונג פון די באָבטשעלע׳ס געניטשאַפט אין אַזוינע זאַכען...

# חיים אהרן.

איינמאָל שבת בײטאָג האָט ער זיך אױפגעכאַפּט פון שלאָף און אַריבערגעקוקט צו איהר אין בעט קעגענאיבער.

שוין אַ צייט ווי דער דאָרשט מאַטערט איהם אין שלאָף, נאָר ער האָט זיך אַלץ נישט געקענט אויפכאַפּען, און אַצינד אַריבער־קוקענדיג צו איהר, דאַכט זיך איהם, אַז זי רודערט זיך עפּעס אין שלאָף.

— חנה רייזע, חנה רייזע! — וועקט ער זי.

— וואָס איז?

— דיך דאָרשט אפשר?

— ניין. — ענטפערט זי.

ער בלייבט ליגען צוריק רוהיג, און קלערט ווי אַזוי אַראָבצוגעהן ערשט אויף דער פּאָדלאָגע, באָרפיסערהייד פון אונטער'ן וואַרמען איבער־בעט אַרויס.

— דאָרשט דיך נישט, זאָגסט דו! — פרעגט ער נאָכאַמאָל.

— ניין — מיך דאָרשט נישט, און דיך?

— מיך! — אַ ביסעל...

— נו וואָס־זשע ליגסט דו?

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי...

חנה רייזע האָט זיך אויפגעזעצט, קנאַקענדיג זיך די פינגער און ציהענדיג זיך. — דערנאָך איז זי אַראָבגעקראָכען פון בעט און אָנ־אַרומגעבונדען קעפּעל מיט אַ רויט פאַטשײליכעל, פון וועלכען די צוויי עקען האָבען זיך איהר הינטען נאָכגעשאָקעלט, און איז צוגע־גאַנגען צו'ם קענדעלע, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער טיר אויף אַ ברעטעל.

נאָר דאָס קענדעלע איז טרוקען געווען.

— און וואָס טהוט מען אַצינד, חיים אַהרן, ס'איז קיין וואַסער נישט דאָ!...

ער האָט אָנגעשטעלט די אויגען אויף איהר מיט אַ בעטענדיגען בליק, און געמאַכט אַזאַ נעבעך־פּנים'ל, ווי איינער, וואָס האָט שוין קיין כח נישט צו רעדען פאַר אויסגעטריקענטקייט אין גומען, לעכצענדיג נאָך אַ קראָפּליע וואַסער די ליפּען צו בענעצען.

זי ווייטער האָט אָבגעזיפצט, אָבגעקרעכצט און אַרויפגעצויגען אויף זיך פריהער די ספּאָדניצע. דערנאָך דעם מאַנס שטיוועל, אַרום־געבונדען זיך מיט דער פּאַטשיילע אַרום די אַקסלען און גענומען דאָס קענדעלע אין דער האַנד אַריין.

זי איז אַרויס פון שטיבעל און חיים אַהרן איז געבליבען אַליין. —

ס'איז געווען שטיל. אַ גריל האָט געשפּיעלט פון אונטער דער הרובע אַרויס, וואָס האָט דאָס שטיבעל פיל געמאַכט מיט איינזאַמע קלאַנגען, און חיים אַהרן איז געלעגען מיט אַ שיטער אויפגעשפּיצט בערדעלע צום בעליק אַרויף און אַיינגעהערט זיך...

אָפט האָט פון אונטער'ן פענסטערל זיך געהערט דאָס אויפחאַפּען פון אַ ווינטעל. די נאַקעטע צווייגלעך פון אַנ'איינזאַם ביימעל אונטער'ן פענסטער האָבען זיך אַלע מאָל אויפגעחאַפּט מיט אַ שיידער און צוריק ענטשוויגען געוואָרען. און דער גאַנצער דרויסען האָט אויסגעזעהן אין אַ ווייסליכען נעבעל אַיינגעהילט, וואָס קוקט אַזוי ווי דורך פערהויבטע ברילען דורך דעם קליינעם פענסטערל אין שטיבעל אַריין.

„נאָך אין דער פריה — האָט חיים אַהרן געקלערט — האָט ער געזעהען אַ ווייסליכען ווילגאָטש אויף די דעבער ליגען, צאַפּענדלעך אַיין האָבען אונטער די שינדלען אַראָבגעהאַנגען — און אַצינד האָט שוין דער פראָסט געמוזט איגנאַנצען לאָזען!“

ער וואָלט געוועזען אַ בעלן צו זעהן, ווי אַזוי דער הימעל זעהט אויס: „צי האָט ער נישט אַ בלייערנעם קאָליר“ — האָט ער גע־טראַכט — און דעמאָלט וואָלט ער שוין געוואוסט, ווי עס האַלט מיט דער „פּאָגאָדע“...

נאָר דערווייל האָט זיך עמיצער אָנגערוקט אונטער דעם פענסטערל

און עס איינגאַנצען פערשטעלט פון דער ליכטיגער שײַן: אַ יודענע מיט אַ גראָבער פאַטשיילע אַיינגעהילט און מיט אַ ירגזון אין די אויגען ליגט איהם איינגאַנצען אין פענסטערל:

— חיים אהרן, חיים אהרן איז דאָ?

— וואָס איז עס? — טהוט ער זיך אַ זעץ אויף.

— געהט נאָר, אײַער חנה רויזע איז אַרייַנגעפאַלען!...

— אַרײַנגעפאַלען!... — איז ער געבליבען זיצען אַ פערשטיינער־טער, און זי האָט איהם אַ האַלב לעבען צוגענומען...

ער איז אראָב פון בעט, אין פלוג אַ ביסעל צוטומעלט, מיט די הויזען אין דער האַנד, נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט קיין שטיוועל נישט, אַז זי האָט זײַנע שטיוועל אָנגעטאָן. און נאָך ערגער, ער האָט געוואָלט חאָטש פרעגען, ווי אַזוי דאָס איז געשעהן — נאָר די יודענע איז שוין אויך נישט געווען.

חנה רויזע אין דעם מאַנס געקאָוועטע שטיוועל אָנגעטהון, פאַר דעם ברונען איז געווען אײַז אײַנגעפרוירען — און אַ צוטיעפעןֹ בײַג האָט זי זיך אויך געטהון — האָט זיך איהר די קליוטשקע אויסגעריסען פון דער האַנד, אַרויפפליהענדיג מיט אַנ׳אימפעט אין דער הויך — און זי האָט געמאַכט אַ קאָזשעליק אין דעם ברונען אַרײַן.

אַ מערכה דער רוקען פון דער קליוטשקע, וואָס וויגט זיך איבער׳ן שטעהענדיגען קלאָץ אַראָב און אַרויף, איז ענטלאָפען מיט דעם שפיץ אין דער הויך, און אַלץ האָט אָנגעהויבען צו קנאַקען און צו סקריפּען, אַזוי אַז דאָס האָט דאָס געסעל אַ ביסעל אויפגערודערט און פנים׳ער האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען אויף די שײַבלעך פון די אַרומיגע הײַז־לעך, קוקענדיג פערוואונדערט איבער דעם ברונען — און עמיצען איז אײַנגעפאַלען, אַז דאָ האָט עפּעס פּאַסירט.

שוין לאַנג, ווי די בעלי־בתים פון דעם געסעל ווילען זיך צונויפ־נעהמען אַוועקצוהאַקען דאָס אײַז אַרום דעם ברונען, ווײַל מען האָט מורא געהאַט, אַז עמיצער זאָל נישט געשטרויכעלט ווערען, נאָר בײַ וועלכען יוד, דער וואָס האָט שוין אַ הייזעל, איז עס דער רידעל נישט אויסגע־שטשערבעט, אָדער דאָס העקעל נישט טעמפּע, האָט מען די זאַך דער־ווײַל אָבגעלעגט. און אָט אַצינד שטעהען די אַלע בעלי־בתים אַרום דעם ברונען אין זײַערע ברייטע חאַלאַטען מיט די ברייטע קאַשקעטען און צו־

פלאָשעטע פאות. און איינער דעם אַנדערען קוקט אָן מיט אַ ציטער אויף די בּלייכע ליפּען, ווי מען וואָלט מורא געהאַט פאַר דעם מייל אַרויס=צוּבּרענגען דאָס, וואָס דאָ איז געשעהן.

— ווער איז עס?! — האָבּען זיך יודען מיט פּנים׳ער איבּער דער טיעפקייט פון דעם בּרונען אַריינגעבּויגען און אַריינגעשריגען מיט הוילע ווידער=קולות אין דער טיפעניש אַריין.

נאָר פון אינוועניג האָט זיך געהערט, ווי אַ פערדומפּען פּישטשען פון אַ שוואַך פויגעלע.

— אַ מענש!... אַ מענש!... — האָבּען אַלע בּעשלאָסען און גע=קראַצט זיך אין די קעפּ פאַר גרויס צער — און מען האָט געקלערט, וואָ נעהמט מען דעם בּעדנער, אַ הויכער גוי מיט אַ לאַנגען בּאָסיק, וואָס האָט געוואָהנט אויפ׳ן עק געסעל.

און דערווייל האָט מען איהר געפּרובּט די קליטשקע אַראָבּלאָזען צום גרונד, אַז זי זאָל זיך אָננעהמען דאָרט אונטען אָן איהר, נאָר אינע=וועניג איז זי געשטאַנען, ווי אַנ׳איינגעקרימט פערזעהעניש, טיעף, פון וואַנען עס האָט זיך אַרויסגעבּליכט אַ ווייבּעריש קליין פּנים׳ל מיט אַרויפ=געריסענע אויגען אין דער הויך, ציטערנדיג פאַר קעלט און זי האָט זיך גאָרנישט געקענט העלפען.

— און וואָס טהוט מען אַצינד? — האָבּען יודען אָנגעהויבּען צו קוקען איינער אויף דעם אַנדערן בּעטריבּט. און ווייבּער האָבּען שוין אָנגעהויבּען צו הייבּען די פאַטשיילעס אויף די קעפּ פאַר אונרוהיגקייט, און געמאַכט נעבּעך פּישטשענדיגע פּנים׳ער.

— געוואַלד, ראַטעווען!... — האָט איינער דעם אַנדערען אָנגע=הויבּען אונטערצושטויסען, און מען האָט זיך אָנגעהויבּען צו האַפּען, דאָ מיט אַ רוק אַהין, דאָ מיט אַ רוק אַהער — נאָר מען איז געשטאַנען אַלץ אויף איין אָרט און מען האָט געגלאָצט די אויגען פאַר צוטומעלט=קייט. בּיז גאָט האָט געהאָלפען און דער הויכער גוי, דער בּעדנער מיט דעם לאַנגען בּאָסיק, איז עפּעס ווי פון הימעל אַראָבּ צוגעשיקט געוואָרען.

האָט ער, אָנקומענדיג פאַר דעם בּרונען, אַרומגענומען מיט איין פינקלענדיגען בּליק דעם גאַנצען עולם פון אַרום און געגאַנגען ווייזען בּריה׳שקייט. האָט ער זיך פריהער גאַנץ גוט אַיינגעריבּען די הענד אין

שנעע, ביז עס האָט שוין געשלאָגען אַ פּאַרע, און דאָס בּלוט האָט געקאָכט. דערנאָך האָט ער זיך אַרויפגעגליטשט מיט דעם בּאָסיק אויף דעם בּערגעל אײַז פאַר דעם בּרונען און גענומען גריבּלען דאָרט אינווענינג.

פלוצלינג! ער האָט זי און ציהט זי, דער בּאָסיק געהט שווער, און ער מיט בּיידע הענד דריקט איהם צו דער אויסגעשטעלטער בּרוסט מיט אַנ'אָנגעשטרענגטען קאָפּ צווישען די אַקסלען, עס ווערט שוין אַ געשטרעקערײַ פון הענד איבּער דעם בּרונען מיט אַ פלאַטער אין די אויגען, וואָס ווילען איהם קומען צו הילף, און די ווײַבּער שטעהען שוין מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם, וואָס חאַפּען אונטער מיט די אויגען דעם גוי'ס יעדע העויה פאַר אָנגעשטרענגטקייט צו וועלען איהם העלפען, נאָר דער גוי שרייט: „נע, נע!“ — מיט אַנ'אָנגעבּלאָזערנער טראָמבּע, נישט לאָזענדיג קומען זיך צו הילף, און אַז ער האָט זי שוין געהאַט גאָר אין דער הויך, נאָר בּײַ'ם קאָלנער אָנצונעהמען, טהוט זי זיך פלוצלינג צוריק אַ ריס אָבּ, אַ פאַל און אַ פלעסק אַראָבּ אין וואַסער!.., דער גוי בּלײַבּט שטעהן מיט אַ לעדיגען גרינגען בּאָסיק אין דער האַנד ווי פערשטײַנערט און אַלע יודענס פּנים'ער ווערען ווי אויסגעלערט, ווי עפּעס וואָלט זיך זיי אין האַרץ אָבּגעריסען, און די אויגען בּלײַבּען אויסגעגלאָצט, אויף אַ מינוט, אָנקוקענדיג אײַנער דעם אַנדערען.

— איהר געהט אַוועק! — גיט דער גוי אַ ריטש אַרויס — „בּאָ יאַ וואַס ווישיסטקיך!“ — — — און דער קאַרק גיסט זיך איהם מיט בּלוט אָן, פינקלענדיג מיט די אויגען אויף די אַרומיגע דערשראָקענע פּנים'ער.

האָבּען זיך די יודען אָבּגערוקט אָן אַ זײַט פאַר דעם צורר, און געלאָזט איהם אַליין זיך מתעסק זיין איבּער חנה רויזען, מען האָט מורא געהאַט, אַז פאַר גרויס רשעות זאָל ער זי נישט אָנהויבּען אַרויס־צונעהמען פון דאָרט מיט אַזאַ כּעס און מיט אַזאַ געשווינדיגקייט, אַז ער קען איהר נאָך מיט דעם בּאָסיק דאָס פלייש פון די בּיינער אָבּשיילען.

נאָר דערווײַל, ווי דער גוי האָט געזעהן, אַז אַלע רוקען זיך אָבּ און לאָזען איהם אַליין האָט נאָך ערגער נישט געטויגט, און ער האָט זיך ווידער גענעבּען אַ וואָרף, ערשט שוין אויף אַ רעכטען אמת:

— „צאָ יאַ בּענדאָ פּראַצאָוואַטש זאַ וואַס!“ — און געגעבּען אַ חאַפּ אַרויס דעם לעדיגען בּאָסיק פון דעם בּרונען אַרויס, אַ וואָרף אַרויף איהם צו זיך אויפ'ן אַקסעל און געמאַכט אַ ויברח מיט לאַנגע

שפרייזען איבער דער גאַס, אַז דער קאָפּ האָט זיך איהם אַזש גע־
שאָקעלט; און געשאָלטען און גערזידעלט אַ גאַנצען וועג: „נעח וואַס
און נעח וואַס!...‟ ביז ער איז פערשוואונדען געוואָרען אויפ'ן עק
געסעל.

און וואָס דער סוף איז געווען מיט חנה רויזען, צי האָט וועלכער
בעל־בית אַראָבגעגעבען די לייטער פון זיין דאַך אַראָב, צי האָט מען
זיך אויף אַ שטריק אַראָבגעלאָזט, און זי אונטערגעבונדען אונטער די
אָרעמס — אַרויסגענומען האָט מען זי, נאָר שוין גאָר שפּעט ביינאַכט.
מחמת דאָרטען די יודען האָבען נישט קיין טבע זיך צו איילען. אין
רוהיג שטילע צייטען געהט מען זיך דאָרט צו יעדע זאַך מיט געצעהלטע
אויסגעמאָסטענע טריט, מיט אַ גלעט איבער דער באָרד און שטילער
בנעימות'קייט אין פּנים, אַזוי, אַז מען ריהרט קוים מיט די טריט די
ערד אָן.

און חיים אהרן ווייטער, ווייל חנה רויזע האָט אָנגעטהון זיינע
שטיוועל, איז ער געזעסען די גאַנצע צייט ביי'ם פענסטערל און געוואַרט,
ביז מען וועט זי איהם אַליין אַהיים ברענגען... מן הסתם, האָט ער
געטראַכט, וועט מען דאָך זי אַרויסנעהמען...

# א גנבה.

צו ר' נתנאל'ן, אַ שענער יוד מיט אַ שענק אין מיטען שטאָדט, איז איינמאָל אַריינגעקומען אַ יונג, לייבקע, טהון אַ טרונק בראַנפען. עס איז דאָרט אפילו געשטאַנען אַ שיקסע אין קיך. נאָר ער האָט זי ניט געטשעפעט און געגאַנגען זיין וועג צו עטעל'ען, ר' נתנאל'ס וויב, און נעקלערט אויסצוטרינקען, צו בעצאָהלען, און מיט איהר, עטעלען, אויך ניט צו מאַכען קיין גרויסע מחזקות, ווייל ע"י איז ניט קיין שאַרפער מחותן מיט איהר. זי איז אַ גרויסע מיוחסת, שבת מיט אַ סך צירונג בעהאַנגען — און דערצו נאָך אַ גרויסע צדקנית, בענשט ליכט מיט אַ גוטער האַלב שעה פריהער, איידער ר' נתנאל בעוויזט אין גרויס אַיילעניש די שטאַבע צו פערלעגען איבער די טירען — און ער, לייבקע, ווייסען איהם די גוטע יאָהר, וואָס פאַר אַ מין פויגעל דאָס איז...

רעדט ער איין מאָל, מען זאָל איהם געבען אַ טרונק בראַנפען, גיט מען איהם ניט, רעדט ער דאָס צווייטע מאָל, גיט מען ווייטער ניט — און דאָס דריטע מאָל קוקט ער זיך שוין צו, וואָס איז דאָס אַזוינס. מילא עטעלע איז פערשמאַיעט מיט עטליכע יונגע שקצים ביי דעם שענק-פאַס — איז עס דאָך דערויף עטעלע. ווייס זי חאָטש, אַז זי לעזט געלד, אַז איהר פערטהון זיין האָט חאָטש עפּיס אַ ווערט. אָבער ר' נתנאל, וואָס כאַפּט ער זיך עפּיס גלאַט צו פוסטע זאַכען, העננט זיך אָן אויפ'ן פענסטער און וויל דוקא אַראָבבעקומען אַ בייגעל פון דראָט, און אַז ער בעקומט איהם שוין, לעגט ער איהם ערשט אין קעשענע אַריין?... וואָס איז דאָס? דאָס איז דאָך שוין גאָר עפּיס מעשה יונגעל...

און ער שטעהט און קלערט. ווי ער האָט געהערט, טאָרען זיך די

לייט ניט וואַשען צום עסען, ווען זיי זאָלען דאַרפען אַריבערקריכען אפילו איבער איין שוועל, איידער „המוציא“ ווערט געמאַכט. אייב אַזוי, קאָן זיין, איז שוין ריכטיג. געהט זיך ר׳ נתנאל וואַשען...

און אָט זעהט ער טאַקע, ווי ר׳ נתנאל רוקט זיך שוין פון הינטערן בופעט און, דרעהענדיג זיך נאָך אַ ביסעל אויף און אָב איבער דער שטוב, רייבט ער זיך מיט איין האַנד דעם שטערען.

געוויס, האָט לייבקע געקלערט, אַז דאָס איז ער זיך אַזוי מכין, איידער ער געהט מהון אַ מצוה. ווארום וואָס דען קאָן אַשטייגער זיך רייבען ר׳ נתנאל דעם שטערען, אַזוי פיעל מיט כונות אָנגעזאָפט — אייב ניט גאָט צידיענען? און ווען ר׳ נתנאל איז אַריין אין קיך, איז לייבקעלע, דער משומר, דער קאָלבאַס, דער גנב־יונג, געוועזן אַ בעלן נאָכצושפּרינגען ביז צו דעם סאַמען שפּאַלט פון טיר — און זעהן, ווי אַזוי אַשטייגער ר׳ נתנאל וואַשט זיך צו „שאו ידיכם“, וויפיעל מאָל אַ שטייגער בעקוקט ער זיך די שפּיצען נעגעל, ווען ער נעהמט שוין דעם שעפּ אין דער האַנד, וויפיעל שעפּ וואַסער גיסט ער אויס פריהער אויף דער און דערנאָך אויף יענער האַנד און אויף וועלכער פריהער? — און פון דעם צוקוקען, קלערט לייבקעלע, וועט ער זיך אויף עפּיס אָבלערנען... איהם געפעלט זעהר ר׳ נתנאל׳ס פיהרונג אין יודישקייט. און נעכטען, שבת, ווען ר׳ נתנאל האָט געדאַווענט אין הסידים־שטיבעל, וואָס איז פּונקט אַ פענסטער געגען אַ פענסטער מיט דעם שענקעל, וואו דאָרטען איז געזעסען לייבקע מיט זיינס אַ חברה און עפּיס געטרונקען און צוגעביסען — האָט ער איהם דורך דעם פענסטער אייך נאָכגעקוקט, וויפיעל מאָל ר׳ נתנאל לויפט אַרויס אינמיטען דאַווענען און גיט זיך אַ שטעל צו דער וואַנד מיט׳ן האַנד־פּאַס... ער איז אַ שטאַרקער בעלן אויף זיין פיהרונג. און דאַדורך איז ער יעצט אויך אַזוי טשיקאַווע געוועזן איהם נאָכקוקען...

ער האָט געקוקט און געקוקט דורך דעם שפּאַלט פון צווישען דער טיר — און ער האָט זיינע אויגען ניט געקאָנט גלייבען. וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, האָט זיך איהם עפּיס אויסגעדוכט פּונקט, ווי מען וואָלט איהם געוואָלט מן השמים עפּיס אָבטהון אַ צו־להכעיס דערפאַר, וואָס ער געהט נאָכקוקען יודען. און שוין ניט קיין פרום וואַשען האָט ער געזעהן, נאָר פּונקט פערקעהרט — אַ צו־להכעיס׳דיגע זאַך — ווי ר׳ נתנאל גיט אַוועק דעם ביינגעל דער שיקסע, וועלכע איז נאָך דאָ

געשטאַנען און לייבקע אַליין האָט שוין געהאַט פערגעסען אָן איהר . . .

— נאַ, יאַדרווינאַ — האָט זיך איהם געדוכט, זאָגט צו איהר ר׳ נתנאל מיט אַ פערבאָרגען שמייכעלע אין דער באָרד אַריין — נאַ, די בעל-הבית׳טע למען-השם זאָל ניט זעהן...

אַזוינס וואָלט שוין לייבקע ניט געגלויבט. נאָר ער האָט בעי-שיינפערליך אַליין געזעהן מיט זיינע אויגען — און אפילו דעם שמייכעל און דאָס שטופּען איהר דעם בייגעל... אָה, ניט גוט! אין לייבקעלע דער קאָלבאַס איז געבליבען שטעהן אַ געפּלעפּטער!

עטעלע ווידער, וואָס זי האָט דאָך דאָס אַלץ ניט געקאָנט זעהן, וויל דאָס איז געשעהן אין קיך און זי איז געשטאַנען אין שענק אַוועק-גערוקט הינטער דעם שענק-פּאַס — האָט אָבער עפּיס אַנדערש געזעהן, זי האָט געזעהן, ווי דער גנב-יונג דרעהט זיך עפּיס אין די ווינקעלעך און קוקט איהר שוין דורך די שפּאַלטען, מן הסתם ניט אויף צו גוטען...

נאָר פאָרט אַ יודענע, בפרט נאָך אַז מען לעזט געלד און די שקצים קאָנען נאָך אַלע ווילע צו׳גנב׳ענען אַ גלעזעל אין קעשענע אַריין... דאַרף מען דאָך זיי אויך היטען, האָט זי זיך שוין דערוויל צוגעכאַפּט צו זיי...

און דאָ הערט לייבקע מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ, ווי עס מאַכט זיך שוין אויף די וויטערדיגע טיר אין קיך, די, וואָס געהט אַרויס אין הויז הינטער דער לייטער... און ר׳ נתנאל מיט דער שיקסע שאַרען זיך שטילענקערהייט אַרויס דאָרט אַהין. ער קוקט, אפשר איז עס ניט ר׳ נתנאל, אפשר אַ טעות, ער וויל זיך אַליין די אויגען אויסרייסען, אפשר אַ פערשטעלעניש... אָבער פערפאַלען: אינגאַנצען זיינע פּלייצעס און זיין קאָפּ... און פאַמעלינקע, פאַמעלינקע אין אויף די שפּיצען נעגעל האָט זיך לייבקעלע אויך אָנגעהויבען נאָכצושאַרען הינטער יענער טיר, וויטער — מילאָ, וואָס פאַר אַ ברירה האָט ער שוין געהאַט, און זיך געשטעלט קוקען דורך אַ קליין דין שפּעלטעלע... און אַצונד האָט ער שוין, לייבקעלע דער יונג, געהאַט דעם ערנסטען סוף. מיט אַנ׳-איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער געזעהן, ווי אויף דער לייטער, וואָס שטעהט אויפגעשטעלט צום בוידעם אַריין, קריכט צום ערשטען די

שיקסע שטאַפּעל בײַ שטאַפּעל, צוהאַלטענדיג זיך מיט די הענד, און סאַמע נאָך איהרע קנעכלעך, כּמעט אָנגעשפּאַרט מיט׳ן קאָפּ אָן איהר „ספּאָדניצע” קריכט ווײַטער ר׳ נתנאל. אָבער אינגאַנצען ר׳ נתנאל. לײַבקעלע האָט זיי שוין קיים דערלעבט אַרויפצו׳פּטר׳ן דאָרט אַהין — ערשט דעמאָלט איז ער אויך נאָכגעקראָכען...

קײנער ווײס ניט, וואָס דאָרט אויבען האָט זיך געטהון. צי האָט מען זיך געשטיקט און געריסען בײַ די גאָרגלען, צי ניט, נאָר עטעלע, וואָס דער יונג איז איהר אַזוי פּלוצלינג פערשוואונדען פון אויג און וואָס איהר האָבען יונגען-גנבים שוין אַ סך געהאַט אָנגעלערנט, איז אַצונד, דערהערענדיג פון בוידעם אַ שטאַרקען שאָרך, ווי פערגליווערט געוואָרען און אַ געשרײַ געטהון:

— וואו איז דער יונג?... אוי, לײַד איז מיר געשעהן!

און מיט אַ שטיל קלאַפּען אין די צײַהן פאַר קעלט, וואָס האָט זי באַלד אַרומגעכאַפּט, איז זי שוין נאָכגעלאָפען אַהין אַרויס, הינטער דער לײַטער.

ערשט יענע וואָך, ווי די אײַגענע שיקסע טאַקע האָט איהר גע-וואַשען די וועש, וועלכע הענגט נאָך הײַנט אויפ׳ן בוידעם.

— געוואַלד און געוואַלד! — האָט זי אָנגעהייבען שרײַען — אַ גנב!...

און אַז ר׳ נתנאל איז פאַר גרויס שרעק אַראָבגעפאַלען פון בוידעם, האָבען זיך דאָס געשרײַ און די גוואַלדען נאָך פערגרעסערט — און ניט נור בלויז אַ גנב איז עס שוין ערשט געוואָרען, אַ ג נ ב מ י ט אַ מ ע ס ע ר!... און ר׳ נתנאל האָט געכאַפּט עטעלע׳ן און ענטלאָפען מיט איהר אין שטוב אַרײַן, הפקר לאָזענדיג אַלץ, אַבי זיך און דעם ווײַב דאָס לעבען אָפּצוראַטעווען.

די וועש האָט דער גנב ניט געריהרט. און עטעלע האָט טאַקע שפּעטער גאָט געלויבט דערפאַר, וואָס זי ווײס אַלײן ניט צוליעב וועמעס זכות האָט מען עס איהר געלאָזט... און ר׳ נתנאל האָט דערצעהלט, ווי דער גנב האָט שוין געהאַלטען דאָס מעסער אויס-געצויגען צו דער שטריק, אויף וועלכער דאָס גרעט איז געהאַנגען, נור איבערצושנײַדען, בשעת ער איז אויפ׳ן בוידעם אַרויפגעלאָפען ניט לאָזען; ווי ער האָט דערנאָך איהם געוואָלט דערשטיקען און דערשטעכען...

און אַז עס איז געקומען שבת, — האָט רבי נתנאל בפני כל עם ועדה געבענשט גומל, וואָס ער איז נצול געוואָרען... און דער עולם האָט געשאָקעלט מיט די קעפּ אויף דעם אונגליק, וואָס וואָלט געקאָנט זיין, ווען טאַקע אַ נס מן השמים זאָל ניט געשעהן...

———

# דער לעהרער גרינשטיין.

דער לעהרער מאקס גרינשטיין איז איינמאל א לאנגע צייט ניט געקומען צו-גאסט אין זיינער א גוט-בעקאנטער שטוב צוליעב דעם, ווייל די הויזען זענען איהם געוועזן אויסגעריבען אין די סאמע ראנדען איבער די קאמאשען און ווייל אין יענער בעקאנטער שטוב איז געווען א שענע מאדעמואזעל מיט בלויע אויגען, א לענגליך געזיכט און א בלאנדען לאק האר איבער'ן הויכען שטערען. אין דער בעקאנטער שטוב מיט די אראבגעלאזטע גארדינען איבער די פענסטער האט שטענדיג גערוהט אנ'אויפגערוימטע דונקעלהייט, וועלכע האט צוגעגעבען דעם מאדעמואזעל זעהר א רוהיגע און סימפאטישע בלאסליכקייט, און בשעת זי פלעגט ארומשווימען איבער דער געוועקסטער פאדלאגע אין די שטעק-שיכלעך, האט זי אויסגעזעהן זעהר „ראמאנטיש און גראציעז, ווי א גריכישע געטין". צום אונגליק, זענען גרינשטיינס הויזען געוועזן צו אבגעריבען...

נאר איינמאל אין א שענעם פריהמארגען, ווען אין זיין שטוב האט דאס ערשטע מאל געהאט איבערגענעכטיגט א נייער אנצוג אויפ'ן רוקען פון שטוהל, וואוהין דער שניידער האט איהם נעכטען שפעט ביינאכט ארויפגעהאנגען, ניט טרעפענדיג מאקס'ן אליין אין שטוב — האט מאקס אויפשטעהענדיג פון געלעגער, שוין געהאט א פול הארץ מיט א שטילער פערבארגענער פרייד, וועגען דעם, אז ער וועט זיך באלד אנטהון, און אין זיין נייעם געפרעסטען אנצוג אריינקומען אין יענער בעקאנטער שטוב, ווי אזוי די מוטער דער פריילינס, פאאולינא'ס, וועט איהם בעגעגענען... און כאטש דער וויזיט וועט אצונד אויסקומען א ביסעל ניט אין זיין געוועהנליכער צייט, ווייל אלע ווייסען, אז אין דער פריה איז ער בעשעפטיגט מיט זיינע לעקציעס, און וועט אודאי ארויס-

רופען פערוואונדערונג, נאָר פונדעסטוועגען וועט זי, די מוטער, איהם באַלד פרעגען:

— אַה, וואָס מאַכט איהר, „פּנאַי“ גרינשטיין?

און ער וועט איהר פריינדליך ענטפערען, אַז נישקשה, מען לעבט און מען איז דאַנקען גאָט צופריעדען.

„דאַנקען גאָט“, ווייל מיט דער אַלטער — טראַכט ער שטיל בגנבה — דאַרף מען אַזוי שמועסען...

— מען פערדינט גוט... — וועט ער איהר דערצעהלען — מען לעבט זיך גאַנץ גוט, שטיל, שען און וויטער גאָרנישט...

אונטערבינדענדיג דעם שלייף הינטערן קאָלנער ענטקעגען שפּיגע־לע, וואָס שטעהט אויפ'ן טיש, שמייכעלט ער אַזש פאַר גרויס הנאה, ווי וואויל געפעלען עס וועט איהר אַזאַ ניט מיט קיין בעריהמעריי אָנגעפיל־טער ענטפער...

אָבגעפאַרטיגט מיט דעם טואלעט, האָט ער זיך גלייך געלאָזט געהן צו פּאַאולינאַ'ס שטוב אין דעם נייעם אָנצוג, מיט דעם שטעקעל אין דער האַנד, אויסגעפּראַנטעוועט אויפ'ן שענסטען שטייגער.

נאָר געהענדיג אויפ'ן וועג מיט דעם ניכטערען מאָגען, האָט ער זיך דערווייל אײַנגעקויפט: אַ פונט באַרנעס, אַ פונט עפּעל, אַ העננעל וויינטרויבען און אַ קליין ביסעלע פלוימען, אַזוי ניט קיין סך, נור אַ רעשטעל, וואָס בלייבט איבער ביי די יודענעס אין קוישעל אויף צו לעצט, וואָס מען פערקויפט עס שוין ניט אויפ'ן וואָג, נאָר אויפ'ן קופּקעלע... אוועקגעהענדיג פון דער יודענע מיט גאַנצע פיער פול אָנגעפאַקטע פּאַ־פּיער־ביטלען אויף ביידע הענד, איז ער זיך געגאַנגען און געגעסען, געגאַנגען און געגעסען, אַלץ נעהנטער קומענדיג צו זיין ציעל, ס'הייסט, צו דעם הויז, וואו ער איז געגאַנגען. און גאָטס וואונדער! ווען ער איז שטעהן געבליבען הינטער יענער טיר, זענען די פּאַפּיער־ביטלען פונקט געוואָרען אויסגעלעדיגט, גלייך דער וועג מיט דעם מאָגען מיט די פּאַפּיער־ביטלען וואָלטען געהאַט אַ בעשטימטע אָבגערעדטע מאָס צווישען זיך; — און גרינשטיין, אָבהוסטענדיג און אויסגלייכענדיג זיך אין זיין גאַנצער פיגור, האָט זיך געקליבען שוין אַריינצוגעהן.

נאָר דאָס בעגעגענען איהם, איז עפּיס געווען אַ ביסעל טשיקאַווע,

נים ווי ער האָט גערעכענט. ער האָט גערעכנט, צום בײַשפּיל, אַז צום ערשטען וועט מען איהם פרעגען:

— װאו זענט איהר געוועזען, פּאַני גרינשטײן, אַזאַ לאַנגע צײַט, פאַרוואָס האָט מען אײַך ניט אָנגעזעהן, אָדער צו האָט איהר ניט, חלילה, עפּיס אַנטקעגען אונזער הויז?

און דאַן וואָלט ער, פערשטעהט זיך, ווי אָבגעשאָקעלט — חלילה!... אַז ער האָט גאָרנישט אַנטקעגען. און אויף אַ גאַנץ בעשײַדענער שטילער אַרט וואָלט ער זיך ענטשולדיגט און געבעטען פערצײַהונג: אַז אַזוי ווי אין דער לעצטער צײַט האָט ער זיך געגרייט צו די עקזאַמענס, וואָס קומען היינט פאָר, איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז ער האָט נים געקאָנט אַרײַנקומען — מחמת ער קלערט אַרויסצובעקומען אַנ׳אַטעסטאַט פון אַ יודישער גימנאַזיע מיט פּראַווען אויף זעקס קלאַסען.

אַזוי, הייסט עס, האָט ער געקלערט גאַנץ אײַנפאַך צו ענטפערן, נאָר ווען איז דאָס, אַז די בעגעגעניש וואָלט געווען צוגעגאַנגען, ווי ער, צום בײַשפּיל, האָט געטראַכט. ס׳הייסט, גאַנץ נאָרמאַל, ווי מען דאַרף בעגעגענען אַ מענשען, וועלכער איז שוין ניט געווען צו־גאַסט אַ לאַנגע צײַט. איז אָבער די קליינע דאָרטשע, פּאַאולינאַ׳ס יונגסטע שוועסטערל, איהם ענטקעגען געשפּרונגען בײַ זײַן אַרײַנקומען און אָנגעהויבען צו פּאַטשען אין די הענטלעך מיט אַ פרייד און אַ געקוויטשערײַ.

— הערר גרינשטײן האָט שוין אַ נײַעם גאַרניטור, אַ נײַעם גאַרניטור...

ער ווייסט ניט וואָס די פרייד איז געוועזען. צי האָט עמיצער פון דער שטוב געזעהן איהם נעכטען אויף דער גאַס אין יענע אויסגעריבענע הויזען, אָדער אפשר האָט מען דאָ איבערגעשמועסט, אַז צוליעב דעריבער קומט ער ניט אַרײַן.

נאָר סײַ ווי סײַ, ווי אַזוי די מעשה זאָל ניט זײַן, האָט זיך איהם געדוכט, אַז מען ווייס, פאַרוואָס ער איז ניט געקומען.

— מזל טוב אײַך... — האָט אויך פּאַאולינאַ׳ס מוטער גערופען צו איהם פון הינטער דער פּלײַצע. און ווען ער האָט זיך אומגעדרעהט, האָט ער דערזעהן זי אַנ׳אויסגעפּוצטע, שוין אָנגעפּודערט, מיט דעם פעלץ־קראַגען איבער די אַקסלען, מיט אַ טעשעל געלד אין דער האַנד,

און די דיענסט מיט דעם קערבעל, מיט וואָס מען געהט איינ־קויפען פּראָדוקטען אַלע אין דער־פריה, איז שוין געשטאַנען בײַ דער זייט.

די דיענסט, האָט ער געזעהן, האָט אויך גאָר בע׳חנ׳ט געשמייכעלט, קוקענדיג אויף זיין נייעם אָנצוג — און ער איז אַריין אין גרויס פערלעגענהייט, צי ליגט ער ניט גוט: אפשר ברייט, ווי אַ זאַק, אָדער וואָס?

— וואָס אי?... — האָט ער זיך אַזוי ניט ווילענדיג אַרויסגערעדט.

— גאָרנישט — האָט פּאַאולינאַ׳ס מוטער געענטפערט — זעהר פיין, זעהר פיין... — האָט זי נאָך צוגעשמייכעלט, און אָנדייטענדיג מיט׳ן קאָפּ אויף דער טיר פון דעם ווייטערדיגען צימער, האָט זי איהם געבעטען.

— געהט, זייט־זשע מוחל, אַריין, מיין טאָכטער זיצט שוין בײַם סאַמאָוואַר.

און די קליינע דאָרטשע, דערהערענדיג דער מוטער׳ס לעצטע ווערטער, האָט זיך געגעבען אַ וואָרף צו איהם. אַרומגעוויקעלט זיך מיט בײַדע הענדטלעך אַרום זיינע פיס אַזוי, אַז פון גרויס פּלאָנטער איז ער שוין ניט אַריבערגעגאַנגען איבער דער שוועל, נור אַריבערגעפאַלען גלייך אין שטוב אַריין, געבליבען שטעהן מיט אַנ׳אָנגעשטרענגטען קאָפּ, פונקט אַנטקעגען אַ שפּיגעל, נור אָנצושטויסען זיך מיט איהם. צוגעפאַלען מיט׳ן קאָפּ אין שפּיגעל אַריין, איז ער געבליבען שטעהן אַ דערשטוינטער. דער קראַגען און פון פאָרהעמדעל דאָס לעצעל, וואָס ליגט אויפ׳ן קאַרק טיעף אַריינגעמאַכט הינטער׳ן וועסטיל, איז איהם דאָס מאָל געלעגען אינגאַנצען פון אויבען איבער דעם קאָלנער פון דעם נייעם אָנצוג — און אויס פערצווייפלונג. ווען ער האָט דערזעהן, אַז פּאַאולינאַ, וואָס שטיקט זיך אַזש פון אַיינגעהאַלטענעם געלעכטער, פרעגט איהם: — אַה, „פּאַני“ גרינשטיין, וואָס מאַכט איהר?!...—איז ער באַלד אַ היים געגאַנגען און אויסגעשפּיגען אַ שטיק לונג, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז געווען אַזאַ געזונדטער יונג, אַז איבער דעם קליינעם שטיקעל וועג פון גאַס ביז צו פּאַאולינאַ׳ס שטוב האָט ער געקאָנט אויפּעסען פיער פולע אָנגעפּאַקטע פּאַפּיער־בײַטלען מיט אויבס.

---

# II.

# ערצעהלונגען.

# קריינדעלע.

## I. איהר לעבען.

אַ הייסער זומערטאָג. אין טיעפען בלאָען הימעל בלישצשעט די זון און עס דוכט זיך, אַז זי ציטערט. דער פלויט, וואָס איז שוין האַלב אַיינגעזונקען אין דער ערד פאַר אַלטקייט, איז העל בעלויכטען. אויף יענער זייט פלויט, אויפ׳ן בית=עלמין, איז שטיל, די ביימער דרעמלען אַזוי ווי מיעד און פערחלשט פון דער היץ. די הינטערשטע צווייגען הענגען אַראָב און קוקען שטום אויף די בערגלעך ערד. אויפ׳ן גראָז ליעגען דיקע שאָטענס. עטליכע גרעזלעך האָבען פלוצלינג אַ ציטער געגעבען — אַ זשאַבע איז דורכגעשפרונגען. אַ בלעטיל האָט זיך גערודערט — אַ זומער=פייגעלע איז צוגעפלויגען צו׳ם בוים, און אַ צווייטס יאָגט דאָס ערשטע נאָך און דרעהט זיך אַרום איהר אין דער לופט. אַ צווייג ציטערט — אַ פייגעלע איז אַראָב פון בוים און פליהט אַוועק ווייט, אַריבער דעם קליינעם הייזעל, אין אַ ווינקעל פון פלויט. דאָס טהירל פון פלויט איז אָפען, אויף יענער זייט שטעהט אַ ברונען. די הויז=טהיר איז צוגעשלאָסען, די לעדען פון די צוויי קליינע פענסטערלעך זענען פערמאַכט, און פון די שפּאַלטען קוקען אַרויס גרינע שויבען אויפ׳ן ברייטען זאַמדיגען וועג אַרויס. די מיטאָג=ליכטיגקייט ליעגט אויסגעגאָסען אויף אַלץ, דאָ און דאָרט פינקלען קליינע שטיינדלעך און שטיקלעך גלאָז. דער וועג פיהרט פון איין זייט צו דעם הויכען שפּיץ פון קלויסטער, וואָס אַרום דאָרט שטעהען קליינע נידריגע הייזלעך, פון דער צווייטער זייט — דרעהט ער זיך און שלענגעלט איבער דעם ברייטען פעלד צו די ווייטע ביימער צו, וואָס מען דערזעהט קוים מיט׳ן אויג. אויף דער לאָנקע שפּאַציערט אַרום פּאַמעליך אַ באָציאַן, שאָקלענדיג מיט׳ן לאַנגען האַלז און אויסציהענדיג דעם שנאָבעל ביי יעדען טריט, ווייטער דאָרט ליעגט אויסגעשפּרייט אַ גרינער סטאַוו. עפּעס אַזוי ווי

אַ טרויריג אײַנגעהאַלטען געדויש שטערט די שטילקייט, און די בּיימער פון בית־עלמין האָרכען שטיל, ערנסט...

דאָרט, ווייט אויפ'ן וועג זעהט זיך אַ בּיידעל בעצויגען מיט ליינ־וואַנד, קוים וואָס עס שלעפּט זיך, און די רעדער סקריפּען איבּער דעם גליהענדיגען זאַמד. פּאַמעליך־פּאַמעליך פאָהרט זי צו און שטעלט זיך אָבּ בּיי'ם טהירל פון פּלויט.

די ליינוואַנדענע דעק ווערט אַריבּערגעצויגען און עס בעוויזען זיך קעפּ פון עטליכע מענשען. דער ערשטער קריכט אַרויס אַ נידריג פעסט יידעל, מיט פעסטע הענד, בּרייטע פּלייצעס און אַ קליינעם קאָפּ, וואָס ליגט אויפ'ן דיקען האַריגען און שמוציגען האַלז. אַ פּנים — ווי אַ חיה, מיט שוואַרצע בּלישצשענדיגע אויגען און אַ קליין שוואַרץ בּערדיל אַ קיילעכיגעס. נאָך איהם וויזט זיך אַ דאַרער יונג מיט אַ פּערסמאָלעט פּנים. ער שפּרינגט אַראָבּ פון וואָגען און בּלייבּט שטעהן אויפ'ן אָרט. ער געהט בּאָרפּיס, אין צוריסענע הויזען און דער דאַשעק פון היטעל איז צושפּאָלטען אין מיטען. ער לויפט צו דעם בּרונען צו און קוקט אַריין... נאָך איינער — מיט אַ בּרייט פּנים, פּיל שטויבּ, מיט אַ געלער בּאָרד, אָנגעטהון אין אַ וואַטענער קאַפּאָטע און לאַנגע בּרייטע שטיוועל — קריכט אַראָבּ פון וואָגען מיט שווערע טריט. דערנאָך — צוויי ווייבּער, איינע אַ יונגע, מיט אַ בּלאַס נאָר פּערשמיצט פּנים, די צווייטע אַן־עלטערע אָבּגעריסען און צושליידערט אָנגעטהון, מיט אַ קינד אויף דער האַנד.

דער, וואָס מיט'ן שוואַרצען בּערדיל, קריכט אַרונטער אונטער די רעדער, בּינדט אויף דעם עמער, שעפּט אָן וואַסער פון בּרונען, און גיט דעם פערד טרינקען.

— ממזר — בּרומט ער דערוויל אויפ'ן יינגעל — זאָג דאָרט דעם בּלינדען הונד — מיר האָבּען זיך אָבּגעשטעלט.

דאָס יינגעל רוקט אַוועק ווייטער די ליינוואַנדענע דעק, און גיט דאָרט אַ פעסטען זעץ עמיצען, וואָס מען זעהט נישט אַרויס, און שרייט דערבּיי: געניג שוין, בּלינדער הונד, געניג שוין צו זיצען ווי אַ הוהן אויף די אייער!

אַ דאַרער מענש, מיט אַראָבּגעלאָזענע אייגען־לעפּלעך, קריכט אַרויס פון וואָגען, פּאַמעליך, פּאָרזיכטיג און בּלייבּט שטעהן, ער גע־

ניצט אָב מיט אַ ברײט געעפּענט מויל, װערט שטיל און ערנסט און שטעהט מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ.

פון יענער זײט פּלױט, נעבען קלײנעם הײזעל, בעװײזט זיך אַ יוד מיט אַ װײסליכע באָרד און אַ יאַרמעלקע אױפ׳ן קאָפּ, ער לעהנט זיך אָן מיט די אָרעמס אױפ׳ן פּלױט, און די הענד אין די אַרבעל פון העמד לאָזט ער אַריבערהענגען אױף יענער זײט פּלױט. ער זעהט אױס, װי ער װאָלט ערשט אױפגעשטאַנען פון שלאָף, און רעדט גלאַט אַזױ אין דער װעלט אַרײן:

— אָ! נאַ דיר געסט! די אױגען זיך אױסגעקוקט! מ׳דאַרף פֿער־שרײבען אױפ׳ן קוימען.

— גאָט העלף, בעל־הבית... זאָגט דער געלער, מאַכענדיג דערבײ אַ משונה׳דיג חנ׳דיל און ציהט די פּלײצעס און קראַצט זיך אױפ׳ן אַקסעל.

דער שװאַרצער קומט אױך צו:

— גאָט העלף! — ברומט ער צו, גיסט אױס די רעשט װאַסער אױף די פאָדערשטע רעדער, בינדט װידער צו דעם עמער צו׳ם װאָגען, ציהט זיך אױס גלײך און שטעקט אַרײן די האַנד אונטער דער דעק. ער נעהמט אַרױס פון דאָרט אַ זעקיל און עפּיס אַ פּעקיל און נים עס דער בלאַסער יידענע.

— נאַ, קרײנדעלע, געה גיב איהם דאָרט... און װײזט מיט׳ן פינגער אױפ׳ן פּלױט.

זי פאָלגט, טראָגט צו דאָס פּעקיל צו׳ם בעל־הבית און דערהײבט עס אַזױ ביז צו זײן יאַרמעלקע.

ער נעהמט עס אַריבער צו זיך.

— אַרבעס, ברומט ער צו זיך און מאַפּט דאָס זעקיל — אַרבעס, אַ כּפּרה אױף זײערע קעפּ.

— ממזר, — שרײט דער שװאַרצער אױפ׳ן ייִנגעל — עפּען דאָס טהױער און פיהר אַרײן דאָס ביידעל.

דער װאָגען רוקט זיך פון אָרט, און דער בלינדער פאַלט אַנידער אין מיטען װעג, בלײבט ליגען אױפ׳ן זאַמד און זיפצט.

אין טהויער פערטשעפעט זיך דער וואָגען אין די קזשאַקעס און איין ראָד סקריפעט שטאַרק.

— ממזר דו! — קריצט דער שוואַרצער מיט די ציינער און לויפט צו צו׳ם יינגעל מיט כעס ווי אַ ווילדע חיה — ממזר! אַ ראָד צוברעכען! און מיט איין האַנד הייבט ער איהם איוף און גיט איהם אַ וואָרף אַראָב אויף דער ערד... מיט בלוט־פערלאָפענע און אַרויסגעזעצטע אויגען קוקט ער אַ ווילע אָן דאָס יינגעל ווי צומישט, פּלוצלינג גיט ער איהם מיט ביידע פויסטען איבער׳ן פּנים, און נאָך צו אַ קאָפּע מיט׳ן פוס אין האַרץ אַריין, און דאָס יינגעל פאַלט צו צו דער ערד מיט אַ דער־שטיקטען זיפץ. דעמאָלט ערשט לאָזט ער איהם אָב, לויפט צו צו׳ם וואָגען, נעהמט אָן פאַר די הינטערשטע רעדער און מיט איין נעהם דערהייבט ער דעם וואָגען און שטופּט איהם אַריין אין טהויער. דער־נאָך נעהמט ער אָן דאָס פערד פאַר דעם צוים, און פיהרט עס אַריין אין בית־עלמין. די גאַנצע קאָמפּאַניע געהט איהם נאָך. דאָס יינגעל געהט נאָך צו׳ם לעצטען און פערשליסט צוריק דאָס טהויער.

דער שוואַרצער שטעהט שוין מיט׳ן ביידעל אין מיטען בית־עלמין, שפּאַנט אויס דאָס פערד און לאָזט עס פּאַשען אין גראָז. דערנאָך נעהמט ער אַרויס פון וואָגען אַ זאַק קאַרטאָפעל, שטעלט איהם אַנידער אויף דער ערד און מעסט אויס די גאַנצע חברה מיט אַ שטומען בייזען בליק.

— שיילען, שיילען... — זאָגט דער געלער און געהט צו מיט געזונטע טריט צו׳ם זאַק, וואַרפט אָן קאַרטאָפעל אויפ׳ן גראָז, קוקט אויף קריינדעלען, שווייגט, אויף די עלטערע יירענע — און ברומט: — האָסט געהערט... שטיק שלאַקס? דו ממזר — האָסט געהערט? — תענדעט ער זיך צום יינגעל.

דאָס יינגעל געהט צו צו׳ם זאַק. די יודענע זעצט אַנידער דאָס קינד אויפ׳ן גראָז און געהט אויך צו צו׳ם זאַק. קריינדעלע זעצט זיך אויך אַניעדער. דער געלער נעהמט אַרויס פון קעשענע קליינע מעסערס מיט הילצערנע הענטלעך און גיט זיי. מען נעהמט שיילען די קאַרטאָפעל.

אין אַ ווילע אַרום נעהמט דער שוואַרצער אַרויס פון ביידעל אַ גרויסע לימערנע שיסעל און שטעלט זי אַנידער אויפ׳ן גראָז, אויף אַריינצולעגען די אָבגעשיילטע קאַרטאָפעל! ער בייגט זיך איין צו

קריינדעלען, נעהמט זי אָן פאַר'ן אָרעם. זי קוקט איהם אָן מיט אַ שטומען בליק.

— קום!... זאָגט ער און טייט מיט'ן פינגער אויף אַנ'אָרט צווישען די ביימער.

פאַמעליך און טרויריג שטעלט זי זיך אויף און געהט איהם נאָך מיט אַ פּוילקייט, זיי ווערען פערשוואונדען צווישען די בוימער, ווייט, אונטער די קברים.

ערשט פאַרנאַכט, אַז די זון זעצט זיך און בעלייכט די שפּיצען פון די ביימער, קעהרט דער שוואַרצער מיט קריינדעלען צוריק צו דער קאָמפּאַניע.

— שוין פאַרטיג מיט'ן עסען?... פרעגט ער דעם געלען. דער געלער ענטפערט גאָרנישט.

ער זיצט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, ברומט עפּיס צו זיך אַליין... פּלוצלינג גיט ער אַ שטויס מיט'ן פוס דאָס ייִנגעל:

— געה, ממזר!... שוין נאָכ'ן שלאָפען... ברענג דעם טאָפּ.

דאָס ייִנגעל הייבט זיך גיך אויף, לויפט אַריין אין שטוב, און אין אַ מינוט אַרום קומט ער צוריק און טראָגט אַ גרויסען טאָפּ קאַרטאָפעל, אַרומגעוויקעלט מיט אַ שמאַטע, אין די הענד. אַ פּאַרע געהט פון טאָפּ און פערציהט דעם ייִנגעל'ס מאָגער, שוואַרץ פּנים. ער טראָגט צו דעם טאָפּ און שטעלט איהם אַנידער אין מיטען. דער געלער גיט איהם אַ נעהם און דרעהט איהם איבער אין די גרויסע שיסעל אַריין. דער שוואַרצער וואַרפט אַריין צו שטיקער ברויט, נעהמט אַרויס פון ביידעל אַ פלעשעל אייל, אַ שאַכטעל מיט פעפער, און שיט דאָס אַלץ אַריין אין דער שיסעל; חברה נעהמט „אַרבייטען" מיט אַלע כּחות. אַלע חאַפּען, בלאָזען מיט די ליפּען, חראַפּען מיט די נאָז=לעכער, שלינגען איילענדיג און בריהען זיך אָב די צינגער.

נאָר קריינדעלע זיצט אין דער זייט, פערטראַכט און קוקט מיט טרויעריגע אויגען אויף די שפּיץ ביימער, וואָס ברענען קעגען דער זון. זעלטען נאָר שטרעקט זי אויס די האַנד צו נעהמען אַ קאַרטאָפעל.

נאָכ׳ן עסען נעהמט דער געלער אַרויס פון בײדעל אַ בינטעל שטרוי און שרייט:

— אַ געלענגער!... גיכער, מאַכט אַ געלענגער... גיכער, ממזר!...

— אַזוי פריה? — ברומט דער שוואַרצער.

— דו ביסט געשלאָפען! — בײזערט זיך צוהיצט דער געלער — חאַפּט עס די חאָלעראַ! איך בין נישט געשלאָפען!... איך האָב גע־שיילט קאַרטאָפעל. דו ביזט געשלאָפען!

-- חאַפּט דיך אַליין די חאָלעראַ! ווער איז געשלאָפען? איך? — קריינדעלע — קריינדעלע... איך בין געשלאָפען? זעהסט דו, געלער הונד... ער ווייזט אויף קריינדעלע — זעהסט — זי שווייגט... איך האָב קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

דער געלער חאַפּט גיך פולע אָרעמס שטרוי און מיט אַ ווילדע רציחה לויפט ער דערמיט הינטער׳ן הייזעל אַרונטער.

— ממזר! קריינדעלע! — שטרוי אַהער! — שרייט ער פון דער ווייטען.

דאָס ייִנגעל נעהמט אָן דאָס גאַנצע איבערגעבליבענע שטרוי און טראָגט עס אַהין, אַלע צוזאַמען מיט׳ן בלינדען גנעהען נאָך מאַכען אַ געלענגער.

די זון איז אונטערגעגאַנגען. דער הימעל איז טונקעל. צווישען די ביימער ליעגט שוין אַ פינסטערניש... חברה טהוט זיך אויס, די קאַפאָטעס און די שטיוועל לעגט מען צוקאָפּענס, און מען לעגט זיך שלאָפען, די קעפּ אַיינגעהילט אין יאַרמעלקעס און טיכלעך.

דאָס ייִנגעל אַליין נאָר שלאָפט נישט, ער ליגט מיט אָפענע אויגען קעגען הימעל. דאָרט, אויף יענער זייט פלויט ביים ראַנד פון הימעל אויף מערב־זייט, ליעגט אויסגעשפרייט אַ שוואַרצער וואָלקען, אַזוי ווי אַ נאַכט־וועכטער איבער דער וועלט. און מיעפען הימעל פינקלען די שטערען. אַ לייכט ווינטעל בלאָזט איבער די שפּיצען פון די ביימער, און די צווייגען שאָקלען זיך און ברומען שטיל, פאַמעליך... מיעד און פערשלאָפען בלאָנדזען אַרום קליינע שוואַרצע וואָלקענדלעך און זוכען זיך אַ נאַכטלעגער אין ווייטען פרייען הימעל... און מיעד און

פערשלאָפען הילט זיך דער בית־עלמין אײַן אין דער נאַכט... אַלץ שלאָפט.

פריה־מאָרגען. די זון בעװײַזט זיך צװישען די בײמער, קוקט פערטראַכטערהייד אויף די שטומע קברים און װעבט איבער זײ אַ נעץ פון גאָלדענע שטראַהלען. אַ שטיל פריהמאָרגען־װינטעל גלעט דאָס גראָז מיט גרוים ליבשאַפט און בענקשאַפט... און שטיל און פערבענקט קוקען די שטומע מצבות אויף די יונגע זון: „קוק אויף אונז שטיל... קוק, שענע, שענע" — דאָס שטילע װינטעל בלאָזט אויף די צװײַגען, װאָס זענען בעלויכטען מיט אַ רויטען אָבגלאַנץ, און האַלב נאָך פער־שלאָפען שאָקלען זײ זיך, און די בלעטלעך זײַערע ציטערען... דער רויטער פאַס אויף מזרח־זײַט צושפרייט זיך, און די בײמער רײַטלען זיך און מורמלען שטיל אַ געבעט... אין אַ ציטריגער קלאָרער שטימע צו־ניסען זיך די ערשטע טרעלען פון פײגעלע, װאָס האָט ערשט אויפגע־װאַכט, און פון צײַט צו צײַט װערען די טרעלען פערמישט מיט דעם שנאָרכען פון די מענשען, װאָס שלאָפען האַלב־נאַקעט און ליגען צו־זאַמענגערוקט אײנער צו'ם אַנדערען אונטער'ן קלײנעם הײזעל.

אויפ'ן װעג, פון װאַן מ'זעהט אַרויס די נידריגע דעכער, זעהט מען אַ גרופּע מענשען, און שטיל, האַלב־לויפענדיג, קומען זײ אָן אַלץ נעהנטער.

פלוצלינג האָט זיך געעפענט די טהיר פון הײזעל, און דער בעל־הבית איז אַרויס אויפ'ן בית־עלמין. ער לויפט צו ניך צו די אויסגע־לעגטע שנאָרער, טופעט מיט'ן פוס און שרײַט: „מ'געהט... אַ לויה נעהט... הינד, שנאָרער! מ'װעט אײַך זעהן ליענען צװאַמען... גיכער... גיכער. — אין װינקעל אַרײַן, הינד! צו'ם פלויט, גיכער, גיכער!"

דערשראָקען און צעמישט הײבט זיך אויף אַ גאַנצע שורה קעפּ: רויטע טיכלעך און יאַרמילקעס... די קעפּ קוקען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אויפ'ן בעל־הבית... ער שרײַט אַלץ:

— גיכער, גיכער, הינד! אַ לויה... לויה געהט! גיכער צו'ם פלויט!

זײ חאַפּען דאָס שטרוי און לויפען אַרײַן אין װינקעל צװישען פלויט אין קלײנעם הײזעל.

פון אונטער׳ן פלויט הערען זיך טריט... עס עפענט זיך די טהיר און אַ שוואַרצע מטה רוקט זיך אַריין און ווערט פערשוואונדען צווישען די בוימער.

אין ווינקעל ביי׳ם פלויט הייבט מען ווידער אָן צו שנאָרכען. נאָר דער שוואַרצער שלאָפט שוין נישט, ער זיצט מיט קריינדעלען אין ברומט: „קראַנק זענען זיי צו שטאַרבען ביי טאָג... דוקא פאַרטאָגס... באַגינען... בעגראָבען זאָלען זיי ווערען!"

ער קוקט אויף קריינדעלען מיט אַ ווילדען שמייכעל און מיט תאוה־שפּראָצענדיגע אויגען... ער נעהמט זי אָן פאַר׳ן נאַקעטען אָרעם: — האַ—חאַ—חאַ; ברומט ער ציטערענדיג מיט זיין שוואַרצער באָרד אויף זיין ברוסט... חאַ—חאַ—חאַ... אזוי... קראַנק זענען זיי צו שטאַרבען בייטאָג... זיי אַלע צו׳ם טוידט, דיר — צו לעבען... יאָ, קריינדעלע? חאַ—חאַ—חאַ— — הערסט? צווישען די ביימער... קדיש — חאַ—האַ—חאַ . . . . . . . . . . . . . .

די מענשען פון דער לויה זענען אַרוים פון די ביימער און אַוועק־געגאַנגען.

באַלד קומט צוריק דער בעל־הבית מיט אַ לאָפּאַטע אין דער האַנד... ער קוקט אויף דעם אָרט, וואו די חברה איז פריהער גע־שלאָפען און ברומט צו זיך:

— נו, נו... אַ שענע חתונה... זיי וואָלטען דאָס געזעהן!

ער געהט אַוועק און פערשליסט אונטער זיך די טהיר. אַרום דעם קליינעם הייזעל איז ווידער שטיל. חברה שלאָפט פעסט און געשמאַק.

---

אַ שטיק טאָג איז שוין אַריבער. חברה איז שוין אויפגעשטאַנען פון שלאָף און זיצען אַרום צוויי גרויסע שיסעל קאַרטאָפּעל, און אַלע „אַרבייטען" געשמאַק. ווערגען זיך און בריהען פאַר גרוים אַיילעניש. דאָס יינגעל שטופּט אָב יעדעס מאָל דעם בלינדענס האַנד, אַז ער דער־גרייכט שוין מיט׳ן לעפעל צו דער שיסעל. דער בלינדער ווערט בייז, זיפצט, דאָס יינגעל לאַכט לוסטיג, און די איבריגע, בעזונדערס די מאַנספאַרשוינען, שלינגען, חראַפּען און הויבען גיך די לעפעל איבער די פערשמוצטע בערד.

די שיסלען ווערען לעדיג. חברה שטעהט אויף פון די ערטער. די עלטערע יידענע טהוט זיך אָן אַ טוך, האַלטענדיג דאָס קינד אויף די הענד. דער געלער שטעלט זיך אויס גלייך, ווישט אָב די באָרד מיט'ן אַרבעל און שרייט: — „ממזר! הע, בלינדער! אין שטאָדט אַריין! פרייטאָג, שוין שפּעט!"

די יידענע מיט'ן קינד שטעהט שוין גרייט. דאָס ייִנגעל נעהמט אָן דעם בלינדען פאַר דער האַנד און צוזאַמען מיט'ן געלען געהען זיי אַרויס פון טהויער.

קריינדעלע בלייבט איבער אַליין. זי געהט זיך איבער אויפ'ן גראָז אַהין און אַהער. געהט פאַרביי דאָס „אוהל" און געהט ווייטער אַריין צווישען די ביימער. איהרע שטילע בליקען בלאָנדזשען אַרום די שטומע קברים, אַלטע פערגעסענע און צוטראָטענע קברים. זי זעהט מצבות, טייל איינגעזונקען אין דער ערד, טייל צובראָכען, טייל, וואָס די אותיות זענען אָבגעמעקט געוואָרען, זיי זענען מיט דער צייט שוואַרץ געוואָרען און מאָך איז אויף זיי אָנגעוואַקסען, און זיי פאַלען „כורעים" איבער די קברים. קריינדעלע זעצט זיך אונטער אַ בוים. אַרום ליגט אויסגעשפּרייט אַ טיפער שאָטען, ווי אַ שוואַרצע דעק, נאָר דאָ און דאָרט זעהען זיך ליכטיגע שטראַהלען, וואָס שיסען דורך די דיקע צווייגען מיט די ציטעריגע בלעטער, און די שטראַהלען שפּרינגען אַרום אויף דעם ווייכען גראָז. זי זיצט שטום, אַזוי ווי די שטומע מצבות, וואָס רינגלען זי אַרום. זי דער־מאָהנט זיך אָן איהר מוטער. זי איז געשטאָרבען און האָט זי איבערגעלאָזט, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין קינד. זי געדענקט שוין נישט, אין וועלכער שטאָדט זיי זענען דעמאָלט געווען און אויף וועלכען בית־עולם ליעגט איהר מאַמע בעגראָבען. זי געדענקט פיעל שטעדט, פיעל הקדש'ען און בית־עלמין'ס. און איינמאָל פאַרנאַכט איז איהר מאַמע געלעגען אויפ'ן גראָז אונטער דער וואַנד פון הקדש, וואָס איז זעהר עהנליך צו דער דאָזיגער וואַנד פון הייזעל... די זון איז געווען רויט ווי אַ פייערדיג ראָד, אויף דער ערד זענען שוין געלעגען די שאָטענס, די שפּיצען פון די ביימער האָבען געברענט, און שטיל איז די מאַמע איהרע געלעגען אויפ'ן גראָז... דאָס פּנים בלאַס, די אויגען — ווייט געעפענט. זי האָט געקוקט אויף די שפּיץ ביימער... דעמאָלט האָט איהר די מאַמע געזאָגט, גלעטענדיג

איהר די האָר: „מיין קינד... געה נישט מיט זיי... בלייב אין שטאָדט, צווישען יידען“...

צומאָרגענס האָט זי שוין מעהר נישט געזעהן איהר מאַמען, דעמאָלט האָט מען איהר געוויזען אַ לענגליך בערגיל זאַמד... אַזוי שען, אַזוי בלישצשענדיג איז געווען דאָס זאַמד.

און קריינדעלע גלאָצט מיט די אויגען לאַנג אויף אַ בוים קעגען־איבער. עטליכע זומער־פייגעלעך יאָגען נאָך אַנ׳אַנדער זומער־פייגעלע. די לעצטע שטעלט זיך אָב אויף אַ צווייג, און די רעשט פאַלען אָן אויף איהר. קריינדעלע קוקט זיך איין, און ווער ווייסט פאַר וואָס זי הייבט פלוצלינג אויף אַ טרוקען שטיקעל צווייג און וואַרפט מיט כעס אויף די זומער־פייגעלעך? זיי פליהען ווייטער און יאָגען איינס דעם צווייטען, דרעהענדיג זיך אין דער לופט... קריינדעלע לעהנט אָן דעם קאָפּ אויפ׳ן גראָז און דרעמעלט.

---

נאָך מיטאָג. די זון שטעהט אויף יענער זייט בית־עלמין. אין עק, פאַר׳ן קליינעם הייזעל, ליגען זיך דער שוואַרצער און דער געלער. אַ ביסעל אָבגערוקט פון זיי זיצט די יידענע מיט׳ן קינד. דער שוואַרצער איז בייז און ברומט: „אַזאַ בלינדער הינד — ער האָט גאָרנישט „גע־מאַכט“ אין שטאָדט“... ער וואַרפט אַ בליק אויפ׳ן געלען: „הע, האָסט שוין אַ „פלעט“ אויף שבת?“

— פלעט — ברומט דער געלער — אַ פּלעט, פערברענט זאָלען זיי ווערען! דער גבאַי, אַ בראַנד זאָל איהם חאַפּען! ער האָט מיך גע־וואָלט שיקען צום קירושנער, ווי דעמאָלט... האָב איך אַליין געקריגען אַ פלעט ביי׳ם נגיד... אַ בראַנד זאָל איהם חאַפּען! — וואו ביזטו געווען?

— געווען... חאַ־חאַ — לאַכט דער שוואַרצער אין זיין באָרד אַריין — דאָ דאַנעבען אין אַ קליין דאָרף. — געלקח׳נט אַ פוטערעל... געהאַנגען אויפ׳ן פלויט... חאַ־חאַ.

— ווייז נאָר...

— איך האָב עס בעהאַלטען אין „אהל“.

ביידע ווערען שטיל און שלאָפען איין.

פאַרנאַכט קריכט קריינדעלע אַרויס פון צווישען די ביימער. זי נעהט פאַרביי דעם אָרט, וואו די ביידע שלאָפען. אַז זי דערזעהט זיי, גיט איהר גאַנצער קערפּער אַ ציטער און אונגערן דערמאָהנט זי זיך: „מיין קינד, געה נישט מיט זיי"... זי וויל זיך זעצען אויפ'ן גראָז, נאָר עפּיס אַ בעהאַלטענע קראַפט שטופּט זי אַוועק פון דאַנען. זי קאָן זיך נישט געפינען קיין אָרט און געהט אַריין אין הייזעל אַריין. דעכטס וואוינט דער בעל-הבית, זי עפענט די קענענאיבעררינע טהיר.

אַ לעדיג פּיער-קאַנטיג צימער, צוויי קליינע פענסטערלעך מיט גרינע שויבען, איין פענסטער געהט אַרויס אויפ'ן וועג, דאָס צווייטע — אויפ'ן בית-עלמין. דער קאַלך איז ערטערווייז אָבגעקראָכען פון די ווענד. דער באַלקען איז שוואַרץ; שטיקער ווייס לייהם ליגען אַרומגעצויגען מיט דיקען שפּינוועבעכץ און ציטערען אין דער לופט ביי דער מינדסטער בעוועגונג. ביי דער טיהר געפינט זיך אַנ'אויסגעקרימטע אייוועגדיל. עס איז שוואַרץ און טרויעריג ווי אַנ'אָבל אין עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך קלאָגען פאַר די גרינע גלעזלעך פון אומעטיגען פענסטער. אין ווינקעל, קעגען אייזוענדיל, ליגט דער בלינדער אויף אַ בינדעל שטרוי, ווייטער, נעבען וואַנד, ליגט אַ זעג, אַ גראָב-אייזען און אַ לאָפּאַטע. ביי דער טהיר — דאָס טהרה-ברעט און קיבלעס.

קריינדעלע זוכט זיך אַנ'אָרט צו זעצען, נאָר עפּעס אַ בעהאַלטענע קראַפט שטופּט זי אַוועק אויך פון דאַנען. — „בלייב אין שטאָרט צווישען יידען"... זאָגט איהר דאָס האַרץ. ווי פערגליווערט בלייבט זי שטעהן אויפ'ן אָרט, ווי אָהן אָטהעם. אין דער זעלבער מינוט דערהערט זי שווערע טריט פון פאָדער-הויז... זי גיט אַ ציטער מיט'ן גאַנצען קערפּער און וואַרפט אַ דערשראָקענעם בליק צו דער טהיר צו. די קליאַמקע ריהרט זיך — עס עפענט זיך די טהיר. זי דערזעהט דעם גזלען, און אַ לייכטער ציטער נעהמט זי דורך. ער וואַרפט אויף איהר אַ פייערדיגען בליק, נעהמט זי אין זיינע אָרימס און וואַרפט זי אַ נידער אין ווינקעל נעבען בלינדען! אויפ'ן שטרוי — —

———

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער נעלער אַרויס פון הויז און האָט גענומען געהן אין שטאָדט אַלס „אורח“ אויף שבת.

קרײַנדעלע האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און איז אויך אַרויס פון שטוב. קוים האָט זי צוגעמאַכט די טהיר אונטער זיך, איז איהר אַנטקעגען געקומען דער שוואַרצער מיט אַ פערשלאָפען פנים אין אַ שויבערטע באָרד:

— וואו אַהין געהסטו, קרײַנדעלע?

זי איז געשטאַנען פאַר איהם שטום און האָט געציטערט ווי אַ אַ בלאַט אין הערבסט.

— קום... קרײַנדעלע... אַהער... און ער נעהמט זי אָן פאַר'ן אָרעם. ער שלעפּט זי אַרײַן צוריק אין שטוב און וואַרפט זי אַנידער אויפ'ן אָרט, וואו דער בלינדער שלאָפט...

אין אַ ווײַלע אַרום געהט אויך דער שוואַרצער אין שטאָדט אַרײַן אַלס „אורח“.

קרײַנדעלע איז אַרויס אויפ'ן בית-עלמין, אַרײַן צווישען די ביימער און האָט זיך געזעצט אויף אַ בערגיל. זי זעהט די נידריגע הײַזער פון דער ווײַטען, און צווישען זיי דאָס קלויסטער, וואָס אַ פײַערדיגער קיפּעל בליצט אויף איהם.

די זון זעצט זיך און צושפּרייט די לעצטע שטראַהלען אויפ'ן בית-עלמין. די ביימער באָדען זיך אין אַ גינגאָלדענעם גלאַנץ, אויף מזרח-זייט איז דער הימעל רויט ווי פײַער. לאַנגע זײַלען פײַער גיסען זיך איינער אויפ'ן אַנדערען און מישען זיך אויס, אַלע מיט אַרויסגעשטעקטע לאַנגע פײַערדיגע צונגען, מיט פײַערדיגע מײַלער און פײַערדיגע קעפּ. דאָ און דאָרט בלאָנדזשען אַרום קליינע וואָלקענדלעך, וואָס האָבען זייער וועג פערלאָרען, און זייערע קאַנטען זענען אַרומגעזוימט מיט שלענגלעך פײַער. ביסלעכווײַז צוגיסט זיך אויף מערב-זייט אַ בלאַסליכער שטראָם, אַזוי ווי קליינע צעשפּרייטע וואָלקענדלעך, אַזוי ווי די שיפען פון לויתן, און צולעגט זיך באַלד איבער'ן גאַנצען הימעל. דער הימעל ווערט טונקעלער און אויסגעזעצט מיט בלאַנקענדיגע שטערען. די שטילע נאַכט קומט אָן פאַמעליך-פאַמעליך און דערפולט דעם חלל צווישען הימעל און ערד. אַלץ ווערט גראָה און אַלץ ווערט פערזונקען אין אַ זיסען שלאָף. פינסטער, שטיל, דאָס בית-עלמין שלאָפט... און קרײַנדעלע זיצט שטום, ריהרט זיך נישט, און קוקט אויף די ווײַטע נידריגע הײַזלעך, וואָס זענען אײַנגעהילט אין אַ שוואַרצען פינסטערניש, און וואָס פינקלען

מיט די שבת־ליכט. קליינע נשמות, כשר׳ע, שבת׳דיגע נשמות. קריינ־דעלע פיהלט, אז זיי ווינקען צו איהר, רופען איהר נשמה צו זיך און חבר׳ען זיך מיט איהר... און אַ בענקשאַפט בעהערשט איהר האַרץ, ביז זי ווערט מיעד און שלאָפט איין אויפ׳ן גראָז.

שפעט ביינאַכט האָט די חברה צוריקגעקעהרט און זיך פערזאַמעלט אַרום הייזעל. זיי זוכען קריינדעלען, שרייען און געפינען זי נישט, ביז לסוף געהען זיי זיך לעגען אָהן איהר.

---

# קריינדעלע.

## II. איהרע אידעאַלען.

שבת אין דער פריה.

דער בּרייטער זאַמדיגער וועג שלאָפט נאָך, שטיל, חברה שלעפּט זיך מיט שווערע טריט, פּויל און פאַמעליך, און לאָזען איבּער אין פּייכטען זאַמד שפּורען פון טריט. פון בּיידע זייטען שמעקען די פעלדער, און אַ לינד פריהמאָרגען־ווינטעל בּלאָזט, מאַכט די לופט פּייכטיג און פריש, בּלאָזט אויף די פאָלעס פון די בּעטלער און פאָכעט מיט דער שירץ פון דער יידענע מיט דעם קינד אויף דער האַנד. חברה געהט.

אַריינקומענדיג אין שטאָדט אַריין צוגעהען זיי זיך אין פערשיעדענע זייטען. דער גלער געהט אין דער בּאָד־גאַס. דאָרט זעהט מען יונגע־לייטלעך מיט לענגליכע בּלאַסע פּנימלעך, פערשלאָפענע אויגען, צו־פלאָסענע פּאות אין פערפעדערטע יאַרמעלקעס אונטער די סאַמעטענע היטלעך, וואָס לויפען מיט אַ התלהבות, ווי כּרובימלעך פון הימעל — אין מקוה אַריין. עלטערע בּעלי־הבּתים געהען זיך בּנעימות׳דיג. שטעלען קליינע טריט און געניצען בּרייטליך, קענטיג, זיי פיהלען זיך נישט גאָר שלעכט אויף גאָטס וועלט. אַנדערע לויפען שוין צוריק פון מקוה, פון אונטער די היטלעך קוקען אַרויס די יאַרמעלקעס מיט דער פּאָטשעווקע איבּערגעדרעהט... פון פיעל פענסטער הערט זיך דער נגון פון מעביר־סדרה זיין. דער גלער געהט אין בּית־המדרש אַריין.

דאָ איז אַ געלויפעריי און גערודעריי ווי צווישען בּיהנען. מען לויבּט נאָט מיט אַרומלויפען אַהין און צוריק, די עקען פון דער גאַרטעל אַראָבּגעלאָזט און שלעפּען זיך נאָך אויף דער פּאָדלאָגע, די אויגען

פערגלאָצט און אין האַנד רייבט דעם שטערן. איינער דרעהט די פאָה, איינער ברומט, און אַלע לויפען, לויפען, און קלאַפּען אָן איינער אָן אַנדערען.

דער געלער אין דער וואַטענער קאַפּאָטע זיצט אויף אַנ'עק באַנק ביי דער טהיר. פון צייט צו צייט וואַרפט ער אַ בליק אויף'ן לערינגען עמוד, אויף די אַלע אַרומלויפענדיגע יידען קוקט ער מיט כעס — „פער־ברענט זאָלען זיי ווערען, אַ בראַנד!“

נאָכ'ן דאַווענען שטעהט דער געלער אויפ'ן הויף און קוקט מיט צומישטע אויגען. ער זעהט, אַז פון עולם שיידט זיך אָב אַ קליינע כנופיאָ און געהען צוזאַמען, דער געלער שלעפּט זיך נאָך.

מ'קומט אַריין אין אַ שטוב. אַ געדעקטער טיש, בראָנפען און לעקעך — דער געלער ווערט אויפגערוימט, דאָס האַרץ ציטערט אַזש. ער שטעלט אָן אַ בעטענדיג רחמנות'דיג פּנים פאַר דעם ייד, וואָס טראָגט אַרום אַ טאַס מיט לעקעך, און דער ייד דערלאַנגט איהם אַ חלק, אַנ־אַנדערער גיעסט איהם איין אַ גלעזיל בראָנפען.

ווייבער קומען אָן שטילערהייד, ווי אַריינגע'גנב'ט, און געהען אין דער אַנדערער שטוב אַריין. דער עולם נעהמט אויך צו גלעזלעך בראָנ־פען, ער ווערט היימליך, רווישענדיגער, און דער געלער חאַפּט דער־חייל אין גרויסען געדודער איין גלעזעל נאָכ'ן צווייטען, חאַפּט פון רעכטס און פון לינקס און טרינקט און שלינגט איילענדיג, ווי אַ ווילדע חיה.

— בעל־הבית לעבען, — בעט ער זיך — נימ אַ ביסעל בראָנ־פען.

דער בעל־הבית נעהמט שוין דאָס פלעשיל אין דער האַנד אַריין איינצוזיעסען, נאָר איינער פון די געסט בעמערקט דאָס און זאָגט:

— וועמען דאָס גיסט דו?

— לאָז דעם אָרימאַן דעם...

— וואָס! איהם! ער טהוט נישט מעהר נאָר זופט. אַזאַ שנאָרער! שטעל אַנידער דאָס פלעשיל.

דאָ ווערט דער געלער אויפגעבראַכט, קריצט מיט די ציינער, דאָס פּנים צופלאַמט זיך איהם, די אויגען בלישטשען און אַ שוים בעדעקט

אזש זיין מויל, מיט איין ריס שלאָגט ער אויף בײדע האַלבע טהירען, לויפט אַרויס מיט אַ נעשריי.

— אַ בראַנד! פערברענט זאָלט איהר ווערען! אַ בראַנד אויף אײך און אויף אײער מזל־טוב.

אַזוי לויפט ער איבער דער גאַס און שעלט און פלוכט, פון איין גאַס אין דער צווייטער אַריין. אַז ער ווערט אַ ביסעל רוהיגער, דער־זעהט ער פון אַן אָפען פענסטער אַן׳עדה יידען. די טהיר איז אָפען, געהט ער אַריין. דער בעל־הבית דערלאַנגט איהם אויף גיך בראָנפען און לעקעך און הייסט איהם, ער זאָל זיך גיכער אָבטראָגען... דער געלער קוקט אין אַ זייט, גלייך ווי ער וואָלט נישט געהערט, וואָס מען זאָגט איהם. ער בעט נאָך אַ גלעזיל בראָנפען, און דאָס מאָל טרינקט ער אויס און לאָזט דאָס בעכעריל אַריין אין טאַש. אין דער זייט זעהט ער שטעהן אַ מולטער מיט חלות, נעהמט איינע און — אַריין דורך דער אויסגעהוילטער טאַש אַריין אין דער פּאָלע.

איצט געהט ער ערשט עסען „שבת“.

ער קומט אַריין אין אַ שטוב, וואו אַ יונג פּאָר־פּאָלק מיט אַ קליין יינגעל זיצען ביי׳ם טיש. דאָ זעצט ער זיך, טרינקט אויס בראָנפען, וואַשט זיך און זעצט זיך ביי׳ם טיש. דאָס יונגע ווייבעל דערלאַנגט איהם פיש, דער יונגער מאַן מיט׳ן יינגעל זינגען דערוויל זמירות. דער געלער נעהמט זיך דערוויל צו׳ם בראָנפען, גיעסט זיך איין אַ גלעזיל, נאָך איינס, און דרעהט איבער מיט׳ן אַרבעל און פערגיעסט דאָס טישטוך. דאָס יונגע ווייבעל קוקט אָן דעם מאַן און געהט אַליין אַ וועק פון טיש. אַז זי דערלאַנגט פלייש, ברומט דער געלער:

— און קוגעל, קוגעל? גאָרנישט? —

ער איז האַלב שכור און וואַרפט אָן אַן׳אימה אויף אַלע אין שטוב. דער יונגערמאַן געהט אויך צו אויף אַ ווײלע צו׳ם פענסטער און קוקט אויף דער גאַס אַרויס, דאָס יינגעל לויפט צו צו דער מוטער:

— מאַמע, איך האָב מורא פאַר דעם ייד.

דערוויל חאַפּט דער געלער אַראָב אַ גאָפּעל און לאָזט איהם אין אַרבעל אַריין, דערנאָך הייבט ער אויף די האַנד אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויסגלייכען.

— בעל־הבית לעבען, בעל־הבית לעבען — זאָגט ער — אײַער חלק װערט קאַליע — זאָל איך עס אויפעסען ?

דאָ װערט דער יונגערמאַן שוין בײז, װיל צו־לויפען, נאָר בלײַבט שטעהן.

— אַרויס פון דאַנען, שנאָרער! אַרויס, אַרויס פון מײַן שטוב!

דער געלער חאַפּט זיך אויף פון טיש, לויפט אַרויס מיט זײַן געװעהנליכער קללה:

— אַ בראַנד זאָל אײַך חאַפּען!

ער הײבט באַלד אָן פון צװײטען הויז און געהט פון שטוב צו שטוב, און די פּאָלעס װערען װאָס אַ מאָל פולער. אין אײן פּאָדער־הויז דערזעהט ער אַ קלײן מעדעל, אויפ׳ן קאָפּ טראָגט זי אַ זײַדען טיכעל מיט אײן ריס מיט דער האַנד רײַסט ער איהר עס אַראָב פון קאָפּ. דאָס מעדעל הײבט אָן װײנען און ציטערען פאַר שרעק — דאָ עפענט זיך די טיהר און די מוטער פון מעדעל בעװײַזט זיך, זי פאַלט אָן אויפ׳ן געלען און װיל אַרויסרײַסען צוריק דאָס טיכעל, ער גיט זי אַ שטופּ צוריק און אַנטלויפט, זי לאָזט זיך נאָך, עס װערט אַ געלויף, אַ געשרײ: װאָס איז געשעהן װײס קײנער נישט. נאָר אַ חברה קונדסים לאָזען זיך נאָכלויפען נאָך דעם געלען, װאָס לויפט און די שװערע פּאָלעס קלאַפּען איהם אָן אויף די פיס; חברה נעהמט װאַרפען שטײנער אויפ׳ן געלען, און ער לויפט און לויפט ביז עק שטאָדט. װאָס אַ מאָל, אַז ער זעהט, אַז חברה לאָזט איהם נישט אָב, װערט אַלץ מעהר אין כעס, צורײַצט װי אַ משוגענער הונד, זוכט אויך שטײנער אויפ׳ן װעג און נעהמט צוריקװאַרפען. אָט איז ער אָנגעקומען צו אַנ׳אײַנגעפאַלענעם קוימען פון אַנ׳אָבגעברענט הויז, ציגעל — װיפיל דאָס האַרץ גלוסט, ער נעהמט װאַרפען די ציגעל מיט אַ שנעלקײט און לײַכטקײט, אַזױ װי נים. די קונדײסים לאָזען איהם אָבער נישט אָב, דער ציגעל פליהט נאָך אין דער לופט, און חברה דערזעהט שוין, װאו זי װעט פאַלען און בײגען זיך אַװעק. אַ האָגעל שטײנער פאַלט פון זײער זײַט. די לופט שװישצשעט און קרעכצט פון די לויפענדיגע שטײנער, און דער געלער פאַלט אַנידער צובאַלט.

חברה צולויפט זיך באַלד אין אַלע זײַטען, און דער געלער בלײַבט ליגען אויף דעם באַרג שטײנער, און דאָס פּנים זײַנס איז בע־

שפריצט מיט בלוט. ער וואַרפט זיך ווי אַ שלאַנג, בײסט די פינגער פאַר ברענעדיגען האַס... אַם ענדע ווערט ער מיער און אַנטשלאָפען.

אַרום איז שטיל. דער גאַנצער פלאַץ איז בעוואָרפען מיט שטײנער, און דער האַלב־אײנגעפאַלענער קוימען קוקט װײט־װײט אַרויס אויף דעם גרינעם פעלד מיט די זאַנגען וואָס שאָקלען זיך. די זון שײנט אויף דעם געלען׳ס קאָפּ, וואָס איז בעפלעקט מיט בלוט און ליגט און שנאָרכט. נישט ווייט פון דאַנען הערט זיך דאָס צוריקגעהאַלטענע בלאָזען פון אַ קאָוואַלניע, און די קולות ווערען פערשטומט אונטער׳ן ווײטען ברײטען בלאָהען הימעל.

פאַרנאַכט, אַז די זון האָט זיך שוין געזעצט, האָט זיך דער געלער ערשט אויפגעחאַפּט און געגאַנגען זײן וועגס.

---

שפעט בײנאַכט איז דער געלער צוריקגעקומען. בײ׳ם קלײנעם הײזעל ליעגט חברה און שלאָפט. אויפ׳ן בית־עלמין הערשט אַ שטילקײט, מען הערט נאָר דאָס גערויש פון די בײמער און דאָס שנאָרכען פון די שלאָפענדיגע. פינסטער איז. דער געלער וואַרפט אַראָב פון זיך די קאַפּאָטע און שטופּט זיך אַרײן צווישען חברה. איצט איז שטיל, אַלץ שלאָפט.

קענען מיטען נאַכט איז די לבנה אויפגעגאַנגען, פאַמעליך־פאַמע־ליך האָט זי זיך אַרויסגערוקט איבער די שפּיצען פון די בײמער. פאַר־טראַכט קוק זי אויפ׳ן בית־עלמין, וואו די בײמער שטעהען אײנגעהילט אין דער פינסטערניש, און בעגיסט מיט אַ בלײכער שײן די וואַנד און דעם הײזעל, וואו חברה ליעגען צולעגט אויף דער ערד. פון אײן זײט ליעגט דאָס ײנגעל מיט דעם שוואַרצען מאָגערען פּנים. פון דער אַנדערער זײט — די ײדענע מיט׳ן קינד, ווײטער — קרײנדעלע. דעם קאָפּ אין אַ טיכעל אײנגעוויקעלט... אָט האָט זיך דער געלער אַ ריהר נעגעבען. ער עפענט די אויגען און הײבט אויף דעם קאָפּ, ער רײבט מיט בײדע הענד זײן באָרד און רעדט צו זיך: „קרײנדעלע שלאָפט, שלאָפט“. ער רוקט זיך צו צו איהר און ריהרט זי אָן מיט דער האַנד פאַר׳ן לײב... קרײנדעלע עפענט אויף די אויגען דערשראָקען און רוקט זיך אָב ציטע־

רענדיג... דער געלער וויל זיך נאָכרוקען נאָך איהר, נאָר האַלט זיך צוריק און וואַרפט אַ בליק אויפ'ן שוואַרצענס באָרד, דער שוואַרצער מאַכט עפּיס אַ בעוועגונג, לעגט ער צוריק דעם קאָפּ און מאַכט זיך שלאָפען — קריינדעלע דערהייבט דעם קאָפּ און קוקט איהם אין די אויגען אַריין. באַלד דערהייבט זי זיך און אַנטלויפט צווישען די ביימער -- דער געלער קוקט איהר נאָך. ער הייבט זיך שטיל אויף, לאָזט דערווייל נישט אַראָב קיין אויג פון שוואַרצען, און געהט אויף די שפּיץ פינגער צו קריינדעלע. ער געהט אַריין אין „אהל" און געפינט דאָרט קריינדעלען. „אַרויסגע'גנב'עט זיך, קריינדעלע, אַזוי? אַרויסגע'גנב'עט זיך!" זאָגט ער און וואַרפט זי אַנידער אויפ'ן קבר פון אוהל.

דער געלער בעמערקט גאָרנישט, אַז אין מהיר שטעהט שוין דער שוואַרצער אונטער זיינע פּלייצעס, מיט אַ דערשטיקט ברומען וואַרפט ער זיך אויפ'ן געלען און חאַפּט איהם אָן מיט ביידע הענד פאַר'ן האַלז. דער געלער וואַרפט זיך, רייסט זיך, אַז ער ליגט שוין אויף דער ערד מיט'ן קאָפּ אַרויף. ער זוכט צו בייסען מיט די צייהן דעם שוואַרצענס האַנד, נאָך אַ מינוט, בלייבט ער ליגען אָהן כח, נאָר די פינגער זיינע גראָבען זיך אין קראַמפּפען איין אין דער ערד, די פיס ציטערען, און אינגאַנצען וואַרפט ער זיך.

דערווייל איז שוין קריינדעלע אַרויסגעלאָפען פון אהל. דער שוואַר־צער לאָזט אָב דעם געלען און לויפט איהר נאָך.

— שטעה! — שרייט ער, און דאָס ווידער־קול ענטפערט אָב פון די ביימער.

זי איז געבליבען זיצען אויף אַ קבר, ווי אַ דערשלאָגען היהנדעל, וואָס נעהמט צוזאַמען די פליגלען און לאָזט אַראָב דעם קאָפּ. דער שוואַרצער געהט צו:

— אַנטלויפען? נישט אַנטלויפען וועסטו — הערסט? קיינמאָל נישט, זאָג איך דיר.

פון צווישען די צווייגען פאַלט אַ בינטעל שטראַהלען פון דער לבנה און בעלייכט די מצבה מיט די גרויסע לאַנגע אותיות: „הגאון אב"ד דק"ק"... און דאָס בערגיל גראָז און די צווייַ קעפּ, וואָס ליגען דאָרט — אַ יאַרמעלקע און אַ טיכעל, אַרומהאַלטענדיג זיך אין די נאַקע־טע אָרעמס.

זונטאָג נאָך מיטאָג. אַנ׳אָפּענע פרייע וועלט פון אַלע זייטען. איבער דעם בית־עלמין ליעגט אויסגעשפּרייט דער הימעל ווייט־ווייט אַרום. די זון שיינט העל. דער ברייטער זאַמדיגער וועג ברענט. אַ לייכטער ווינד דערהייבט אַ ביסעל שטייב... פאַר׳ן הייזעל שטעהט ווידער דאָסביידעל, חברה מאַכט זיך גרייט אין וועג אַריין. פּויערים און פּויערטעס געהען צוריק אין די דערפער אַריין פון שטאָדט. די רויטע פּנימער אין די רויטע טיכלעך אויף די קעפּ פינקלען קעגען דער זון; גראַנאַטענע היטלעך גלאַנצען אַראָב פון פרעהליכע פּנימער, און די אַלע מענשען געהען, רעדען און לאַכען, אויפגערוימט, פרעהליך. פון דערווייטען קוקט זיי נאָך דער שפּיץ פון קירכע און ווינקט צו זיי לוס־טיג. אָט טראָגט אַ פּויער אַ פּאָר נייע שטיוועל אויף׳ן אַקסעל, אַ צווייטער — אַ פּאָר הויזען און אַ וועסט, און אַ דריטער האַלט אַ פייפעל אין מויל און פייפט־צו לעבעדיג צום טאַקט פון געהן...

— זעהט, ברידער! וואָס מ׳בעקימט אין שטאָדט פּאַר פּיער גראָשען... אין שטאָדט בעקומט מען אַלץ. נו, אַדרבא, זאָל עמיץ פון אייך פּראָבירען צו מאַכען אַזאַ פויגעל, קיילעכיג, הויל, לעבעלעך — אַלץ איז דאָ...

עס קומען אָן אַנדערע צוויי פּויערען, זיי זענען ביידע שכור און האַלטען זיך אַרומגעאַרעמט און וואַקלען זיך צוזאַמען.

— זעהסט אָט דאָ דאָס ביידעל?

— כ׳זעה.

— ווער זענען די ציגיינער די? אָט איז דער מיט דער שוואַרצער באָרד. זעהסט? —

— דאָס זענען יידען, ניט ציגיינער.

חברה האָט שוין אַיינגעפּאַקט אַלץ אויף׳ן וואָגען, שטעהען שוין גרייט אַוועקצוזעצען זיך, נאָר זיי וואַרטען נאָך אויף קריינדעלען. אין דער זעלבער צייט קומט אָן דאָס איינגענע יינגעל און זאָגט אָן, אַז ער האָט נישט געקאָנט געפינען קריינדעלען. די עלטערע יידענע דערצעהלט, אַז זי האָט געזעהן קריינדעלען אין דער פריה געהן אין שטאָדט אַריין. דער שוואַרצער נעהמט אָן דעם געלען פּאַר׳ן אַרבעל און געהען צו־טראָגען אַרויף אויף׳ן בית עולם.

באַלד קומען זיי צוריק. רעדען צווישען זיך קיין וואָרט נישט, נאָר

די אויגען זייערע בלישטשען און זיי קוקען איינער אויפ׳ן אַנדערען, צעמישט און ביז.

-- קום! — שרייט דער שוואַרצער.

— קום! — ברומט צו דער געלער און לויפט דער ערשטער, דער שוואַרצער — נאָך איהם.ביידע לויפען אין שטאָדט אַריין צעהיצט און צעמישט.

זיי לאָזען זיך איבער דער שטאָדט, לויפען אוים אַלע גאַסען און זוכען אין אַלע בעהאַלטענע ווינקעלעך, אין מקוה — נישט געפינען. זיי לויפען אין דער ווייבער־שול אַריין. זיי זוכען, קלאַפען, דרעהען אום אַלע בענק און עמורים. פלוצלינג דערזעהט דער געלער — אין אַ ווינקעל דאָרט ריהרט זיך עפּעס די קופּע „שמות", ער געהט צו, טאַפּט — קריינדעלע! ער האַפּט זי אָן פאַר׳ן אָרעם מיט אַ געשריי — זי ציטערט אין גאַנצען, הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט איהם אָן מיט אַ בליק פון אַ הוהן, ווען דער שוחט פליקט די פעדערען איהר פון האַלז.

דער שוואַרצער שפּרינגט אויך צו, זיינע אויגען בליצען פאַר פלוצלינגער פרייד.

— דו ביסט דאָס, קריינדעלע? דו? אַנטלויפען?

ביידע נעהמען זי אָן, דערהייבען זי אין דער לופט און לויפען מיט איהר אַרויס אויף דער גאַס.

— יידען, געוואַלד! ראַטעוועט, יידען — הייבט זי אָן צו שרייען, מען קומט זיך צוזאַמענלויפען פון אַלע זייטען, מענער, ווייבער און קינדער. עס ווערט אַ רעדיל אַרום זיי.

— ראַטעוועט! שרייט זי — ראַטעוועט אַ זינדיגע נשמה!

דער עולם וויל זי אַרויסציהען פון זייערע הענד, נאָר דער שוואַרצער לאָזט נישט. ער שלאָגט, סאַפּעט און ברומט ווי אַ ווילדער אָקס.

דער עולם ווערט וואָס אַ מאָל גרעסער, ביז צום סוף שלאָגען זיי אָב קריינדעלען פון זייערע הענד.

— מיין ווייב! — שרייט דער שוואַרצער און פאַר כעס צערייסט ער מיט די צייהן זיין היטעל — מיין ווייב, מיינע...

— ניין, יידען, יידען, — בעט זי זיך — ניין, גלאַט אַזוי אַ זונדיגע נשמה...

— אַ כּתיבה איז דאָ? — פרעגט איינער דעם שוואַרצען.

— איך האָב נישט, איך האָב נישט — קריצט ער מיט די ציינער — מיין ווייב, מיינע!

— געה פון וואַנען דו ביסט געקומען, — שרייען עטליכע פון די פערזאַמעלטע.

— מיין ווייב! מיין ווייב!

— אַ פּאַספּאָרט האָסט דו? פּאַלט איהם איינער אַריין אין מיטען.

דער שוואַרצער ווערט פּלוצלינג אַנטשוויגען, דער געלער זוכט זיך אַ לויז אָרט צו ענטקומען.

— רופט אַ סטראַזשניק, אַ סטראַזשניק, — שרייט מען ווידער.

דער געלער נעהמט לויפען, דער שוואַרצער — נאָך איהם, און ביידע ווערען פערשוואונדען אויפ'ן וועג, וואָס פיהרט צום בית-עלמין.

פון דעמאָלט אָן האַלט זיך קריינדעלע דאָ אויף. יאָהרען קומען, יאָהרען געהען, קריינדעלע ווערט עלטער און איז צופרידען פון איהר לעבען און פון איהר ווינקעל אין דער ווייבער-שול, אַ שבת אָדער אַ יום-טוב, ווען עס קומען אַ סך אויסגעפּוצטע ווייבער, ווייזט זי זיך נישט. נאָר אין דער וואָכען, אַז קיינער איז נישטאָ, זיצט זי זיך אויף אַ באַנק אין אַ ווינקעל, אָנגעטהון דאָס זעלבע טיכעל אויפ'ן קאָפּ זומער ווי ווינ-טער... טיילמאָל הייבט זי זיך אויף פון אָרט, געהט אַרום צווישען די שטענדערס און געהט צוריק אין איהר ווינקעל אַריין און זיצט, גאַנץ אָפט שטעהט זי שעה'ן-ווייז ביי'ם פענסטעריל און קוקט אין בית-המדרש אַריין אויפ'ן אָרון-הקודש.

אַ מאָל מיטאָג-צייט, נעהמט זי חלבנע ליכט, צושטעלט זי אויף אַלע שטענדערס, צו עטליכע אויף יעדען, און צינד זיי אָן. זי נעהמט אַרויס דאָס פּעקיל מיט די תּכריכים, וואָס זי האָט זיך צוגעגרייט, טהוט זיי אָן און שטעהט אַזוי צווישען די ברענענדיגע ליכט, ווי אַ ווייס מאַרמאָרענעס בילד.

די ווייסע הברה לאָבּעסעוועט אַרום אין בּית־המדרש און דערזועהען קריינדעלען אין איהר ווייסען אָנטהועכץ. אַלע לויפען אַרויס צוזאַמען פון בּית־המדרש, אויפ׳ן חזיר־מאַרק ארויס, דאָרט האַפּען זיי דעם ווייסען בּאָק, וואָס שטעהט בּיי אַ קלאָץ און גריזעט די שאָל, זיי נעהמען איהם אָן פאַר די הערנער און פיהרען איהם צו דער ווייבּער־שוהל צו. דערנאָך נעהמען זיי פאַר געוואַלט קריינדעלען אין די תּכריכים און זעצען זי אַרויף רייטען אויפ׳ן בּאָק. חברה פיהרט דעם בּאָק פאַר די הערנער, אַנדערע האַלטען אונטער קריינדעלען אויפ׳ן בּאָק, זי זאָל זיצען גלייך, און מען פּויקט און מען שרייט — מ׳פיהרט קריינדעלען איבער אַלע גאַסען.

טיילמאָל געהט קריינדעלע אַרויס פון דער ווייבּער־שוהל; בּיינט זיך איין אונטער אַ טרעפּ, נעהמט אַרויס אַ קריגעל מיט אַ פּעקיל שטריק און לאָזט זיך געהן אין גאַס אַריין. אין טיפען, בּלאָהען הימעל שיינט די זון און ווינקט אַראָב אויף די אויסגעטריקענטע דעכער פון די נידריגע הייזער. אין עטליכע הייזער שטעהען די לערדען האַלבּ־אָפען און זעהען אויס אַזוי ווי פערהלשט פאַר היץ. די וואָס שטעהען אין שאָטען קוקען דורך די אָפענע פענסטער אויף די בּרייטע ווייטע וועלט אַרויס. פון איין אָפען פענסטער זעהט מען אַ ייד, וואָס שאָקעלט זיך, מיט אַ בּלאַס פּנים, מיט אַ יאַרמעלקע אויפ׳ן קאָפּ, רעכטס און לינקס זעהט מען אָבּ־געבּרענטע פּנימלעך פון קינדער, וואָס שאָקלען זיך מיט, און אין לופט ציטערען קינדישע קוליכלעך: כּי — ווען, תּשאָ — ווען, עטעסט ווען עטעס, את׳ן... ווייטער, אויפ׳ן ערשטען שטאָק זעהט מען אַ געזיכט פון אַ מערעל און עס הערט זיך דאָס קלאַנג פון דער מאַשין און אַ לידעל:

און אַז דו וועסט בּשלום קומען פון „לאָס“
און וועסט מיך נישט נעהמען וועלען...
לאָמיר פאָהרען קיין אַמעריקע
און דאָרט אַ חופּה שטעלען.

ווייטער אַבּיסעל אונטער אַ פענסטער זיצט אַ הוהן און פּיקט אין דער ערד, אַריינגראָבּענדיג דעם בּויך אין דעם זאַמד... אַ האָהן לויפט צו איהר צו מיט אַיילעניש, לויפט אַרום איהר מיט אַראָבּגעלאָזטע פליגעל. בּיי אַ וואַנד ליעגט אַנ׳אָבּגעשניטענער בּוים פון וואַלד, און די זון

וואַרעמט איהם, צולאָזט די סמאָלע אויף איהם, און ער זעהט אויס, ווי אַ רשע וואָס ווערט געבראָטען נאָכ'ן טויט אין גיהנום. דערנאָך געהט דער מאַרק אָנגעשטעלט אינגאַנצען מיט פויערישע וועגען, אונטער זיי ליגען גוים, אין שטרויענע קאַפּעלושען. קריינדעלע געהט דורך מיט דעם קריגעל אין דער האַנד, קומט צו דעם ברונען אין מיטען מאַרק און שעפּט אָן אַ קריגעל וואַסער. פּאַמעליך, מיט דעם טיכעל אויפ'ן קאָפּ, געהט זי צו צו די קרעמערינס, וואָס זיצען אין מאַרק, און נישט רעדענדיג קיין וואָרט, דערלאַנגט יעדערער דאָס קריגעל. די ווייבער טרינקען, בענשען זי מיט גן־עדן, און קריינדעלעס אויגען לויכטען פאַר פרייד.

אַז דאָס קריגעל ווערט לעער, געהט זי נאָך אַ מאָל צו־צום ברונען.

ווייסע חברה'ניקעס לויפען איהר נאָך, ווילען פון איהר צונעהמען דאָס קריגעל אָנצושעפּען וואַסער, נאָר זי וויל נישט געבען. איינער רייסט איהר אַראָב דאָס טיכעל פון קאָפּ, אַנ'אַנדערער נעהמט אָן דעם קריגעל פאַר'ן העלזיל, אַ צווייטער פאַר'ן הענדטיל, ביז דאָס קליינע קריגעל ווערט צובראָכען, און די שאַרבען פאַלען אויף דער ערד. קריינדעלע פּראָטעסטירט נישט, זי שטרעקט נאָר אויס איהר שוואַרצען דינעם האַלז, שאָקעלט אַביסעל מיט'ן קליינעם קאָפּ און לאָזט אַרויס אַ מאָדנעם קרייה ווי אַ קראָה. חברה צולויפט זיך, און קריינדעלע בלייבט שטעהן און קוקט שטום אויף די שאַרבענס. דערנאָך געהט זי אַוועק מיט'ן שטריק אין דער האַנד.

זי געהט אַריין אין אַ געוועלב, די קרעמערין לעגט איהר אַנידער אויפ'ן בופעט אַ שטיקעל צוקער, קריינדעלע נעהמט נישט און ריהרט זיך נישט פון אָרט.

— פאַרוואָס נעהמסט דו נישט, קריינדעלע? — פרעגט די קרעמערין און שמייכעלט צו אַ צווייטער ידענע, וואָס שטעהט אין געוועלב.

— אַ גראָשען... — זאָגט קריינדעלע.

— אַ צרה אויף אַלע מיינע שונאים... נאָר גראָשען'ס. וואָס טויג דיר גראָשענס?

— אַ ספר שרייבען... אַ זינדיגע נשמה... ענטפערט ווידער קריינדעלע.

— מען ווייסט שוין — אַ „ספר“ שרייבען, — בּייזערט זיך די קרעמערין און קוקט אויף דער צווייטער יידענע. — שטענדיג דאָס איי־גענע — אַ ספר שרייבען, אַבּי אויסצונאַרען גראָשענס.

— מען קאָן נישט וויסען — זאָגט די צווייטע יידענע — אַ יידישע קישקע קאָן מען נישט אָבּשאַצען.

די קרעמערין גיט איהר אַ גראָשען. און קוקענדיג אויף די יידענע, זאָגט זי:

— אַנדערש קאָן מען פון איהר נישט פּטור ווערען.

קריינדעלע נעהמט פון דאַנען אין אַנ׳אַנדערער שטוב. אין קיך שטעהט אַ מעדעל מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבּעל און שווענקט דאָס גע־פעס. די טהיר עפענט זיך, און צוויי ווייבער אין לייכטע שענע טיכלעך אויף די קעפּ קומען אַריין אין קיך. אין איין האַנד האַלט זי אַ רויט טיכעל, זי קוקט נאָך אין שטוב אַריין און בענשט צניעות׳דיג: אַ גוטען טאָג, שרה׳לע, הלואי דו זאָלסט שטענדיג קאָנען געבען מיט דער פולער האַנד.

— אַ גוט יאָהר — ענטפערט אַ קול פון דער צווייטער שטוב, דער־נאָך בעווייזט זיך די בעל־הבית׳טע אַליין אין קיך, זי דערזעהט קריינדע־לען און וואַרט ביז די צוויי ווייבער וועלען אַרויסגעהן. דעמאָלט רופט ז׳ קריינדעלען אַריין צו זיך.

— נו וואָס, קריינדעלע? האָסט עפּיס געוואָלט?

אנשטאָט אַנ׳ענטפער נעהמט קריינדעלע אַרויס דאָס קניפּעל פון אַ שוך און דערלאַנגט עס איהר. שרה׳לע נעהמט דאָס קניפּעל, בינדט עס אויף און צושפּרייט אויפ׳ן טיש קאָפּיקעס און גראָשענס. קריינדעלע שטעהט שטום, שרה׳לע צעהלט... דערנאָך בּיט זי איהר אויס די גראָשענס אויף זילבערנע מטבעות און גיט צוריק קריינדעלען. זי לעגט עס צוריק אויפ׳ן אָרט.

— האָסט קיין העמד נישט אויפ׳ן לייב? — פרעגט שרה׳לע זעהענ־דיג דאָס נאַקעטע לייב, וואָס זעהט זיך אַרויס.

— יאָ, אַ העמד... רוקט קריינדעלע אַרויס אַ מין אַלטע סמאַטע.

— און מעהר האָסטו נישט קיין וועש?

— געהאַט. איין וועש האָבען די יינגלעך צוריסען, און נאָך איין וועש — דאָ.

שרה'לע געהט־צו צו דער קאָמאָדע, נעהמט אַרויס אַ ווייס ריין העמד און גיט איהר...

— אַ לאַנג לעבען, לאַנג לעבען זאָלט איהר — בענשט קריינדע־לע און געהט אַרויס.

איינמאָל איז קריינדעלע אַריינגעגאַנגען צו אפרים תבואה־הענדלער. זיין ווייב האָט איהר געגעבען אַ טעלעריל איבערגעשטאַנען געקעכץ, געווים נאָך פון נעכטען. קריינדעלע איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל און האָט דאָס געגעסען מיט ברויט, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט, דערוויי־ל איז אפרים אָנגעקומען.

— זעהסט, מאַשע... — שמייכעלט ער, קוקענדיג דאָ אויף זיין ווייב, דאָ אויף קריינדעלע'ן — זי איז דאָך אַ גאַסט ביי אונז.

— יאָ, יאָ, אַ גאַסט, איך האָב איהר געגעבען אַ ביסעל געקעכץ און ברויט האָט זי געהאַט איהרס.

— אַ מצוה געטהון, בעסער געגעבען אַ שכור'ן גוי — זאָגט ער צוגעהענדיג צום טיש, וואָס שטעהט ביים פענסטער צווישען די בעטען — אַזוי לעבט זי ווי אַ בהמה.

— אפרים, דו ווייסט? זי לאָזט דאָך שרייבען אַ ספר.

— הם... פאַר וואָס נישט? דאָ אַ שטיקעל ברויט, דאָרט גע־קעכץ, אַזוי קאָן זי אָנזאַמלען אַ שפּאָר ביסעל געלד.

קריינדעלע שטעהט אין ווינקעל, האָרכט וואָס זיי רעדען און קוקט אויף מאַשע'ן.

— נו, און וואָס האָסט דו אויפגעטהון היינט אין דיינע געשעפטען? — פרעגט מאַשע איהר מאַן.

— וואָס קאָן מען אויפטהון? קענסט נישט די קלינבוסקים, זיי לאָזען נישט רעדען מיט זיך, באשר בכן זיי האָבען אָנגעקויפט דעם גאַנצען האָבער.

מאַשע זעצט זיך ביי'ם טיש אָנגעלעהנט מיט דער האַנד אויפ'ן בעט.

זי איז אַ הויכע דאַרע ייִדענע, אַ שוואַרץ געזיכט, טריבע בלאָע אויגען אין אַ שאַרפע נאָז,ברייטע רינע ליפען, פון וועלכע עס קוקען אַרויס צוויי גרויסע פאָדערשטע ציינער. די געהאָפטענע קאָפקע אויפ׳ן קאָפּ גיט איהר צו נאָר אַ בעזונדערן חן.

זי זיצט און בעטראַכט איהר מאַן, וואָס זיצט אַנטקעגען איהר אויף אַ בענקיל.

מאַן און ווייב שווייגען. די זון קוקט אַריין דורכ׳ן פענסטער און איהר שיין ליעגט אויפ׳ן טיש צווישען זיי. דער שיין לאָזט זיך דערנאָך אַראָב אויף דער ערד און דערגרייכט אַזש ביז צו קריינדעלע׳ס פערבלאָטעטע שיך, אויף דער פאָדלאָגע אין מיטען שטוב זיצט אַ קינד מיט בלאָנדע האָר. מיט פערטראַכטע אויגען קוקט דאָס קינד אויף די טויזענדער שטויבען און די שלענגלעך, וואָס לייפען אַרום אין דעם פּאַס ליכט.

מאַשע שווייגט און קוקט אויפ׳ן מאַן מיט אויגען פון נקמה, „זאָל ער וויסען, ווי צו געבען געלד פאָראויס“ — טראַכט זי.

ער זיצט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, טיעף פערטראַכט, ער בייסט די נענעל, בעטראַכט די צוויי בלאָהע וואָרצלען אויף זיינע פינגער און זיפצט שטיל: פאַר זיך פערגינט מען זיך נישט קיין גראָשען, און פאַר׳ן מיזוועל איז שטענדיג דאָ.

זיין בליק פאַלט אויף קריינדלען, זי קייעט אַלײן נאָך דאָס טרוקע־נע ברויט.

„וואָס פעהלט אַזאַ בעשעפעניש! וואָס האָט זי צו זאָרגען! אָנ־שנאָרערען אַזוי פיעל געלד! אַ ספר קאָסט טייער! ווער ווייסט, וויפיעל געלד זי האָט שוין!“

— מאַשע, — ווענדעט ער זיך פלוצלינג צו׳ם ווייב, — פרעג נאָר קריינדעלע׳ן, וואו זי נעכטיגט.

מאַשע קוקט איהם אָן פערוואונדערט. און קריינדעלע קוקט אָן זיי ביידע, דערהערענדיג איהר נאָמען.

— וואָס האָב איך זי צו פרעגען! די ווייבער־שיהל איז נישט פערשלאָסען.

— דו מיינסט, אַז אויף אַזאַ נשמה דאַרף מען נישט רחמנות האָבען! פאָרט גאָט׳ס בעשעפעניש.

— רחמנות? — וואונדערט זיך מאשע נאָך מעהר און קוקט אויף איהם, גלייך ווי ער וואָלט עפּיס אַנ'אַנדערער מענש געוואָרען.

— וואָס קוקסט אַזוי, נאַרישע יידענע!... מסתמא, אַז איך זאָג רחמנות, איז רחמנות.

— מילא, זאָל אַזוי זיין. וואָס געהט דאָס מיך אָן.

— אַוודאי גאָרנישט. און דו מיינסט, מ'וועט האָבען אַנ'עבירה, אַז מען וועט איהר געבען צו נעכטיגען ביי אונז.

— פאַר וואָס — אַנ'עבירה! — זאָגט מאשע און לאָזט אַראָב די אויגען — הלואי רער טאָג זאָל זיך גוט ענדיגען.

— וויכטו זשע, וואָס איך וועל דיר זאָגען? זאָג איהר, זי זאָל היינט קומען נעכטיגען צו אונז.

מאשע הייבט זיך אויף, געהט־צו צו קריינדעלע'ן און זאָגט איהר דאָס — זי ווייזט איהר אָן אַנ'אָרט אונטער'ן אויבען, וואו צו שלאָפען.

קריינדעלע געהט באַלד אַרויס. דערנאָך נעהמט אפרים מענדה'ן מיט זיין ווייב:

— צי קאָן אַ ווייב וויסען, ווי דעם מאַנ'ס קאָפּ פּלאַצט פאַר זאָרג!

— און וואָס קאָן איך דיר העלפען, איך זאָל יאָ שוין וויסען!

— אויב דו זאָלסט וויסען, אויב דו זאָלסט וויסען — זאָגסט דו? איך מיין, דו ווייסט נישט. עס אַרט דאָך דיך גאָרנישט — זאָגט ער און נעהמט אָן דעם שפּיץ פון זיין געל בערדיל מיט די פינגער — הער־זשע, מאשע, הער... אַזוי פיעל געלד איז אַריינגעלעגט געוואָרען אין דעם פּלאַץ... נאָך מעהר בעצאָהלט פאַר האָלץ, און איצט, וואָס וועט איצט זיין דער תכלית? די שכנים וועלען נאָר דאָ אָנוואַרפען מיסט, און דאָס האָלץ וועט פערפוילט ווערען פון רעגען, און קיין שטוב וועט נישט זיין...

— וואָס זשע קלערסט דו צו טהון?

— דאָס פרעג איך דאָך דיך.

— מיך? דו זאָגסט דאָך, אַז איך בין אַ נאַרישע יידענע.

— דאָך ...

— ווייס איך? אפשר ווילסט דו צוריקנעהמען פון יאַלעווער פּריץ די 500 רובל?

— אַזוי, אַזוי? — זאָגט ער מיט אַ צופּריעדען שמייכעלע — אַ גוטע עצה געגעבען, און פאַר וואָס, מיינסט דו, וועט ער מיך דאָס האַלטען פאַר זיין סוחר. איך האָב איהם אַ שענע דרשה ג'עדרש'ט? ער האָט אַזאַ גרויסע זאָרג מיט זיין תבואה? ער האָט נישט וועמען צו פערקויפען? האַ?

— אַזוי, אַזוי, פרעג מיך ווידער נישט קיין עצות — בייזערט זיך מאַשע.

ביידע שווייגען און קוקען אַרויס דורכ'ן פענסטער, דער בלינדער פּיטעל טאַפּט מיט'ן שטעקען ביי דער וואַנד פון זייער שטוב, ער שלעפּט זיך און רייסט זיך צו צו דער טהיר פון פאָדערהויז.

אפרים קוקט אָן זיין ווייב, זי שפּרינגט-צו צו דער טהיר און רוקט אויף דעם רינגעל, באַלד דערהערט זיך אַ טאַפּען אָן דער טהיר, נאָר דאָס נעשאָרך ווערט באַלד פערשטומט ווי דאָס שאָרבען פון אַ מייזעל.

באַלד דערנאָך געהט אפרים אַרויס אויף דער גאַס. ער טרעפט אַנ'אַלטען פויער אַ בעקאַנטען און רעדט מיט איהם וועגען תבואה, וויפיעל ביי דעם פּריץ געפינט זיך האָבער, ווייץ; אָבגעפרעגט, געהט ער זיך וויטער בנעימות'דיג, מיט אַ רחמנות-פּנים, ווי איינער וואָס איז גאָט שולדיג די נשמה; אַז ער דערזעהט אַ פּויערישע פוהר, געהט ער צו מיט פאַמעליכע טריט און בעטאַפּט די זעק. און טהוענדיג מסחר, פערגעסט ער, דערווייל צו עסען, צו טרינקען און איז יוצא מיט אַ פּאַ-פּיראָס אויף אַ גאַנצען טאָג.

---

פאַרנאַכט, אַז ביידע יינגלעך זענען צוריקגעקומען פון חדר, האָט מאַשע אַרויסגענומען אַ ראַגאָזשע פון אונטער'ן אויבען און איז אַרויס פון שטוב איבערלאָזענדיג די קינדער אַכטונג צו געבען אויפ'ן ביסעל בעטיל.

אין אַ פֿירטעל שעה אַרום קומט זי צוריק מיט אַ פולע ראָנאָזשע שפּענער אויף די פּלייצעס. זי וואַרפט אַראָב פון זיך דאָס פּעקיל אין מיטען שטוב, בינדט עס אויף און נעהמט מאַכען פייער. די שפּענער פלאַקערען, קנאַקען, פונקען שפּרינגען, באַלד איז דאָס געקעכץ פערטיג. זי רופט אַריין די קינדער:

— חיים'ל! דוו'ל! — שרייט זי.

— וואָס, מאַמע, וואָס!

— נאַכט־עסען!

די קינדישע אויגען שטראַהלען פאַר פרייד. זי שטעלט זיי אַנידער אויפ'ן טיש צוויי קליינע שיסעלעך. די קינדער עסען אָב, און די מוטער לעגט זיי שלאָפען.

קריינדעלע קומט אַריין.

— עס זעהט אויס, זי האַלט וואַרט... ברומט מאַשע אונטער דער נאָז און גיט קריינדעלע'ן אַ ביסעל אַרבעס אויפ'ן דנאָ פון שיסעל.

אפרים קומט אויך. דערזעהענדיג קריינדעלע'ן לאָזט ער אַראָב די אויגען אויף זיין געלער באָרד. ווער ווייס פאַרוואָס.

מאַן און ווייב זעצען זיך ביים טיש עסען. קריינדעלע קריכט אַרונ־טער אונטער'ן אויבען.

אין שטוב הערשט אַ שטילקייט. עס הערט זיך דאָס לייכטע עטהע־מען פון די קינדער און אַ שטיל געראָויש פון אונטער'ן אויבען. זיי זיצען ביידע שטום, ווי פערטראַכט. דאָס לעמפּיל, וואָס הענגט אויף דער וואַנד, וואַרפט אַ טונקעל־רויטע שיין אויף די קינדישע שלאָפענדיגע פנים'ער, אויף מאַן און ווייב און אויף אַלץ אין שטוב. און אַלץ צוזאַמען מיט דעם פלאַב פון דער לאָמפּ גיעסט זיך צונויף אין איין שטילען סוד. פון אונטער'ן אויבען דערהערט זיך שטילע, צוריקגעהאַלטענע קלאַנגען, אזוי ווי מען וואָלט ציילען זילבערנע מטבעות. די בליקען פון מאַן און ווייב טרעפען זיך, און די אויגען שיינען. ער לאָזט אַראָב די אויגען און ציהט מיט איין האַנד זיין קליין בערדיל, זי דערקוקט עפּיס אַ בעהאַלטענעם סוד אין זיינע אַראָב־געלאָזטע אויגען און נאָך מעהר — אין דעם צופּען ביי'ם בערד'ל. זי דערמאָהנט זיך פּליצלונג זיינע רעד מיטאָג־צייט...

ער הייבט זיך אויף און נעהמט אַרום צומאַכען די לעדען. באַלד

קומט ער צוריק און לעגט זיך שלאָפען. מאַשע דרעהט זיך נאָך אַ הוילע אַרום און שטוב און לעגט אַלץ אויפ'ן אָרט. — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צו מאָרגענס איז קריינדעלע אַריינגעגאַנגען צו שרה'לען, האָט איהר ווי געוועהנליך איבערגעגעבען איהר קניפּעל, שרה'לע האָט עס אויפגעבונדען און אויפ'ן טיש זענען צושיט געוואָרען — שטיקלעך שאַרבען.

— זעהט אויס. די ביזט שוין טאַקע משוגע געוואָרען, קריינדעלע, אַ גוט יאָהר אויף דיר... בייזערט זיך שרה'לע, אָנווייזענדיג אויף די שאַרבענס.

קריינדעלע קוקט צומישט אויף שרה'לען, אויף די שאַרבענס. זי ציטערט. דאָס פּנים ווערט איהר געל, ווי אַ בלאַט און אָסיען, זי לאָזט פלינק אַריין די האַנד און קלייד אַריין, מאַפּט און נעהמט אַרויס מיט ציטעריגע הענד נאָך עפּיס אַ פערבונדען טיכעל... זי בינדט עס אויף — צוריסענע שטיקלעך פּאַפּיר.

קריינדעלע נעהמט ביטער וויינען און אַרויס פון שטוב.

„היינט איז זי שוין באמת משוגע געוואָרען" — רעדט שרה'לע צו זיך.

און קריינדעלע לויפט איבער די גאַסען מיט אַ געטריי, שוואַרץ ווי די ערד, און איהרע הייזעריגע קולות ציטערען און דער לופט... ווייסע חברה'ניקעס רינגלען זי אַרום, און צוזאַמען מיט זיי לויפט זי צו אפּרים'ס הויז. זי פאַלט אָן מיט ביידע הענד אויפ'ן פענסטער. האַקט איין אין שויב נאָך דער אַנדערער: „מיין געלד! מיין געלד!" ציטערט איהר הייזעריג געשריי.

אין דעם זעלבען מאָמענט איז אפרים אַרויס פון שטוב מיט אַ גראָבען שטריק אין דער האַנד, און מיט אַ ווילדע רציחה האָט ער דעם שטריק אַראָבגעלאָזט עטליכע מאָל אויף איהרע דאַרע פּלייצעס.

זי ליעגט אויף דער ערד און וואַרפט זיך ווי אַ שלאַנג.

ווייסע חברה'ניקעס נעהמען זי פאַר די הענד און שלעפּען זי איבער די גאַס מיט אַ „הוראַ!"

הוראַ! הוראַ! — קלינגט עס אין דער גאַנצער גאַס. און דאָס לעבעדיגע בעשעפעניש שלעפּט זיך נאָך אויף דער ערד, דער קאָפּ שלאָגט זיך אָן אַלע ווײַלע אין אַ שטײן. חברה שרײַט אַלץ „הוראַ" און בעמערקט נישט, אַז זי איז שוין לאַנג שטיל געוואָרען.

מען האָט זי אָבער נאָך דערמינטערט, גוטע מענשען האָבען געבראַכט וואַסער פּײַכט צו מאַכען איהר די ליפּען... אָה, וואָס לאַ-בוסעס קאָנען! — וואונדערען זיך אַלע.

קרײנדעלע עפענט די אויגען, קוקט צומישט אויף די מענשען. אַרום איהר און ברומט מיט אַ שוואַך קול: „מאַמע... איך געה.. מאַמע... צווישען יודען... געוואַלד יודען... ראַטעוועט! דער שוואַרצער..."

דער עולם אַרום שיעסט אויס אַ געלעכטער און געהען יעדער אַ היים.

---

— פון יענער צײַט אָן האָט מען זי נאָך מײַלמאָל געזעהן אין אַ ווינקעלע אין שאָטען. גאַנץ אָפט פלעגט זי זיצען אונטער אפרים'ס פענסטער, שוואַרץ, דאַר און אײַנגעשרומפּט, ווי אַ שטרוי פון האָבער צו'ם סוף זומער, ווען אויפ'ן פעלד איז אַ קאַלטע לופט און אַ דינער רעגען, וואָס מאַכט פערגליוועט יעדעס געוואוקס.

אײַנמאָל איז זי געזעסען פאַרנאַכט פאַר'ן פענסטער. די שויבען פון די פענסטער האָבען אויסגעזעהן ווי בעדעקט מיט פײַער. די זון איז אונטערגעגאַנגען. אין גאַנצען הימעל זענען געלעגען צושפּרײט קלײנע ווײַסע וואָלקענדלעך. אויף דער גאַס האָבען זיך צולעגט לאַנגע שאָטענס פון די נידריגע הײַזלעך. אויף דעם שפּיץ-קירכע האָט געפינקעלט דער קופּאָל, און אַ צוריקגעהאַלטען שטיל קלינגען האָט דערפולט די לופט מיט אַ טרויריג ברומען. קאַלטבלוטיג קוקט די זון פון עק הימעל אויף דעם פערבענגטען שטעדטיל, און וואַרפט אַ קאַלטען דורכבויערענדען בליק אויף קרײנדעלע'ן, און קרײנדעלע קוקט אויף די זון מיט בענג-שאַפט אין איהרע אויגען, וואָס פערלעשען, אַזוי ווי עס קוקט אַנ'אַלטער מאַן אויף זײַן יונג בליהענדיג ווײַב, ווען זי לאָזט זיך נישט אַרומנעהמען פון איהם. בײדע, די זון און קרײנדעלע, קוקען זיך שטום אָן, ביז די זון פערגעהט אונטער'ן באַרג.

אין די שוואַרצע נאַכט איז אַראָבגעקומען פּאַמעליך און האָט פֿער־כּשופֿט דאָס שטעדטיל מיט אַ טויטער שטילקייט, בעהאַלטענדיג זי אונטער איהרע שוואַרצע פֿליגעל און האָט אײַנגעשלונגען אין זיך דעם לעצטען אָטהעם פֿון קרײַנדעלע, וואָס האָט געציטערט אונטער אפֿרים׳ס פֿענסטער.

---

# דער אריםער יונג.

ווען ער איז אַלט געווען פינף יאָהר איז די מוטער געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג איהם מיט צוויי יונגערע שוועסטערלעך אויף דעם פאָטערס הענד. פון יענער צייט געדענקט ער כמעט נישט — נאָר, ער, קוקענדיג פון אַ שכנ'ס פענסטער מוז זיין, האָט געזעהען אַ סך מענשען, ווייבער און מענער שטעהען אויסגעמישט הינטער די פענסטער פון זייער שטוב. דאָס הערצעל האָט איהם אַזוי געשראָקען, און ער געדענקט שוין נישט, צי האָט איהם עמיצער געזאָגט, אַז דער „בורנמישטש" פון שטעדטעל האָט אַלע אַהער צונויפגעזאַמעלט און מען וועט זיי ערגעץ אַוועקפיהרען שעכטען... ער האָט געזעהען אַזוי פיעל פערקרימטע פנים'ער און אויגען, וואָס האָבען זיך געקוועטשט צום וויינען — און דערנאָך ווי אַ גאַנץ קופּקעלע מענשען האָבען זיך געפּאַקט פון זייערע טיהרען אַרויס, עפּיס טראָגענדיג צווישען זיך, מיט אַזעלכע אָנגעשטרענגטע פנים'ער, און פערשפּאַרענדיג זיך מיט די הענד אָן די פּיטחינעס פאַר גרויס ענגשאַפט, אַז ער האָט געמיינט — די דאָזיגע פנים'ער מיט די קעפּ, וואָס רייסען און באָרען זיך צווישען זיך, ווילענדיג זיך אַרויסשטופּען איינער איבער'ן אַנדער'ן, וועלען אַזש פּלאַצען פאַר אָנגעבלאָזענקייט.

עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ געווימעל צווישען די מענשען, וואָס האָבען זיי אַרומגערינגעלט, ווען זיי האָבען זיך שוין פון די טיהרען אַרויסגעפּאַקט אין אַזאַ שטורמדיג פּערזונקען געררויש, פּונקט ווי צווישען די בוימער אין וואַלד — און די אַלע ציהענדיג זיך אַזוי און שטופּענדיג זיך צווישען זיך, האָבען וואָס אַ טריט ווייטער בעקומען ערנסטערע געזיכטער מיט שטילערע אַראָבגעלאָזטערע אויגען, נאָר וואָס פון הינטען זענען נאָך געלאָפען עטליכע ווייבער און זיך געשלאָגען מיט די הענד

אין די קעפּ. דאָס װײטער איז געװאָרען אַלץ שטילער, ביז דער גאַנצער עולם איז פֿון פּלאַץ אַראָב פֿערשװאונדען. עס איז געװאָרען לײדיג, אַרום און אַרום װי אױסגעקעהרט, און אין דער לופֿט האָט זיך נאָר אַרומגעדרעהט אַ שטיל סומיען, װי פֿון אַ געשעהעניש. װאָס איז דאָ ערשט געשעהען און עס איז שוין נאָר נישט געװאָרען דערפֿון.

דערנאָך, געדענקט ער, איז געװעזען זײער שטיל, װאו עס איז געװעזען אַ ליטערנע פֿאַרלאָגע, אױסגעשטיט מיט געל װאַטר — און בײנאַכט איז דער מאַמע געזעסען אױף דער ערד פֿאַר אַ בענקעל, װאו עס איז געשטאַנען אַ בלישצענדיג צוגעטריפֿט ליכטעל. און ער האָט געקוקט אין אַ כּפּר אַרײן. דער קאָפּ איז איהם געװעזען געבויגען, די גאַנצע פֿיגור װי אַרײנגעבראָכען, דער שאָטען ענטקעגען איבער איז געשטאַנען אױף דער װאַנד, און דער זינגער האָט זיך געװיגט: טיק־טאַק, טיק־טאַק...

דער קלײנער האָט שטאַרק מורא געקריגען און זיך אַרײנגעטוליעט, דאָס איבערבעט איבער'ן קאָפּ.

װאָס װײטער איז געװען, געדענקט ער איך נישט. נאָר אײנמאָל אין דערפֿריה, װען ער האָט זיך אױפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, האָט זיך אין שטוב אַרומגעדרעהט אַ הױכע דאַרע יודענע אין אַ װײס קרעטאָנען קלײד מיט בלאָהע שילקערלעך — און דער טאַטע, װען ער איז אין יענעם מאָרגען אַהײם געקומען פֿון שוהל, האָט ער געהאַט אַן'אױסגעפּוצט בערדעל און הינטערן אָרים — אַ שעהנעם טלית־זאַק מיט פּערעלמוטערנע קנעפּעלעך...

די הױכע יודענע האָט קײנער נישט געקענט פֿערשטעהען. זי האָט געערט, זינגענדיג און פֿערקװעטשענדיג יעדעס װאָרט צװישען די צײהן. מען האָט געזאָגט אױף איהר, אַז זי איז אַ ליטװישע, אָדער פֿון גרױס־פּױלען, און ער האָט געמײנט, אַז פֿון דאָרט קומען אַרױס אַלע שטיף־מאַמעס... חברים פֿון זײן עלטער און הײבער שבנ'טעס, האָט זיך איהם געדאַכט, קוקען אױף איהם מיט רחמנות, װײל מען בעט איהם אױס אַ געלעגער פֿאַר'ן אױװען...

און ניבען איז געװאָרען בײ זי אַ פֿילע שטוב מיט קלײנע באָרפֿיסע פּיסלעך און טריפֿענדיגע נעזלעך. װינטער בלאָהע פֿאַר קעלט, און זומער שװאַרצע פֿון יאַגדעס און פֿערבלאָטיגטע פֿון קריכען איבער

די שוועלען פון דער שטוב־טיהר צו דער הויז־טיהר און פון דער הויז־טיהר — אַרויס אין דרויסען הינטער דער וואַנד און אַזויערנאָך זיצען אין די איינציגע העמדלעך און אויסגעשמירטע פּנים׳לעך עס׳קענען דער זון.

עס האָט דאָ אויסגעזעהען, ווי אַ שוואַלבען־נעסט. נאָר פון צווישען די אַלע האָט זיך דאָס יונגעל מיט זיינע צוויי יונגערע שוועסטערלעך שטענדיג געשפּיעלט בעזונדער. און צווישען אויווען, וואו העלצער זענען געלעגען הינטערן בעליק, פלעגט ער זיי דערצעהלען מעשה׳לעך פון דעם, וואָס מען טהוט אויף יענער וועלט, ווי מען שמייסט מיט פייער־דיגע ריטער, ווי גאָט שטראָפט ווי באַלד מען טשעפּעט מיט אַ יתום, און אַז בּיינאַכט קען די מאַמע זייערע קומען ווערגען — יאָ, יאָ... פלעגט ער זיי צושאָקלען מיט זיין שטיל קעפּעל און ערנסט פּנים׳ל — און די שוועסטערלעך פלעגען איהם אָנקוקען מיט נאָך שטילערע און איינגעשטעלטע אויגען, און איינע פלעגט זיך פּלוצלונג צעוויינען:

— איך וועל נישט טשעפּען דיך, אַברהמ׳לע...

— און איך דיך אויך נישט... — האָט אַברהמ׳לע געזאָגט.

— און איך בין אויך אַ יתומ׳ל?... — האָט די צווייטע קליינע געפרעגט, בעטענדיג. און אַברהמ׳לע האָט איהר אויך צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — יאָ...

— איהר זענט ביידע יתומים׳לעך. — האָבען זיך די שוועסטער־לעך ערשט געטרייסט און אויסגעווישט די מרערלעך, וואָס האָבען אַזוי ליכטיג געבלישצעט אין זייערע קינדערישע אייגלעך.

נאָך אַזאַ אויסשמועסען האָבען זיי זיך שטענדיג אָנגענומען ביי די הענטלעך, פיהרענדיג זיך צוזאַמען אין דרויסען אַרויס, און אוועקזעצענ־דיג זיך אויף אַ קלאָץ, וואָס איז געלעגען אויף זייער פּלאַץ, האָבען זיי געקוקט מיט שטילע פערטראַכטע פּנים׳לעך אין גאַס אַריין.

זיצענדיג שוין, פלעגען זיי זיך נאָך אויך נישט אָבלאָזען ביי די הענטלעך. אדרבה, וואָס שטילער, פערטראַכטער זיי זענען געוואָרען און וואָס מעהר זיי האָבען זיך פערגעסען — אַלץ מעהר האָבען זיי זיך צוגעטוליעט און אַלץ פעסטער האָבען זיך געהאַלטען זייערע הענטלעך געשלאָסען איינס אין דאָס אַנדערע.

אַברהמ׳לע איז שוין אָבער געוואָרען אַ גרויס יונגעל און געדראָפען

אָנהויבען געלד צו פערדינען. און דאָס האָט ער שוין געטהון בײ זײן עלפטען יאָהר. ער האָט געהאַט הײמישע פּאַפּיראָסען צו פערקויפען, און ער פלעגט זײ אויסבּרענגען אין בית המדרש. אין דערפריה און צווישען טאָג און נאַכט האָט ער געלײזט בײ שוסטער און שנײדערס, בײטאָג פון װאָהל-לערנער. נאָר סײ װי סײ איז שוין אַבר־ם'עלע געװען פערנומען אַ גאַנצען טאָג. טײלמאָל נאָך אַ גוט לײזונג האָט ער זיך אַרױפגעחאַפּט אויפ'ן בּית המדרש-בּוידעם מיט אַ האַלבּ פונט װײסע חלה, װאָס ער האָט געקויפט בײ שפּרינצע די בעקערין און אַצינד שוין געהאַלטען זי בײ זיך אין קעשענע — און דאָ פלעגט ער זי אויפעסען, קײנער זאָל נישט זעהען. די בּרעקע'ך, פאַר װעלכע ער האָט ד' גאַנצע צײט עסען אונטערגעהאַלטען די האַנד אונטער'ן מויל, אַז זײ זאָלען נישט אַראָבּפאַלען — פלעגט ער צום סוף שטעהען מיט זײ און קלערען, װאו מען נעמט אַ פויגעלע... בּיז ער האָט זײ צו זיך אַלײן אַרײנגעשיט אין מויל.

אַז ער איז אַהײם געקומען אויף דער נאַכט, אין שטוב איז געװען קאַלט, דאָס לעמפּעל האָט קוים געבּלישצעט אויף דער װאַנד — און פאַר'ן אויװען זענען געלעגען די שװעסטערלעך און געשלאָפען מיט זײערע אויסגעמאָגערטע בּלאַסע פּנים'לעך קענגען דעם בּלישצענדיגען שײן — האָט איהם אַ שטאָך געגעבּען אין האַרץ. אַ מעהר װאָלט ער מיט די שװעסטערלעך אויפגעגעסען דאָס האַלבּע פונט חלה. און ער פלעגט זיפצען און קרעכצען: אַ הולטײ, אַ הולטײ! װאָס פערגעסט זײנע שװעסטערלעך, זײן אײגען בּלוט און פלײש און װאָס געהען שלאָפען אָהן אַ װעטשערע.

עס פלעגט איהם אַזש שטיקען אַ בּיטערקײט אין האַלז, און מיט אַ צושטורעמט קעפּעל פלעגט ער זיך טײלמאָל װעלען אַנידערװאַרפען אויף זײער געלעגערעל און אויסקושען און אויסהאַלזען זײ און בּעניסען זײ מיט טרערען.

און אײנמאָל אין דערפריה, ער װײסט נישט װי אַזױ דאָס איז געשעהען, נאָר װען דער טאַטע האָט איהם מיט אַ שטיל פערבּיטערט קול אויפגעװעקט פון שלאָף, אָנגעהמענדיג איהם בּײ אַ הענטעל — האָט ער דערזעהן, אַז ער לינט מיט די שװעסטערלעך נאַקעטערהײט אויף אײן געלעגער. ער האָט געזעהען זײן פאָטערס בּעטריבּטען בּליק, מיט װעלכען ער האָט געקוקט אויף איהם און, אַ שוידער איז איהם

איבער׳ן גאַנצען לייב אַ דורך. — ער איז געשלאָפען מיט די שוועסטער־לעך אַ גאַנצע נאַכט — און אַצינד ווען דער פאָטער האט איהם ביי אַ הענדטעל אויפגעריסען, איז עס געוועזען די האַנד, מיט וועלכע ער האָט דעם שוועסטערלס קערפּערל אַרומגעהאַלטען...

ער האָט יענעם מאָרגען נישט געקוקט דעם פאָטער אין די אויגען אריין — און די שטיפ־מאַמע איז אַרומגעגאַנגען און געקרעכצט: וואָס קען גוט זיין, אַז מען לערענט נישט קיין יונג קיין שום דרך־ארץ. אַזאַ יונג, אַזאַ בייזע בעשריגעניש, לעגט זיך מיט שוועסטערן...

אָט דער „לעגט זיך מיט שוועסטערן״... — האָט אברהם׳עלע געשפירט, ווי מען וואָלט איהם אַ שניט געגעבען אין האַרץ. נאָר אין די אויגען זענען איהם שוין געשטאַנען די טרערען, אין האַלז האָט איהם ווי געשטיקט, און ער האָט געשוויגען.

מעהר האָט ער זיך מיט די שוועסטערן שוין נישט אָבגעגעבען. און אום צו וויסען אַליין ביי זיך, אַז ער איז שוין טאַקי אַ גרויס יונגעל, האָט ער זיך נאָך מעהר אָבגעגעבען צו געלד פערדינען.

עס איז אָבגעגאַנגען אַ קליין שטיקעל צייט און דער טאַטע האָט איהם שוין איינמאָל אין פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג אַרויסגערופען אויף אַ סוד הינטער דער וואַנד, אַז ער זאָל איהם לייהען אַ קערבעל אויף שבת... דערביי האָט איהם דער פאָטער צוגעזאָגט, אַז ער וועט איהם צונעמען פאַר אַ שותף צום טישעל שפּילקעס, נאָדלען, מעסערלעך און בענדלעך, וואָס די שטיפ־מוטער שטעהט דערמיט אין אַ יאַרידם־טאָג אין מאַרק, אויסער וואָס ער וועט איהם אָוועקגעבען דאָס קערבעל אויך, נאָר פאַר׳ן ריינעם פּראָצענט נעמט ער איהם פאַר אַ שותף...

אברהם׳לען האָט דאָס זעהר געפרעהט צו ווערען דעם טאַטעס אַ שותף, צו זיין שוין אַ מענש גלייך מיט דעם טאַטען. נאָר זאָלען שוין אברהמ׳לעס שונאים אַזוי לעבען, ווי דער טאַטע האָט איהם אמת גע־זאָגט. אַזוי האָבען איהם אויך אויסגענאַרט די בית־המדרש׳ניקעס פּאַפּיראָסען, צוזאָגענדיג איהם אַריינצונעמען אין דער חברה „משמורת הלילה״. אַזוי האָט ביי איהם אויך אויסגענאַרט אַ יונגעל, זיינער אַ חבר, בובעלעך מיט פּוטער, בשעת בר מצוה ווערען, צוזאָגענדיג איהם אַז ווען יענער וועט אָנהייבען צו לייגען תפילין צוריק אָבצוגעבען. אַפילו דעם שכנ׳ס אַ מיידעל, חוה׳לע, האָט ביי איהם אויסגענאַרט דעם פער־גאַנגענעם חול המועד סוכות אַ פּולע קעשענע ניס, וואָס ער האט גע־

וואונען פריהער ביי א חברה יונגלעך און קומענדיג צו זיך אהיים, זעהענדיג ווי זי האט געהאט פערשפּילט אלע איהרע ניס ביי זיינע שוועסטערלעך און נאך אנדערע מיידלעך, וועלכע האבען דעמאלט געשפּילט ביי זיי אין שטוב, האט ער זי אונטערגעשטיצט, ביז צו דער לעצטער ניס — און היינט אז זי זעהט איהם, ענטלייפט זי גאר פאר איהם. ער וויל גאר נישט מאנען. ער וויל איהר נאר זאגען:

— חוה'לע, קום; האב נישט קיין מורא... איך וועל דיר גאר נישט טהון...

נאר יענע וויל זיך אפילו נישט אומקיקען.

און ענדליך נארט איהם נאך עד היום אב די שטיף־מוטער, זי נעהמט ביי איהם כמעט א צוויי־דריי מאל אין דער וואך איוף צו האלבע פונטען לעבער, וואס זי זאגט איהם צו איינצוקאכען אין א בעזונדער טעפּעלע. נאר שטענדיג טרעפט, אז זי קען נישט געפינען דעם „גנב" (אזא מין שטיקעל זייטיג פלייש ביי די לעבער, וואס קינדער פּאטשען עס צו צום בעליק) און אויף די לעבער, זאגט זי, איז געווארען א שאלה, און שטענדיג בלייבט זי טרייף... און אזוי בלייבט ער שטענדיג נאר אבגענארט! —

נאר אברהמ'עלע איז נאך עלטער געווארען אין דערוואקסענער. — און איינמאל, ווען די זון האט אויפגעשיינט אין א שעהנעם ליבטיגען טאג, האט זי אויך געשיינט פאר אברהמ'עלעס וועגען.

גאר אומגעריכט פאר'ן פאטער און שטיף־מוטער, גאר אומגעריכט פאר די שוועסטערלעך און פאר יעדען בעקאנטען, אזוי, אז עס האט קיינער נישט געוואוסט, ווי אזוי און פון וואנען דאס האט זיך צו איהם גענומען, איז ער געשטאנען אויפ'ן מארק ארויסגעשטעלט מיט א טישעל סחורה, פּינקט אזעלכעס ווי די שטיף־מוטערס, חייל אין דער בראנזע איז ער געווען גוט געניט — און ער האט שוין געהייסען פאר זיך סוחר.

דעמאלט האט ער דערשפּירט, וואס עס הייסט עולה לגדולה געווען. און זיינע אייגען האבען געשאסען גאנצע בינטען שטראהלען איבער די קעפּ פון די פּויערים אויפ'ן מארק. די בעקלעך האבען געבליהט, און ער האט שוין געטראכט וועגען א שעהנער כלה און א חסידיש הויז מיט גבירישע עלטערען, און צו זיין צווישען איידעמ'ס מיט זיידענע

קאַפּאָטקעלעך — נאָר די כּלה, שאַדט נישט, אַז זי זאָל זיין אַ היינט־וועלטיגע... האָבן ראָזע קיילעכדיגע בעקעלעך, אַ שוואַרצן קאָפּ האָר מיט שוואַרצע ברעמען און שוואַרצע אויגען מיט קליינטשיקע רויטע ליפּעלעך, אַז ווען זיי וועלען זיך עפענען, זאָל עס זיין, פּונקט ווי פון אַ קליינטשיק בלומעלע, מיט וועלכעס ער וואָלט זיך געשפּילט אַזוי צאַרט און געגעבן אויך אַ מאָל אַ קליינטשיקען קוש גלייך אין אָפענעם מיילכעל. עס שאַדט נישט, אַז זי זאָל קענען אויך אַ ביסעל דייטש שרייבען... זי זאָל איהם שיקען בריוועלעך און ער וועט איהר ענטפערען: „צו מיין ליבען ענגעל, אָדער האָכגעשעצטע און פיעל געאיידעלטע ברייטע“...

און טראַכטענדיג אַזוי, פלעגט ער פערקריכען אין רעיונות — גאָר נישט, ווי אויף דער וועלט. און פון גרויס פערטהיעקייט און זיינע הויכע געדאַנקען האָט ער גאָר נישט געפלעגט צו בעמערקען, ווי אַנ־אַיטע גויה מיט אַ גלאַנציגען שרינט און גרייז־גראָהע האָר אויפ׳ן קאָפּ מיט אַ בלישצענדיג שטיל פּיערל אין די אויגען, שטעהט אונטער זיינע פלייצעס און לאָקערט מיט די אויגען איבער זיין פּראָפיל, און ווען ער ניט זיך נאָר ביי עפּעס אַ פערדרעה — האַפּט זי איהם אַרויס אַלע מאָל עפּעס אַנדערש פון טעשעל כהורה און לייגט עס צו זיך אין בוזעם. זי אַיילט זיך אפילו גאָר נישט אַוועקצוגעהן — און היל איהם דוקא מאַכען אויף איינמאָל באַלד אויס נגיד...

אויך די שטיף־מוטער, האַלטענדיג מיט איהר אין איין שטוב זיין כהורה, פלעגט זי גאַנץ אָפט פערבלאָנדזעט ווערען צו זיין פּעקעל און דורך אַ טעות אַרויסגעהאַפּט עפּעס פון דאַנען און צוגעלעגט עס צו איהרען.

אפילו די סוחרים פון דער בראַנזשע, מיט וועלכע ער האָט געהאַנדעלט, פלעגען איהם בדלות שטעלען. געגעבען איהם אַרויספאַל און געדעכענט איהם פאַר „פּרימאַ“...

נאָר פינדעסטוועגען, נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, איז אברהמ׳לע געוואַקסען.

און איינמאָל איז געקומען אַ שדכן צו זיין פאָטער אין שטוב אַריין — ער האָט געהערט, אַז דער זוהן זיינער איז שוין גאָר אַ היבשער בחור... גאָר אַ לייטישער... אַדרבה... און ער האָט פאַר איהם גאָר אַ מאָהל ענין...

אברהמ׳ל האָט זיך אונטערגעלייגט ווי אַ לעמעלע אונטערן שדכנ׳ס

רייד, דער פאָטער האָט אייך צוגעבויגען אַנ׳אויער: יאָ, וואָס קען עס איהם אַרען... און דער שדכן האָט גערעדט:

— אַ וואָהל ענין!... — האָט ער אָזש פערגלאָצט מיט די אויגען. און אַראָבגלעטענדיג זיך איבער דער גאַנצער לענג פון דער צווייט-שפּיצעבדינער באָרד — האָט ער אַזוי גע׳מענה׳ט — צו אַלעם ערשטען איז דאָס פון דער פּרעטד... איהר פערשטעהט די מעלה?... אַזאַ שטייגער יונגערמאַן, ווי דו, מיט וואָס האַנדעלסט דו?

— מיט אַ טישעל סחורה... — האָט אברהם׳ל געענטפערט.

— ניי, יאָ... מיט אַ טישעל סחורה, מיט שניט-סחורה...

— יאָ... — האָט דער פאָטער געקוואָלען, צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

— צווייטענס, פערשטעהסט דו מיך — האָט ער ווייטער גערעדט, קוקענדיג אויפ׳ן טאַטען און צודייטענדיג מיט אַ פינגער אויף אברהם׳לען — ביסט די אַ גאַנץ לייטישער יונגערמאַן, מיט אייגען געלד, אַ סוחר, אַ מענש, אַ „קופּיעץ״...

— יאָ, יאָ... — האָט דער טאַטע נאָך מעהר געקוואָלען.

— און די כלה וואָס איז? — האָט אברהם׳ל קאָרמשענדיג דעם שטערען געפרעגט.

— אָה, די כלה? — האָט דער שדכן געזאָגט — דאָ זעהסט דו, גוטער ברודער, מענכסט דו דיך שוין יאָ גוט אויסצודריילען... פון אַ שעהן הויז, קען עטליכערליי שפּראַכען, אַ גביר׳ישע טאָכטער און נאָך אַ שעהנע דערצו...

— נו יאָ, אָבער נו ווי אַזוי זשע? — האָט אַברהם׳ל געפרעגט מיט אַ שטילען ערנסט, וואָס האָט זיך איהם כמעט ווי אַ זאָרג אויפ׳ן פּנים צולייגט.

— וואָס, ווי אַזוי זשע? ווען די קאַץ קומען איבער׳ן וואַסער? ווען איהר זיך, הייסט עס, צונויפקומען?

— יאָ?... האָט אַברהם׳על געפרעגט.

— אָט דאָס — האָט דער שדכן געענטפערט — וואָלסט די מיר נאָר נישט פאַראיבעל האָבען, ביסט די אַ נאַרעלע... דערויף בין איך דאָך דאָ...

— נו שוין... האָט אברהמ׳ל צונעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

ער האָט אפילו נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן: „צו וועט דאָס לאַנג געדויערן?״... נאָר ער האָט מורא געהאַט, אַז דער שדכן זאָל נישט שמייכלען און זאָגען, אַז ער איז אַ נאַרעלע...

— אָבער ווער וועט קומען פריהער: צו מיר צו זיי, אָדער אַ צו אונז?

-- פערשטעהט זיך, דער מחותּן פון דער כּלה אהער פריהער, זיך נאָכפרעגן... און דערנאָך, אם ירצה השם, אַז עס וועט זיין אַלץ כּשורה, וועלען מיר פאָהרען אַהין שוין אויף תּנאים צו מזל...

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ וואָך און צוויי, אברהמ׳ל איז אַרומגע-גאַנגען מיט אַ שטילער בּעהאַלטענער פרייד אין האַרץ, וואָס איז איהם שיער אַרויסגעשפּרונגען פאַר אומגעדולד, יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין שעהנער רייכער כּלה, וועלכע מען רעדט איהם, און וועלכעס פאָטער וועט באַלד קומען אַהער צו פאָהרען זיך נאָכפרעגען... און יעדעס מאָל, ווען אברהמ׳ל האָט דערזעהן דעם שדכן אין גאַס, האָט אין איהם אוש דאָס האַרץ אַ טאַנץ געטהון.

און שוין נישט לאַנג וואַרטענדיג, עס האָט כּמעט קיין גאַנצע חודש נישט געדויערט, איז אַראָבגעקומען אַ יוד מיט אַ שוואַרצער בּאָרד און אין אַ בּאַרענקאַווען פּאַלטאָ. דער שדכן האָט זיך געריבּען אַרום איהם, געהאַט אַ האָפנונג, אַז זיינע עטליכע קערבּלעך וועט ער מיט גאָט'ס הילף פערדינען, און דעם חתן האָט ער אַלע מאָל אַריינגעוואָר-פען אַ וואָרט בּסוד: „נישט קשה, גאָט וועט העלפען״...

דער מחותּן האָט נאָר גענעסען איין וועטשערע אין דעם שטעדטעל, אין דער אַכסניה, פון וואַנען דער שדכן האָט נישט אַרויסגעטרעטען פון איהם אויף איין מינוט, און וואוהין דער חתן מיט דעם פאָטער זענען אויך אַריבּערגעקומען אויפערנאַכט, און פאַר דעם מחותּנ׳ס וועטשערע עסען — געטרונקען צווישען זיך „לחיים״.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז שוין אברהמ׳ל מיט׳ן פאָטער געפאָה-רען קיין לובלין אויף תּנאים.

אַז ער איז צוריק געקומען מיט די תּנאים אין קעשענע, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטען, אַז ער זאָל מיט עמיצען אַ פריינד זיך נישט

מיילען מיט זיין פרייד, און ער איז אריבער צו איינעם, משה'ל, זיינער א בעסטער חבר.

אריינקומענדיג צו יענעם האט יענער פונקט געגעסן קארטאפלים מיט סמעטענע. ער האט נאך פריהער געוואוסט, אז אברהמ'ל איז געפאהרען חתן ווערען — און דערזעהענדיג אצונד זיין שיינענדיג פנים, איז ער געבליבען זיצען שטארק פערוואונדערט מיט א נאר וואס האלבע אבגעביסענע הייסע קארטאפליע אין מויל.

— נו, וואס, ביסט שוין געווארען חתן?

— נא, זעה... האט איהם אברהמ'ל אונטערגעטראגען די תנאים פון קעשענע ארויס.

— זאל דיר זיין מיט מזל, — האט דער חבר איהם געוואונשען, פערטיפענדיג זיך באלד אין די תנאים: א שטריימעל, א גילדען זיינערל, א פארטסיגאר, פיער הונדערט רובעל געלד — אם ירצה השם סוף מרהשון, ס'הייסט באלד נאך סכות, די חתונה אין א מזל'דיגער שעה מיט הכלה הנערה והיפה מרת רחל בת זעלדע...

— און פריהער האט איהר זיך גאר נישט געקענט? — האט משה'ל געפרעגט.

— ענקענען וואס פרעגסט דו? — האט אברהמ'ל איהם געקוקט אין די אויגען אריין, צי קלערט ער נישט, אז מען האט איהם עפעס איינגעשלייערט א כלה א קלאג. — די כלה קען עטליכערליי שפראכען...

— ניין, נישט ענטקעגען דעם פרעג איך. — האט משה'ל געזאגט — נאר צי איהר האט נאר קיין שום ליבע נישט געפיהרט?...

— ניין, צו וואס?... — האט אברהמ'ל געקוועטשט מיט די פלייצעס — מיר וועלען זיך אזוי שרייבען בריף...

— האסט אבגעשמועסט?

— אוודאי.

— נו מילא. זאל אייך זיין מיט גליק! — האט משה'ל נאך א מאל צוגעוואונשען, אצונד געבענדיג שוין זיין אמת'ע הסכמה.

משה'ל האט אויך א קוק אראב געגעבען הינטען, וואו עס איז

געשטאַנען אונטערגעשריבען די כּלה'ס נאָמען אויף פיער שפּראַכען, יודיש, פּויליש, רוסיש און דייטש, און אַלע צווישען טאָג און נאַכט פלעגט ער זיך אַריבערהאַפּען צו אברהמ'לען געוואָהר ווערען, וואָס ער מאַכט און וואָס עס הערט זיך.

ער האָט געהאַט זעהר אַ שטילע ציהונג צו חתנים, איבערהויפּט נאָך צו אַזעלכע וואָס האָבען געהאַט גרויס־שטעטישע, געבילדעטע כּלות, און, אַז עס איז אָנגעקומען צו אַברהמ'לען דער ערשטער בּריף, האָט זיך משה'לע מיט איהם פערשלאָסען אין זיין בעזונדער צימערל, וואוהין די מאַמע פלעגט נאָר אַריינגעהן שבּת אָנטהון זיך דאָס שבּת'דיגע קלייד מיט די הויב און מיט דעם צירונג. און דאָרט האָבען זיי ביידע געלעזען שטיל, אות בּיי אות, און פּינטעלע בּיי פּינטעלע.

דערנאָך איז משה'ל אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירען מיט אַברהמ'לען פאַרביי דעם שטאָדט־גערטיל, שוין בעצייטענס מעשה איידעמס, קעסט־קינדער — רוהיג, געלאַסען, און יעדער בעזונדער, פערטיפט אין זיך, ערשט אַרומגעקלערט די בעדייטונג פון: „צו מיין ליבען, פיל געשעצטען אונד האָכווירדיגען בּרויטעגאַם״!...

און עס איז געווען אַזאַ מין שטילקייט אין דעם גערטיל. אַ ווינטעל אַ קיהלם מיט אַ שטיל שורכען פון בלעטלעך אויף די בּוימער האָט זיך געטראָגען צו זיי פון אינעווייניג דורכ'ן פלויטעל אַרויס. משה'לס אויגען זענען געווען פער'חלומ'ט, מיט אַ מאַטע בעטהויטקייט — און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז צוזאַמען מיט דעם ווינטעל ווייהט און פאָכט ערגעץ אַרום צווישען די בּיימער מיט אַ שלאַנקער ווינטיג־לייכטער פיגור, וואָס רעדט און שמייכעלט אַרויס פון צווישען די בּיימער: „צו מיין ליבען, גע־שעצטען און האָכווירדיגען בּרויטעגאַם״!...

נאָך דעם שפּאַציר האָט משה'ל פערבעטען אַברהמ'לען צוריק צו זיך אין בעזונדער'ן חדר'ל, און געפרעגט איהם, צי וויל ער נישט אַ מאָל אָנשרייבען צוריק אַנ'ענטפער אויף אַ קליין קיילעכדיג אויסגעשווירען רע־דעלע פּאַפּיר, אַזוי ווי ער האָט אַמאָל געהאַט אויסגעשריבען גאַנץ „ויהי בּימי אַחשורוש״?“. —

אַברהמ'ל אַליין האָט געקענט וועניג שרייבען. אַמאָל, ווען ער האָט נאָך געהאַנדעלט מיט פּאַפּיראָסען, האָט ער פערשריבען בּיי זיך אין אַ בּיכעלע די נעמען פון די בּית־המדרש'ניקעס, וואָס האָבען גענומען בּיי

איהם אויף קרעדיט, האָט ער זיך פון דעם אויסגעלערנט עטוואָס,
אָבער אָנשרייבען אַ דייטשען בריף צו אַ כלה, דאָס האָט ער נישט גע-
קענט. האָט ער געזאָגט צו משה'לען:

— שרייב ווי אַזוי דו ווילסט, אַבי גוט...

און משה'לע האָט זיך אַנידערגעזעצט אָנשרייבען אַ בריף מיט „אַ
טרוים", ווי איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער געהט איינמאָל אין אַ וואַלד
שפּאַצירען, און די זון האָט געשיינט, די פייגעל האָבען געשפּילט און די
נאַכטיגאַל האָט געזונגען. נאָר פּלוצלינג איז געקומען אָנצופליהען אַ
שרעקליכער וואָלקען און האָט פאַרשטעלט פאַר איהם דער זונ'ס
שעהנעם געזיכט...

און אַזוי איז אויך היינט, פון צייט אָן איהרס, דער כלה'ס,
שענעס געזיכט איז פאַר איהם פערשטעלט געוואָרען... עס האָבען
אויפגעהערט צו שפּילען די פייגעל און עס זינגט שוין נישט מעהר די
נאַכטיגאַל...

אַזוי האָט משה'ל געשריבען דאָס בריוועל, מיט אַזאַ שענער
מליצה.

און ווי אברהם'ל דערהערט דאָס, בלישצען זיינע אויגען פון גרויס
פרייד, און מען האַפּט שוין דעם בריף און מען שיקט איהם אַוועק אויף
דער פּאָסט.

האָט די געליבטע כלה דעם בריף געקריגען, איז זי ענטציקט
געוועזען. און זי האָט זיך אָנגעהויבען פאַרציטשטעלען, וואָס פאַר אַ
צאַרטע יונגעלשע האַנד אין אַ ווייסען מאַנקעט עס האָט דאָס געשריבען
„דיזע ליבע וואָרטען".

און פאַרנאַכט, ווען זי איז געגאַנגען שפּאַצירען הינטער דער
שטאָדט צווישען די בערג, ווי יפתח'ס טאָכטער, איינגעהילט אין איהר
שלייער — האָט זי שוין אויך געקוקט מיט פער'חלומ'טע אויגען אין דער
ווייטער לופט אריין, פּונקט ווי משה'ל, און צוזאַמען מיט דעם פאַר-
נאַכטיגען ווינטעל, האָט זיך איהר ווייטער פאַרגעשטעלט, וועהט אַרום
אַ הערליך יונגליש געשטאַלט מיט שוואַרצע לאָקען און שוואַרצע אויגען,
וואָס ציהען איהר דאָס האַרץ אַרויס. און ווען זי איז אַהיים געקומען,
האָט זי צוריק אָבגעשריבען אַ בריוועל, אַז זי בעט, מען זאָל איהר
שרייבען נאָך אַ סך, און אַז זי איז גאָר נישט זאַט לעזענדיג.

האָט מען איהר געשריבען און זי האָט צוריק געשריבען, ביז עס איז געקומען שבת נחמו. האָט מען דעם חתן אַראָבגעבראַכט צו דער כּלה, כּדי צו געבען איהם דעם גאָלדענעם זייגער, און משה'ל איז אויך מיטגעפאָהרען, גלאַט אַזוי, אַלס דעם חתנ'ס אַ גוט־בעקאַנטער.

האָט זי, די כּלה, דעם חתן גאַנץ שען אויפגענומען, גאַנץ שען געלאָזט איהם זיצען בּיים טיש צווישען דעם מחותן און מחותנת'טע און שוועסטערן און שוואָגערס, און אַליין איז זי זיך מיט משה'לען אַוועקגע־גאַנגען אַזוי אַביסעל אויף אַ שפּאַציר הינטער דער שטאָדט...

אַז זיי זענען געקומען צוריק, האָבען שוין משה'לס אויערען גע־פלאַמט, און אויף איהר געזיכט האָט געשוועבט אַ ליטזעליג שמייכעלע, מיט אַ בלישצעל אין די אויגען, קוקענדיג אויף די אַ־ע שטוב־מענשען און דעם חתן, וואָס זענען שוין לאַנג מיעד געוועז פון זיצען בּיי'ם טיש.

— וואו בּיסט דו דאָס געוועזן, טאָכטער? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— אדרבה, לאָמיך אויך וויסען, וואו איז עס דאָ צו געהן בשעת אַ חתן קומט?

— בּשעת אַ חתן קומט? — האָט זי געזאָגט — אַזוי האָט מען זיך שוין דאָ נישט געקענט בּעגעהן אָהן מיר?

— נו, אדרבה, איך וויים?... — האָט דער פאָטער געזאָגט.

— נו, זאָל זיך אייך דאַכטען, אַז איך בּין נישט קיין היגענ־דיגע... — האָט זי געענטפערט — אַז איך בּין נישט אייערס קיין טאָכטער!...

---

עס איז געוועזן האַלבּע נאַכט, אַלע שטוב־מענשען זענען שוין לאַנג געשלאָפען, נאָר אין אַ זייטיג צימערל, וואָס מען האָט אָבגעגעבען עקסטרע אויף נאַכט־לעגער פאַר דעם חתן, איז געזעסען דאָרט די כּלה אויך, און בּיי דעם שטאַרק בּרענענדיגען לאָמפּ האָט זי פאַר דעם חתן אין די אויגען געפּריוועט צולייגען די בּריף זיינע צו זיין אונטערשריפט אויף די תּנאים:

— אַדרבה, ווייז מיר, ווי איז דאָס גלייך?...

אַברהמ׳לען האָט געראָשט אין קאָפּ, עס האָט איהם געסימיעט אין די אויערען, דאָס האַרץ האָט זיך געריסען אויף טויזענד שטיק און פאַר די אויגען, ענטקעגען דער בלענדענדער שיין פון לאָמפּ, זענען געפלויגען בלאָהע רעדער — און זי איז געשטאַנען און געפאָדערט:

— אַדרבה, ווייז מיר, ווי איז דאָס גלייך?...

דערנאָך האָט זי גענומען אַ חומש׳ל און אויפגעמישט:

— אַדרבה, ווייז מיר, צו קענסט דו האָטש דאַווגען...

אַ שרעקליכע נאַכט, אַ נאַכט ביז טאָג האָט אַברהמ׳ל איבערגע־לעבט. און צומאָרגענס אין דער פריה האָבען שוין אפילו די קליינע קינדער אין שטיבּ געוואוסט, אַז די כלה האָט די נאַכט, מיט׳ן טאָג צוגלייך, געמאַכט אַ געוואַלד, אַז דער חתן חלש׳ט...

מעהר איז שוין גאָר נישט געווען צווישען זיי. ער האָט נאָר אַוועקגענעבען צוריק די תנאים, און אַהיים איז ער געפאָהרען אפילו שוין אָהן משה׳לען אויך. משה׳ל איז נאָך איבערגעבליבען דאָרט אויף אַנ׳אַבטאָג.

דער פאָטער האָט אַברהמ׳לען געוואָלט צורייסען, ווי אַ הערינג! ווי געהט מען עס נישט חאָטש אַ פּאָר מאָל צום רב זיך לאָדען? ווי רייסט מען נישט אויס חאָטש אַ חצי נדן קנס?! נאָר, געה מענה מיט דעם בהמה־יונג. בהמה, וואָס ביסט דו געלאָפען דאָרט אַהין, ווי אַ נאַר אויפ׳ן מאַרק! — —

עס האָט זיך אָבגערוקט אַכט טאָג, און אָנשטאָט איהם האָט שוין משה׳ל ערשט אַהיים געבּרענגט תנאים.

אַזוי אומגליקליך האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס פריינדשאַפט צווישען איהם און משה׳לען.

און איינמאָל ביי נאַכט, דער דונקעלער שפּיץ פון „קאָשציאָל״ איז געשטאַנען אין דער פינסטער איינער אַליין פעררי׳סען דעם קאָפּ אין הימעל אַריין, אַלץ אַרום איז געווען שטיל, ערגעץ וואו האָט נאָר אַ הינט׳על געבילט, און פון איבער דעם טייך האָט אַ פּייכטער ווינד גע־בלאָזען, און דאָס געשאָקלעריי און געראָשט פון די ווערבע־ביימער אויף זיין ברעג האָט זיך אין דער לופטען געטראָגען — האָט אַברהמ׳ל אַרום־געבלאָנדזעט דאָרט ביי דער זייט, אויפ׳ן וועג וואָס פיהרט צו דער פּאָסט, וואוהין ער פלעגט קומען אָבנעמען בריף פון זיין רוחטשען „ראָוואָסטרעבאָוואַניאַ״. ער האָט נישט געפיהלט דעם ווינד, וואָס האָט

איהם געבלאָזען. דאָס האַרץ זײַנס איז געווען אינגאַנצען אויפגערעקט, די האָר צושויבערט, און די אויגען האָבען געקוקט מיט אַ שטאָלערנעם גלאַנץ אין דער ווײַטער נאַכט אַרײַן, פון וואַנען עס האָט צוריק אַרויס-געשײַנט אַ ווײַט בלישצעל פון אַ שטעהענדיגער סלופּ-לאַמטער, וואָס איז געווען פאַר דעם גערטעל, וואו דאָס הויז פון דער פּאָסט איז געשטאַנען, און דאָרט אַהין האָט ער צוגעבלאָנדזעט און געבליבען שטעהען פאַר די שטאַכעטלעך פון גערטעל. דורך די פענסטער האָט ער געזעהן — אַ גרינע שײַן, אַ גרינעם לאָמפּ און עפּעס אַזאַ גרינע ליכט אויס-געגאָסען איבער דער גאַנצער שטוב! און אַלע פּנים'ער, וואָס האָבען זיך דאָרט אַרומגעדרעהט. אָדער געשטאַנען מיט אַראָבגעראָזטע אויגען אַ בער אַ טישעל — זענען געווען אַזוי שטיל, אַזוי שטיל, ווי עס וואָלט גאָר קײַן שום קלאַנג קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבען דאָס דאָזיגע שטיבעל פון צווישען איהרע פיער ווענד, נאָר ווי אַלץ וואָס מען טהוט דאָ, בלײַבט פערשטאַרט און פערגליווערט, ווי טײַלמאָל אַן אָפענער גומען צום שרײַען — און גיט קײַן קול נישט אַרויס.

אברהמ'ל האָט טאַקי געפּריבט עפּעס שרײַען, עפּעס האָט איהם אַ קוויטש געגעבען אין האַלז, נאָר עס איז טאַקי קײַן קול נישט אַרויס. און מיט נאָך מעהר פערבלאָנדזעטע אויגען איז ער אַרײַן אין דער פאָדער-שטוב פון דער פּאָסט. דאָ איז ער ווײַטער געבליבען שטעהען הינטער די שטאַכעטען, און דורך די שטאַכעטען-לעכער האָט ער געזעהן אפשר טויזענד בלאָהע און גרינע פײַערלעך אַרומשוועבען אין דער לופט, אָהן אַ ש'ם האָך, אָהן אַ שום קלאַנג. אַלע פּנים'ער זענען ווײַטער געווען שטיל און גרין, מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען איבער די טישלעך — און דער דינסט-שײגעץ איז צו איהם צוגעגאַנגען און אַרויס-געשטופּט איהם צוריק אין דרויסען הינטער דער טיהר — — —

— „ניעט דליאַ מעביאַ ניטשאָווא! ... —

נאָר אברהמ'ל האָט נישט אויפגעהערט אַהער צו בלאָנדזען, טײַלמאָל צעהן מאָל, טײַלמאָל צוואַנציג מאָל אין טאָג, און בײַנאַכט, אפילו דאָס ליכט אויף דער פּאָסט איז שוין געווען אויסגעלאָשען, האָט ער אויך נישט אָבגעטרעטען פון דעם אָרט.

ביז איינמאָל, ווען פאַר משה'לעס טיהר האָט זיך אָבגעשטעלט אַ דראָשקע, פון וועלכע עס איז אַרויס אַ יונגע דאַמע אין אַ הייכען הוט, מיט אַ בלישץ פון אַ ווײַס שטיקעל ספּודניצע פון אונטערן זוים פון

קלײד אַפּער, וואָס האָט זיך עטוואָס פֿערשאַרצט, בשעת איהר אַרויסשטײגען, און נאָך איהר האָט נאָכגעטראָגען משה׳ל — אַ קלײן רײזעטעשעל, מיט אַ שירם און אַ פּעבער גלײך צו זיך אין שטוב אַרײן

ערשט דעמאָלט האָט אברהמ׳ל פֿערלאָזט די פּאָסט. און אַלע בעגינען, חען די נאַכט־וועבטער פון שטערטעל זענען אַהיים געגאַנגען צו זײער חײב און קינד שלאָפען, פֿערלאָזענדיג שוין דעם דרויסענדיגען נאַסען נעבעל, האָבען זײ אברהמ׳לען געפֿלענט צו זעהען ליגען אײנגעטוליעט אין זײן חאַלאַטעל אײפ׳ן שטײנערנעם ברוק הינטער משה׳לס פֿענסטער, וואוהין די יונגע דאַמע איז נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק אַרײן און נעהאַט אַרײנגעשלאָגען דעם ערשטען טשחאָק אין דער וואַנד אויף אײפצוהענגען איהר מאַנטעל...

# דאָס לעבען.

עס איז געוועזען אַ שטילע ווינטער־נאַכט. נישט ווי אַלע נעכט, ווען חסידים בלייבען נאָך אין די שטיבלעך אַ שטיקעל נאָך מעריב און מען צינדט דערוויייל אשר־יצר'לעך פאַר'ן עמוד, מען רייכערט לולקעס און מען שמועסט מיט פערשטעקטע הענד אין די גאַרטלען מכּח דעם און מכּח יענעם — נאָר אַ נאַכט, וואָס קומט אויפ'ן שטעדטעל נאָך אַ ירידים־טאָג, ווען אַלע פּויערים מיט די שכּור'ע קולות אויף די ווענגעלעך זענען שוין לאַנג פון מאַרק אַראָבגעפאָהרען, איבערלאָזענדיג נישט מעהר נאָר קופּ־קעלעך פערד'ס־מיסט אויפ'ן לעדיגען פּלאַץ, און דאָס גאַנצע שטעדטעל איז מיעד, ווי גע'הרג'עט.

אין אַזאַ נאַכט בלישצעט נאָך זעלטען וואו ערגעץ אַ גראָשענדיג ליכטעל פון אַנ'אַלמנה'ס־געוועלבעל אַרויס, אָבער דאָס גאַנצע שטעדטעל צעהלט שוין געלד בײַ זיך בײַ אַנ'אָנגעצונדען לעמפּעל אויפ'ן טיש, אונטער פערמאַכטע טהיר און לאָדען, שטילינקערהייד, אַז עס זאָל קיי־נער נישט הערען, קיינער נישט זעהען.

אַ פריש דין שנעעלע ליעגט שוין אין דרויסען אָנגעלעגט הינטער די לאָדענס, דער גאַנצער מאַרק זעהט אויס ווי צוריק פריש אָבגעוואַשט, אַז עס איז שוין אפילו נישט צו דערקענען קיין שפּור פון דעם מאַרק־טאָג. אַ שטילע סטאַדע הינד מיט בלישצענדיגע אויגען אין דער שטילער נאַכטיגער לופט אַריין לאָזען זיך לויפען מיט דראָבנע, געשווינדע און זייכע טריטעלעך איבער'ן פרישען אָנגעפאַלענעם שנעע, וואו דער ער־שטער פון דער סטאַדע לויפט צו בעשמעקען דעם אַרום פון מאַרק־פּלומפּ, אַנידערשטעלענדיג זיך איבער איהם אַ ווײַלע מיט אַנ'אויפגעהויבען פיסעל — און נאָך איהם בעשמעקען ערשט אַלע דאָס זעלביגע אָרט און

אַנטלויפֿען ווייטער פֿערשווינדענדיג אין דער שטילער נאַכט ערגעץ אין אַ געסיל אַריין. עס בלייבט נאָר איבער די אויסגעלאָשענע מויער'ן פֿון די מאַרק־געוועלבען אין דער מאַרק־פּלומפּ, וואָס קוקט, דאַכט זיך, מיט אַ שטילער פֿערזונקענהייט אין הימעל אַריין, און פֿערשטאַרטען גומען, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט שרייען.

די לופֿט איז אַזוי שטיל און ווייך, אַז יונגע יונגלעך קענען זיך ביי קיין שום אופֿן נישט איינהאַלטען אין אַזעלכע נעכט אין די שטיבען, זייערע שטילע בליקען און מעלאַנכאָליש־בלאַסליכע געזיכטער קוקען דעמאָלט טרויעריגליך אין דעם שטעדטעל און עס ציהט זיי, עס מאַניעט זיי ערגעץ ווייט אַ פֿרויען־געשטאַלט אין אַ ליכטיג וואַרים שטיבעל.

און, אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל איז שוין האַרט געשלאָפֿען, איז אין אַ ליכטיג וואַרים שטיבעל, מיט אַזאַ קלאָר און ווייס פֿרויען־געשטאַלט, געזעסען אברהם'טשע דעם היגען שענקערס אַ יונגעל. ער איז געזעסען ביי דעם טיש, וואו עס איז געשטאַנען אַ ברענענדיגער לאָמפּ מיט אַ פּאָרצעלאַיענע שיין אַרום גלעזעל, און צוויי פֿענסטער, וואָס זענען געווען ביי זיין רעכטער האַנד. די פֿענסטער זענען געווען פֿערהאַנגען מיט שטאָרען און זענען אַראָבגעגאַנגען פֿון אַ נאָרען. אין איין בעט הינטער זיין פּלייצע איז געלעגען אַ צוויי־יעהריג שלאָפֿענדיג קינד מיט צעוואָרפֿענע פֿיסלעך איבער'ן איבערבעט — דאָס אַנדערע, וואָס איז געשטאַנען איבער דער אַנדער זייט טישעל, איז געוועזען פֿערבעט, מיט אַ קלאָר ווייס ליילעך געשפּרייט. ווי קיינער וואָלט זיך צו דעם נישט צוגעריהרט. איבער דער שטוב האָט זיך נאָר דאָס ווייבעל אַליין פֿון דעם גאָרען־שטיבעל אַרומגעדרעהט, און ער האָט איהר, זיצענדיג ביי'ם טיש, נאָכגעקוקט מיט פֿייכטליך שוואַרצע בליקען פֿון אונטער'ן שטערן אַפּער, פֿון אונטער וואַנען ער האָט איהר גאַנץ קיילעכדיג קערפּעריל בענעהמען און צוריק די ברעמען אַראָבגעלאָזט שטיל און לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט אין זיך אַ דריקענדיגע שטילקייט בעהאַלטען, בלייבענדיג זיצען מיט אַ געזונקענעם קאָפּ.

זי ווייטער האָט געפֿיהלט, ווי זיינע בליקען דרינגען איהר גאַנצען קערפּער אַדורך, און זי האָט זיך צוליעב דעם נישט געקענט דערנעהנטערען צו איהם און נישט געקענט קוקען אין זיין זייט אַנדערש ווי מיט אַראָבגעלאָזטע ברעמען.

איהרע אָראָבגעלאָזטע ברעמען און שטילע רויטלענדינגע באַקען האָבען אָבער איהם נישט געגעבען קיין רוה. ער ווייסט אינגאַנצען פון וואַנען דאָס שטאַמט, וואָס זי שאַרט זיך זייטיג. ער האָט פריהער, נישט מאַכענדיג זיך גלייך ער איז עפּעס אויסען, אָנגעטשעפּעט זיין האַנד אָן איהרער — האָט זי אויך, נישט מאַכענדיג זיך, אַז זי ווייסט וואָס זי טהוט, איהרע לאַנגזאַם צוריק אָבגעשלעפּט, און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שוין אינגאַנצען אויפגעשטאַנען פון טיש אַוועק.

ער האָט דעמאָלט געפיהלט, ווי זיין בלוט איז אין איהם פערקיהלט געוואָרען מיט איהר אָבּרוקען זיך פון איהם, און געוואָלט זי בעטען ענטשולדיגונג.

... נאָר ווען איך בין די פרוי — איז איהם אָבער באַלד אײַנגעפאַלען אַ געדאַנק — וואָ"ט איך דאָך דאָס נישט געהאַלטען פאַר קײן אמת, נאָר פאַר ווייטער זיך וועלען צו מעקלען"... — און דאָס האָט איהם עפּעס ווי דערשלאָגען און אָבהענדיג געמאַכט, אַז ער האָט שוין נישט געקענט אויפמאַכען דאָס מויל און אויפהויבען די אויגען קעגען איהר, פיהלענדיג אַליין, ווי פאַלש ער וואָלט גע'טענה'ט, אַז עס וואָלט אונמעגליך געווען, אַז זי זאָל דאָס איהם פון זיינע אויגען נישט אַרויסזעהען.

„ענטשולדיגען זי"... — האָט ער אין זיך שטיל גע'חזר'ט, קנײטשענדיג דעם שטערען און מיט אַ פינסטערן בליק פון הינטער איהם אָפּער אַ קוק געגעבען אויף איהר, פאַרוואָס פאַר אַ סאָרט זי האַלט איהם שוין ערשט...

„שוין, אַצינד ווייסט זי שוין, מיט וואָס־פאַר אַנ'אָרענטליכען מענש זי האַנדעלט"... — איז איהם געוואָרען ביטערליך אויף דער נשמה און מיט דער גאַנצער אינערליכער פערטיפטקייט פערזונקען אין זיך אַריין.

און עס וואָלט איהם שרעקליך געוואָרען, נישט קענענדיג זיך שוין אויפהאַלטען איין מינוט לענגער בײַ איהר אין שטוב און נישט קענענדיג אויך אַרויסגעהן גלאַט אַזוי, אָהן אַ שום אָ:ווייזונג אין איהרע בעציהונגען צו איהם, ציי זאָל ער קומען צו איהר, צי נישט — ווען זי אַליין וואָלט נישט באַלד אויף די שפּיצען נעגעל פערבייגעהענדיג פאַר'ן בעט, וואו דאָס קינד שלאָפט, צוגעקומען צו איהם און שטעהן געבליבען מיט אַנ־אָראָבגעלאָזטען בליק.

— ווי שפעט איז ? — האָט זי מיט אַ שטיל און איינגעהאַלטען קול, אַז דאָס קינד זאָל זיך נישט אויפוועקען, געפרעגט.

— איך ווייס נישט. — האָט ער אין אָנפאַנגס שטיל און לאַנגזאַם געענטפערט, נאָר אין מיטען זיך באַלד אַנ׳אונרוהיגען קעהר געגעבען אויף דעם שטוהל — איך ווייס נישט; אָבער איהר ווילט שוין געהן שלאָפען ?

— ניין, ניין, זיצט. — האָט זי איהם געבעטען.

— איך מיין, עס איז אייך נישט אַנגענעהם... — האָט ער שטיל איבערגע׳חזר׳ט שוין מיט אַראָבגעלאָזטע ברעמען.

— אדרבא — האָט זי געזאָגט — ווען מיין מאַן זאָל היינט היע זיין, וואָלט איהר אפשר געקענט אַזוי זאָגען...

— אַז יוואָס ?

— אַז איך וויל אייך נישט דאָ האָבען.

ער האָט אַ פלינקען קוק געגעבען אויף איהר, ווי פון איבער־ראשונג. „הייסט עס, אַז ווייל איהר מאַן איז נישטאָ, וויל זי מיך דאָ יאָ האָבען“...

און זי ווייטער, נאָך נישט פיהלענדיג זיך אינגאַנצען גלאַטיג אַרויסגעזאָגט און אַז עפּיס דאָט זי דאָ אין מיטען געקענט אַרויסזאָגען אַזוינס, וואָס מען קען שלעכט מיינען דעריבער, האָט זי ערשט אין אַ ווייַלע אַרום צוגעגעבען:

— היינט בין איך צופרידען מיט אייער זיצען דאָ, אַבי איך זאָל נישט דאַרפען פון תחילת נאַכט אָן זיין אַליין אין אַזאַ שטוב.

זיין אָנגעשטרענגטער אָטהעם איז צוריק אַראָבגעפאַלען:

אָט אַזוי יאָ... — האָט ער זיך געטראַכט און אַראָבגעלאָזט לאַנגזאַם צוריק דעם קאָפּ — „הייסט עס, אַז שטעהן שטעהט זי נישט אָן מיר“...

„אַך, ווי ער האָט זיך געקענט אָבנאַרען“... — האָט ער מיט אַ ביטערליכען שמייכעל אויף די דינע ליפּען געטראַכט, און פערקרימענ־דיג דאָס פּנים העפטיג נאָך טיפער עס אַראָבגעלאָזט, אוש אָנשפּאַרענ־דיג מיט זיין בלייכען גאָמבעלע אויף דער סאַמע ברוסט.

„פינדעסטוועגען איז שוין שפּעט“... — האָט ער נאָך אַמאָל גע־

פרובט זיין בליק אויפהייבען פון אונטער׳ן שטערן, און אָנגעהויבען ז׳ חושר צו זײן, זעהענדיג ווי אַזוי זי זיצט נעבען קינד אויפ׳ן בעט, און זי האָט מורא פאר איהם שלאָפען צו געהען.

ער האָט, נישט ווילענדיג, עפּיס אַ בליק געוואָרפען אויף דעם שיין פון לאָמפּ, און אויפשטעלענדיג זיך פון דעם שטוהל, אָנגעהייבען זיך איבערצובינדען דאָס ווײַסע טיכעל אויפ׳ן האַלז און צו פערקנעפּלען דאָס אייבערשטע קנעפּעל פון קאָפּאָטקעלע.

— וואָס, איהר ווילט שוין אַוועקגעהען? — האָט זי איהם געפרעגט.

— איך ווײס נישט... — האָט ער געזאָגט אַביסעל אויסקרימענדיג זיך אויפ׳ן געזיכט.

— נו זיצט נאָך דאָ אַביסעל — האָט זי איהם געבעטען.

דאָס האָט איהם שוין געהאַלטען אַביסעל אין פערלעגענהייט און ער איז געשטאַנען פערטראַכט איבער איין אָרט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. ענדליך האָט ער זיך אַליין געמאַכט אַביסעל קוראַזש, און אום צו פערטרייבען פון זיך די נישט אַנגענעהמע פּויזע, און וועלכער ער איז געשטאַנען, האָט ער איהר אָנגעוויזען, ווי אַזוי דאָס קינד שלאָפט, אַז עס ליגט פערדרעהט אויף אַ זייטעל מיט אַ הענדטעל אונטער זיך.

זי האָט דעם קינד אויסגעגלייכט דאָס הענדטעל, און דאָס יונגעל, אברהם׳משע, האָט איהר שוין זיין האַנד אויסגעשטרעקט צום אַוועקגעהן.

— מאָ וואוהין געהט איהר? — האָט זי איהם שטיל געפרעגט מיט אַ בלישצעל אין אויג.

ער איז געבליבען שטעהן אין דער מיט און די ליפּען האָבען זיך איהם עפּיס נאָר איין קרים געטהון און נישט געהאַלטען זיך ווייטער אין בעווע..גען צום קענען איהר עפּיס ארויסזאָגען עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל שוין זאָגען איהר אויף קלאָר, אַז ער קען שוין נישט דאָ לענגער פערבלייבען.

— איהר קלערט אפשר, אז איך קען נישט געהן שלאָפען איבער אײך? — האָט זי איהם געפרעגט — אָט ליעג איך שוין, אַז איך ויל. — האָט זי איהם געוויזען, ארויפגעהטענדיג די פיס אויפ׳ן בעט

און אינגאַנצען אָנשפּאַרענדיג זיך דערוויף מיט דער פּלייצע צום קינד און מיט דעם געזיכט אויף דער שטוב אַרויס.

ער האָט זיך דערפיהלט, ווי זיינע אַלע גערעקנקען, ווענען וואָס ער האָט זי חושד געווען, אַז זי מיינט איהם נאָר צו פּטר׳ן פון שטוב אַרויס, זענען פערשוואונדען אויף איין מאָל, און עס איז איהם געוואָרען לייכטער און שטילער אין זיין גאַנצן אינערליך וועזען.

— נו יאָ... — האָט ער געזאָגט — אויב איהר ווילט נישט, אַז איך זאָל אַוועקגעהן, דאַרפט איהר קענען זיך נישט קרעמפּירען אויך...

ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען אונמעכטיג און בערווישט פון דעם, וואָס איהר גלאַטיג ווייך הענדטעל האָט איהם פּלוצלינג אָנגענומען ביי זיין האַנד און צערטליך האָט זי איהם געשעפּטשעט:

— בלייבט דאָ...

און ווי דורך אַ פערכשופטער זיסקייט, וואָס האָט זיך אין אַלע זיינע חושים אַריינגעגאָסען, האָט ער אָנגעהייבען דעם קאָפּ מיט די אַקסלען נידעריגער צו שוואַנקען פאַר איהר, און ווי אַ מיזוועריש מוזיק, וואָס קומט-צו נאָר צו דעם׳ס געהער, ווער עס הענגט שוין אויפ׳ן שטריק און דאָס בלוט פון די אָדערען בלייבט פערשטעקט אין קאָפּ און עס ציהט איהם די נשמה ערגעץ אין ווייטע זיסע וועלטען אַריין, אַזוי האָט איהם זיין נשמה געצויגען...

— וואָס-זשע ווילט איהר? — האָט זי געפרעגט.

— איך וויל גאָר נישט... — האָט ער געענטפערט שוין ווי דורך אַ זיפּ, וואָס האָט זיך געלעגט אויף זיין קלאָרען פערשטאַנד...

און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין געלעגען פאַר איהר אויף די קניע און מיט אַ הייסער ציטערדיגקייט געדריקט איהר האַנד און גע-שעפּטשעט:

— אוי, פיינעלע... ווי שען דו ביסט!

זי האָט איהם גאָר נישט גערעדט, און ער האָט איהר שוין דאָס ערשטע מאָל געהאַט געזאָגט „דו“ — מיט אַזאַ איבערגעבענהייט, וועלכע מען קען נישט מיט קיין טויזענד מאָל „איהר“ אויסדריקען.

זי האָט איהם נאָר געגלעט איבער׳ן קאָפּ, איבער די האָר, לאָזענ-דיג איהם זיצען נעבען זיך.

ער האָט איהר מיט ווערטער, וואָס האָבען זיך נישט געקלעבט איינס צו דאָס אַנדערע, איבערגעגעבען, ווי ער האָט שוין גאַנצע צוויי זומערן און איין ווינטער — און ערשט געהט שוין דער צווייטער ווינטער — געבענקט נאָך איהר. ווי יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט די פענסטער אָפען האַלטען און ער פלעגט שטעהען און הערען פון זייער קעגען־איבערדיגען פענסטער, ווי זי זינגט ביינאַכט לידער, — פלעגט זיך איהם דאָס האַרץ און דער געדאַנק פערדריגען און אַזוינע זיסע טענער, אַז ער האָט אַליין נישט געפיהלט, ווי די טרערען האָבען איהם געדונגען איבער די באַקען, נאָר ערשט דורך דעם ווינקעל, וואָס פלעגט פאַרבייציהען פאַר זייער אָפענעם פענסטער, ווען זי האָט שוין געהאַט אויפגעהערט צו זינגען, האָט ער זיי ערשט דערשפירט שוין פערטרוקענט אויף זיינע באַקען.

זי האָט דאָס אויסגעהערט מיט דעם גרעסטען חשק.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

שפעטער האָבען שוין ביידע געטראַכט: ער, ווען זיין מאַמע זאָל דאָס וויסען, און זי: ווען איהר מאַן זאָל דאָס וויסען...

און נאָך שפעטער איז זי שוין געלעגען און געוויינט מיט'ן פּנים אין קישען אַריין.

זי האָט שטיל און פּרכטערליך געגאָסען מיט טרערען.

ער האָט זיך אויף שנעל אָנגעטהון און אויף גיך אַוועק אַהיים שלאָפען.

אין דער פריה האָט ער שוין מעהר נישט געקוקט אַזוי אומגליקליך בעטריבט אויף דער גאַס אַרויס, ווי אין אַלע פריהעררידיגע מאָרגענס אין דער זעלבער שעה. ער האָט שוין היינט פאַר זיך זיין דערגרייכטען ציעל.

און טעג זענען געגאַנגען און דאָס יונגעל, אַברהם'טשע, האָט אַזוי גוט אייפגעפּאַסט דעם מאַן איהרען, אַז ער האָט צו יעדערע צייט געוואוסט אפילו, אין וועלכען אָרט ער זיצט אָדער שטעהט ביי זיך אין שטוב, און אַז ער איז אַוועקגעפאָהרען, טהייל מאָל יעדע עטליכע טעג אויף אַ נאַכט אָדער צוויי, פון דער היים — דעמאָלט האָט זיך פאַר אַברהם'טשען ווייטער געעפענט אַ וועלט.

ער פלעגט אויסער זיך ווערען פאַר אונגעדולד, איידער ער האָט דעם מאַן איהרען דערלעבט שוין צו זעהען אויף יענער זייט בריק.

נאָר איין זאַך איז דאָ געווען א שטערונג פאַר זיינע שטילע און צאַרטע געפיהלען, וואָס ער האָט געהאַט פאַר איהר. ער פלעגט זי שטענדיג נאָר טרעפען אַ בלאַסע, און אַ שטילע פערקלעמטקייט איז איהר געלעגען אויסגעגאָסען אויפ׳ן פנים. דערביי האָבען איהרע אויגען געקוקט מיט אַ שטילער מעלאַנכאָלישער בעטענדיגקייט, ווי זי וואָלט איהם נאָר וואָס געוואָלט אַרויסזאָגען: „אברהמטשעלו, פאַר וואָס ווער איך אַזוי פיל געפּייניגט?“ און עס פלעגט איהם אַ שטיל רחמנות אָנגעהמען.

פערזונקען אין אנגסט פלעגט זי שטענדיג בלייבען נאָך זיין אַוועקגעהן פון איהר, אַזוי, אַז אויב ער האָט עס אַמאָל צייט געהאַט צו דערזעהן, האָט ער געמיינט, אַז אַ שטילע תרטה ליגט אין איהרע שוואַרצע אויגען פאַר די אַלע מעשים, וואָס זי טהוט מיט איהם אָב, און איהם פלעגט זיך דאָס האַרץ צוזאַמענפרעסען. נאָר יעדעס מאָל, ווען ער איז ווייטער געקומען, האָט זי איהם ווייטער צוגענומען און ווייטער שטיל און טרויריג געבליבען ביי זיין אַוועקגעהען.

„וואָס קען דאָס זיין?“ — האָט אַ שטילער וואָרים אין זיין האַרץ געגומען שוין פעסט נאָגען, און די גאַנצע פרייד איז איהם געוואָרען געשטערט, קוקענדיג אויף איהר פנים ווי זי געהט פון טאָג צו טאָג איין, ווי זאַלץ אין וואַסער. איהר געזיכט ווערט בלאַסער, אָבגעצויגענער און די אויגען — פייכטער בלישצענדיגער — אזוי ווייט, אַז נישט איינמאַל האַלטענדיג זיין קאָפּ אויף איהר ברוסט האָט ער איהר שוין נישט געטרויעט, און מיט אַ קוק פון שטילען חשד אין איהרע אויגען אַריין האָט ער נעקלערט, צי ווערהאַנגט נישט אַמאָל איהר האַרץ פון זיין גאַנצער בעציהונג צו איהר?

און דעמאָלט, אַז זי פלעגט נאָך אויך אַ שטילען קרעכץ אָדער זיפץ לאָזען — האָט ער זי שוין אָבהענדיג אָבגעלאָזט און אינגאַנצען זיך צוריק געצויגען פון איהר. און אַזאַ קרעכץ, אָדער זיפץ, האָט זיין גאַנצע שענע וועלט אויף איין מאָל אויפגעפּלאַצט, ווי אַ גלאָז, און אַ שטילע פערביטערונג איז איהם אין זיין לעבען אַריינגעקומען.

דאָס יונגעל איז איבערהויפּט גישט געוועזען פון יענעם סאָרט יונגליך, וואָס בשעת זייער פרייד קענען זיי גלאַטיג פאַרבייגעהן פאַר יענעמ׳ס לייד. אַדרבה, ערשט דעמאָלט האָט איהם זיין פרייד געקענט בלייבען שטעקען, ווי אַ ביין אין האַלז; וואָרום אויף איהם האָט קיינמאָל אין אַ מאָמענט פון זיינע אייגענע ליידען געמאַכט אַן אייַנדרוק יענעמ׳ס,

Juv. 1037.



נאָר דוקא בשעת איהם איז געוועזען פרעהליך אויפ'ן האַרץ. ער וואָלט ווי מורא געהאַט, אַז דורך זיינע פרעהליכקייטען וועט ער יענעם נאָך גרעסער מאַכען די וואונדען. און ער פלעגט בלייבען ווי איינגעקרעמפירט אין זיך מיט זיינע אַלע געפיהלען, נישט ווילענדיג אפילו צופיעל קוקען אין יענעמ'ס זייט, טאָמער וועט זיין בליק אפילו שלעכט טרעפען יענעם.

אויף אַזאַ אַרט פלעגט ער אויך פון פייגעלען אין פערזאָרגטע שווערע מאָמענטען אָבטרעטען. און פרעגען זי, וואָס איהר איז אייגענטליך אַזוי שווער אויפ'ן האַרץ — דאָס האָט ער נישט געקענט. דאָס איז געוועזען איהר שרעקליכע חרטה — האָט ער שוין געוואוסט אויף קלאָר.

מענשען האָבען שוין אַזאַ טבע, פריהער צו זינדיגען, דערנאָך חרטה צו האָבען.

משה-אהרן שינדעל-דעקער וואָלט געהאַט אויף זיינע עלטערע יאָהרען פאַר וואָס ווינטער בעגינען אין די גרעסטע פרעסט אַרומלויפען אונטער די לאָדענס וועקען צו תהלים, ווען ער זאָל נישט האָבען געהאַט אַמאָל אַ יוגענד אויף זיך?...

אויף די אַלע זינדיגע האָט ער מיט אַ ביטערליכקייט געקוקט. און אויך ביי זיין פייגעלען האָט ער מיט זיין גאַנצער אינערליכער קראַפט געפיהלט, וואָס ער האָט איהר געטהון, און זיין געפיהל האָט שוין אָנגעהויבען אַרויסצושרייען צו איהם: דו ירבעם בן נבט — וואָס שעכסט דו מענשען מיט דיין ליבשאַפט! ער ווייסט, אַז זי ליגט שוין ביינאַכט מיט'ן פנים אין קישען און וויינט. נאָר טרייסטען קען ער נישט, ער קען איהר נאָר דאָס האַרץ מיט דער נשמה אַוועקגעבען, אַבי זי זאָל זיך נישט פיהלען זינדיג. נאָר ער ווייסט, אַז דאָס איז שוין אַ פערפאַלענע זאַך.

„אַזוי פיהרט זיך שיין די וועלט“, — האָט דאָס יונגעל זיך שטאַרק געערגערט און זיך מיט דער האַנד אַוועקגעמאַכט. און יעדעס מאָל קומענדיג צו זיין שענער פייגעלען און טרעפענדיג זי אַליין, וואָס אַ טאָג ווייטער, מעהר פערוויינטער און שטילער איינגעשרומפענער, — האָט ער דערפיהלט, וואָס פאַר אַנ'אָבגרונד עס עפענט זיך שוין צווישען זיי ביידע, און אַ פערביטערטער פלעגט ער איהר שטיבעל פערלאָזען, נישט בע-

ריהרענדיג זי שוין מעהר, ביז ער האָט ענדליך אַליין אויך מיט אַשמי־
לער און פייַנענדיגער חרטה אין האַרץ אויף דעם פריהערדיגען —
אויפגעהערט איינגאַנצען צו איהר צו קומען.

דעמאָלט פלעגט שוין נישט זי אַליין, נאָר ער אויך, ליגען די
נעכט מיט'ן פנים אין קישען און פערגיסען טרערען דערויף, וואָס פון
דער שענער פייגעלע איז געוואָרען.

„נישטאָ קיין ריין קוועלכעל, אפילו דאָס לויטערסטע וואַסערלאַין דער
וועלט זאָל פליסען, און אַז עס זאָל קיין שלאַם נישט אָנטראָגען אויף די
ברעגעס"... האָט זיך איהם אין זיין יונגעלשען קאָפּ אַמין געדאַנק
אויסגעשטעלט, ביי וועלכע ער האָט געפלענט אַשרעקליכען זיפץ
אַרויסצולאָזען און האָט שוין קיין גאַנצע נאַכט נישט געקענט
שלאָפען.

און פייגעלע, וואָס אַחודש ווייטער, האָט זי אַלץ מעהר דערשפּירט,
אַז זי טראָגט, נישט וויסענדיג פון וועמען...

דאָס ערשטע קינד האָט זי געהאַט מאַקי פון מאַן, אַסימן, אַז
דאָס קען אויך זיין זיינ'ס — אָבער קען ער איהר שוין גוט־שטעהן דע־
רויף? — האָט זי שטיל געגאָסען מיט ביטערע טרערען, וואָס פלעגען
זיך ווי קיילעכדיגע בלישצענדיגע פעריל קייקלען איבער איהרע שטילע
געפיינינגטע באַקען אַראָב. און טאָג טעגליך פלעגט זי אָבשטעהן מיט
דעם קרבן־מנחה־סדור גאַנצע צוויי שעה אין איין ווינקעל מיט דורכגע־
נעצטע אויגען, קוקענדיג אויף דער שמונה־עשרה, אין וועלכער זי פלעגט
אפילו די אותיות נישט קענען זעהען, אַזוי צונויפגעגאָסען האָבען זיי זיך
אַלע אינאיינעם דורך דעם קוקען אויף זיי מיט טרערען אין די אויגען.

עס האָט געדויערט נאָך אַשטיקעל צייט, אין איינמאָל ביינאַכט
חאַפּט זי זיך אויף פון שלאָף מיט אַגעשריי און שרעקליך קול, אַז דער
מאַן איז מיט איין שפרונג פון זיין בעט געשטאַנען שוין איבער איהרען,
אַצומומעלטער, מיט אַצושויבערטען קאָפּ און מיט שרעק אין די אויגען
אָנגעחאַפּט זי ביי די באַקען:

— פייגעלע, דיר האָט זיך עפּיס גע'חלום'ט?

זי ענטפערט נישט, זי קוקט איהם שטאַרק אָן, נאָר איהר האַרץ
צורייסט זיך אויף שטיקער, און אויף די ליפען ליגט שוין דאָס וואָרט
נאָר אַרויסצושרייען: „געוואַלד איך בין זינדיג... לויפט פאַר מיינעט־
וועגען צו גוטע יודען!.."

— פּײַגעלע, פּײַגעלע — שרײַט ער און חיל איהר דאָס פּנים אַרויסהײבען פון קישען, נאָר זי לאָזט זיך נישט, אַמפּערט זיך, און ענדליך אַרויסגעשריען, אָבטרײַבענדיג איהם פון זיך:

— אַוועק פון מיר, איך בין זינדיג...

ער בלײַבט שטעהען אין מיטען שטוב אַ געלעהמטער.

— סטײַטש, פּײַגעלע, וואָס טהוט זיך מיט דיר, אפשר האָט זיך דיר עפּיס גע׳חלום׳ט?

— יאָ. יאָ... — האָט זי אַ גרויסען זיפץ אַרויסגעגעבען, אַז עס האָט געקאָנט אַ האַרץ צו רײַסען — עס האָט זיך מיר שוין גוט גע׳חלום׳ט... — און מיט אַ שוואַרצען פערצווייפעלטען בליק אָבגעקעהרט דאָס פּנים צוריק אין קישען אַרײַן.

— פּײַגעלע, פאַר וואָס ענטפערסט דו מיר נישט צו דער זאַך? — שרײַט ער.

נאָר זי בעהאַלט דאָס פּנים און מען זעהט נישט מעהר נאָר ווי איהרע אַקסלען ציטערן און דער גאַנצער קערפּער חליפּעט פון געוויין.

דער מאַן האָט זיך שוין קיין אָרט נישט געקענט געפינען אַ גאַנצע נאַכט. און אין דער פריה האָט זי איהם ערשט אַליין דערצעהלט, נישט קענענדיג איהם קוקען גלײַך אין די אויגען אַרײַן, אַז עס האָט זיך איהר טאַקי עפּים גע׳חלום׳ט אַ גאָר שרעקליכער חלום...

ער האָט זי אַײַנגענומען מיט גוטע ווײכע רעד, געבעטען, אַז זי זאָל זיך נישט אָבגעבען צו קיין חלומות און זאָל זיך נישט אַרײַנלאָזען אין זיי. נאָר וואָס מעהר ער האָט איהר געווייזען געטרייַשאַפט, וואָס מעהר איהם האָט דאָס שטילע רחמנות-געפיהל אַדורכגעדרונגען צו איהר — אַלץ מעהר שטעכענדיג איז עס געווען פאַר איהרטוועגען, מעהר האָט זי איהם נישט געקענט קוקען אין די אויגען אַרײַן, און שרעקליך פּײַנענדיג איז געוועזען זײַן האַנד, מיט וועלכער ער פלעגט זי וועלען גלעטען. זי האָט לאַנג-אַם אַראָבגעלעגט זי צוריק יעדעס מאָל פון זיך און נישט געלאָזט זיך אָנריהרען.

שפּעטער איז אויך געקומען זײַן מוטער און איהר מוטער, האָבען אַוועקגעטראָגען די מזוזות צום סופר איבערצוזעהען. די בײדע מאַמעס זענען אויך געווען בײַ׳ם רבּין דערצעהלען איהם, אַז זײער טאָכטער, אַ מעוברת׳ע אין אַכטען חודש, האָט זיך די נאַכט איבערגעשראָקען

עפּים איבער אַ חלום — און דער רבי האָט זיי אויך נישט אַוועקגעלאָזט לעדיג, פערשפּראָכענעם בּויםעל זיי געגעבען אויסצושמירען, אַז עס זאָל איהר די שרעק נישט שאַדען צום „טראָגען“.

נאָר זי לאָזט זיך אַפילו מיט קיין האַנד נישט אָנריהרען, יעדערע האַנד, וואָס ריהרט זיך צו איהר לייב צו, דאַכט זיך איהר, ווערט אָנגעשטעקט מיט זינד, און זיי וויסען אפילו גאָר ניט ווי זינדיג זי איז, נאָר דרעהען זיך נאָך אַרום איהר מיט אַזוי פיעל געטרייישאַפט, חי זי וואָלט טאַקי אַ כּשר פרום ווייבעל געווען...

אַזוי, מיט אַזעלכע אויגען האָט זי אויף אַלץ געקוקט אַרום זיך, און חער קען נאָך דאָס אַלץ וויסען, וואָס אין אַזאַ האַרץ, וואו עס האָט זיך אַריינגעחאַפּט די שטילע חרטה צו זיין איינענע זינד, עס טהוט זיך אָב.

און אָט איז זי געוועזען דערוויל נאָך געזונד אין פריש, אויסער דער מעלאַנכאָליע און דאָס בּלאַסקייט — איז געקומען איין פריה־מאָר.ען, ווען זי האָט נאָר געהאַט פערמאַכט דעם סידור און געוואָלט נעהמען עפּים צו־צושטעלען פאַר אָנבּייסען אין דעם אָנגעהייצטען אויבעלע — חי עס איז געקומען אַריינצוגעהען די אַלטע נישעל, אַנ׳אָרעמע יורענע געבעך מיט אַ פאַטשיילע אויפ׳ן קאָפּ, מיט טריפענדיגע האַלב־בּלינדע אויגען, און דערצעהלט איהר אַזאַ מעשה:

„נישט דאָ געדאַכט, נישט היע געדאַכט, ניין מאָל נישט היע געדאַכט—האָט שוין בּיילע, נעבעך, געהאַט איהר „ונתנה תוקף“, אויף אַלע וויסטע וועלדער נעזאָגט געוואָרען...“

— האַ? — האָט פייגעלע מיט אַ צומישטקייט אין די אויגען זי אָנגעקוקט — ווי אַזוי?

— נישט געדאַכט זאָל עס זיין, עס געהען אַרום שלאַפקייטען אויף קינבעטאָרינס — — משטיינס־געזאָגט; ווער ווייסט, נעבעך, אין וועמענס זינד...

מען האָט געשפּירט, ווי פייגעלען ווערט דאָס בּלוט פערגליווערט און איהר בּלאַסליך פּנים מיט דעם קלאָרען שטערן האָבען זיך אָנגע־הויבען צו רונצלען.

— חען איז דאָס געשעהען?

— היינט, זייגער פינף פאַרטאָג.
— זי ליגט נאָך אין שטוב?

— מילא... — האָט די אַלטע גישעל אָנגעהויבען צו ציטערן מיט דער גאָמבע — די אויגען זאָלען שוין אַזוינס נישט זעהען, עס זאָל שוין גאָר קיינמאָל אַזאַ בראָך נישט געשעהן. האָט מען זי אָבגעהויבען אין אַ שטאַנד — פערגאָסען אַ"ע ליילעכער, ווי מען וואָלט געשאָכטען אַ קוה. די שטרוי אפילו פון בעט וועט מען איהר דאַרפען מיטנעמען אין קבר אַריין.

— אוי וועה מיר... — האָט שוין פייגעלע שטיל פאַר זיך איבערגע'חזר'ט. — אַלץ, נעבעך, אויף דעם זינדיגען מענש...

זי האָט אַרויסגענומען אַ גראָשען, געגעבען דער אַלטער גישעל, און חאַטש יענע האָט זיך באַלד פון שטוב אַרויסגעריהרט, אָנקושענדיג פריהער די מזוזה, ווי איהר געוועהנונג איז, ווען זי האַלט אין מיטען קריכען איבער דער שוועל אַרוים — דאָך איז שוין פייגעלע געבליבען שטעהן אַ צוגעקאָוועטע צו דעם אָרט און פאַר גרויס צומישטקייט, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָבגעטהון אין איהר קאָפּ, האָט זי אפילו נישט גע־דענקט שוין, וואו דאָס טעפּעל צו געפינען, און וועלכען זי האָט גע־דאַרפט צושטעלען דאָס אָנבייסען.

שפּעטער, ביי־דער־נאַכט, האָט זי זיך שוין אַליין אויך גערעכט אין קינדבעט אַריין פּונקט, ווי יענע, פון וועלכער די אַלטע גישעל האָט דערצעהלט. און נאָך ערגער — זי האָט זיך גערעכט צו שטאַרבען אויך פּונקט ווי יענע. דער פּאַק מיט אַרבעס־שטרוי, וואָס מען האָט יענער בעדאַרפט מיטצוגעבען אין קבר אַריין, איז איהר אַ גאַנצען טאָג נישט אַרויסגעגאַנגען פון זינען — אין זי איז עקסטרע צוגעגאַנגען צו איהר בעט געבען אַ קוק אַריין, וואָס דאָרט ליגט, געוועהנ־יך שטרוי צי אַרבעס־שטרוי, האָטש זי האָט אַלע טאָג זיי אַליין אויפגערודערט מיט איהרע אייגענע הענד ביי יעדען מאָל פערבעטען אָדער אויפבעטען.

דעי' טויט האָט זי שוין אַזוי אויך געשראָקען אַ לאַנגע צייט. זי פלעגט נאַכט ביי נאַכט נאָך קריאת־שמע לייענען ביים אויסטהון די שיך עקסטרע האָבען בכונה, אַז אַוועקלעגענדיג זיי ביי איהר בעט, זאָלען זיי נישט אויסקומען מיט די פּאָדעשוועס צו דער טהיר... און אַז זי איז שוין גאָר איגגאַנצען געלעגען אין בעט, איז זי נאָך אויך נישט געוועזען רוהיג מיט זיי און דערמאָנט זיך, אַז אין יענער זייט אַריין, וואוהין זיי

ליגען אַצונד אָנגעווענדט מיט די פּאָדעשוועס, ציעל׳ט גלייך צו יענעם ווינקעל שטאָדט, וואו עס געפינט זיך דער בית עולם... און אַזוי ערנאָך פּלעגט זי נאָך פון בעט אויך אַראָבקריכען מיט אַ שטילען קרעכץ און איבערלעגען זיי אַנדערש...

און אָט איז אָנגעקומען שוין די נאַכט, אין וועלכער זי האָט אָנגעהויבען צו קרעכצען שוין צום קינד־האָבען. דעמאָלט איז דער מאַן אויפגעשטאַנען אין מיטען דער נאַכט, געמאַכט פייער און געגאַנגען פריהער נאָך זיין מאַמען, נאָך איהר מאַמען און דערנאָך נאָך דער הייבאַם. און עס איז נישט אויסגעגאַנגען נאָך די זעלבּיגע נאכט, ווי פיינעלע האָט געבּוירען אַ יונגעל.

נאָר באַלד אין דער פריה, ווען דער ליכטיגער מאָרגען איז קוים אין שטיבּער געשטאַנען, איז זי שוין גע׳לעגען אין אַ שטאַנד מיט איבּערגעדרעהטע אויגען, און פלאָנטערנדיג אין געדאַנקען האָט זי מיט אַנ׳אונמענטיג קול געשריען:

— נעהמט איהם צו פון מיר, דעם רשע... וואָס האָט ער געוואָלט פון מיינע יונגע יאָהרען האָבען!

— ס׳טייטש, פיינעלע — האָבען אַלע ווייבער, וואָס זענען געשטאַנען אַרום איהר בעט, זי געבּעטען — ס׳טייטש, וועמען מיינסט דו? דעם מאַן איז דאָך גאָר נישט דאָ אויך... ער איז דאָך געגאַנגען נאָך דעם דאָקטאָר.

זי האָט אויפגעעפענט אַ פּאָר קריטיש־אויסגעשטעלטע אויגען, מיט וועלכע מען קו־ט ברייט פונאַנדערגעעפענט, נאָר מען זעהט גאָר נישט, — און אַראָבזינקענדיג צוריק די ברעמען האָט זי נאָר אַ שטילען זיפץ געטהון און געבּליבּען ליגען מיט פערטריקענטע פערשמאַכטע ליפּען און אַ פּנים, ווי אָבּגעגאָסען מיט געל וואַקס.

דער דאָקטאָר איז געקומען, אַנידערגעשטעלט זיך איבּער איהר בעט, האַלטענדיג איהר האַנד אין זיינער, ווי זי האָט ווייטער ברייט פונאַנדערגעעפענט די אויגען, ווי פון עפּיס געשטערט און מיט צוטראָגעגעדאַנקען, — און דעמאָלט האָט דער דאָקטאָר אַ שאָקעל געגעבּען צו די זייטיגע ווייבער און צו דעם מאַן מיט׳ן קאָפּ:

— ס׳איז שלעכט, זי קריגט היץ...

אַלע זענען געבּליבּען שטעהען מיט אויסגעבּלישצעטע אויגען און

ציטערדיגע ליפּען, קיקענדיג דעם דאָקטאָר אין די אויגען אַריין. און דער מאַן, שטעהענדיג פאַר'ן דאָקטאָר מיט'ן בלויזען קאַפּעל אויף דעם קאָפּ און מיט דעם היטעל אין דער האַנד, האָט זיך אַזש אָנגעהויבען אײנגאַנצען צו טרייסלען און געקלאַפּט מיט די צייהן אין מויל. דער נומען איז איהם ווי פערשלאָסען געוואָרען און מיט אַ שטאַמלענדיג קול אָנגעהויבען פאַר דעם דאָקטאָר צו פאַלען:

— ראַטעווע זי מיר, דאָקטאָרשי. איך גיב דיר אַוועק אַלץ, אַבי זאָלסט זי מיר ראַטעווען.

דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעריסען אַ בלעטעל פון אַ טאַשען־ביכע־לע, אַנידערגעשטעלט זיך מיט דעם קאָפּ אין דער שייב אַריין פערשריי־בען. איינמאָל אָנגעשריבען און צוריסען, דאָס צווייטע מאָל אָנגעשריבען און געקלערט אַ רגע און ווייטער צוריסען, און צום דריטען מאָל האָט ער זיי ערשט דערלאַנגט דאָס קוויטעלע:

— נאַ, לויפען זי געשווינדער אין דער אַפּטייק אַריין...

דער מאַן האָט געחאַפּט געשווינד און אַנטלאָפען אין אַפּטייק אַריין. דער דאָקטאָר האָט אויך נישט לענגער געזוימט. נאָר אין שטוב האָט שוין געהערשט די פערצווייפלונג אין דער העכסטער אַרט:

— ס'טייטש, פייגעלע, וואָס טהוט זיך מיט דיר — האָבען די שכנ'טעס און די מאַמעס געבעטען — זעה נאָר אַ שען קינד, דו האָסט געבוירען, און דו ווילסט גאָר נישט די אויגען אָפען האַלטען...

נאָר פייגעלע האָט זיי נישט געקענט צוליעב טהון, העכסטענס ווייטער געבען זיך אַ ברייטען בליק פונאַנדער און צוריק אָנגעהויבען פריש צו פּלאָנטערען מיט די געדאַנקען.

— אוי, אַברהם'טשעלע, געוואַלד, אַברהם'טשעלע... וואָס וויל ער פון מיר האָבען...

— געוואַלד, וואָס פאַר אַ אַברהם'טשעלע — האָבען זיך די ווייבער אָנגעקוקט ערשטוינט. און אַז דער מאַן איז שוין געקומען צו לויפען מיט דער מעדיצין אין דער האַנד, איז ער געשטאַנען און געציטערט ווי אַ בלאַט.

— פייגעלע, וואָס פאַר אַ אַברהם'טשעלע? — האָט מען זי שוין אָנגעהויבען צו וועקען.

זי האָט ווייטער דעם גאַנצען עולם אַרומגעקוקט מיט אַ שאַרף גלאָצענדיגען בליק:

— וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען? — האָט זי געפרעגט מיט אַזאַ שאַרף בעליידיגטען טאָן, ווי עס קען נאָר אַ מענש, וואָס חיל שוין מעהר קיין שום מנע ומשא נישט האָבען מיט קיין מענשען.

— וואָס־פאַר אַ אַברהם'טשעלע? — האָט מען זי געפרעגט.

— אַברהם'טשעלע דעם שענקערס — האָט זי ווידער קלאָר און שאַרף אַרויסגעזאָגט, און אייסקרימענדיג דאָס געזיכט, האָט זי פּלוצלינג עפּיס אַ שטילען פערענדערטען קוק־אַרויף געגעבען צום בעליק און אָנגעוויזען זיי אין דער הויך: זעהט נאָר... — און זי האָט בעהאַלטען דאָס פּנים פאַר שרעק אין קישען אַריין.

צווישען אַלע ווייבער איז געוואָרען אַ יללה און דער מאַן האָט זיך אָנגעהויבען צו שלאָגען מיט די פויסטען אין קאָפּ אַריין.

שפּעטער, ביינאַכט, האָט זיך איהר געדאַכט, ווי אין שטוב הייבט זיך אָן צורוקען ענטקעגען איהר בעט אַזאַ ברייט מענשען־קלעצעל, שלאָמפּערט און שלאָמפּערט אַזוי איבער דער פּאָדלאָגע אין געשטאַלט פון אַ יודענע־פּנים, נאָר אַראָבגעבויגען דער קאָפּ צוזאַמען מיט די אַקסלען און פּלאַטשיג און ברייט, פּונקט ווי אַ מצבה...

פיינעלע האָט זיך מיט האַסט געגעבען אַ זעץ־אויף אויפ'ן בעט, און אַז מען האָט זי נישט געלאָזט ווייטער, האָט זי נאָר נאָך אַ שרעקליכען בליק געוואָרפען איבער דער שטוב און צוריק בעהאַלטען דעם קאָפּ אונטער'ן איבערבעט.

פאַרטאָג איז זי שוין גאָר אינגאַנצען צומישט געווען. די היץ האָט פון איהר געברענט און זי האָט נישט אויפגעהערט צו שמועסען וועגען זאָקען־בענדלעך, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט ביי דעם וואַסער אונטער דער בריק, נאָך דעם טובל־זיין, אַז זי האָט זיך פערגעסען מיט זיי אַרומצובינדען די פיס, און אַצונד קען זי נישט אַריבערשוועבען איבער דעם בית־עלמין־פּאַרקאַן...

— אָך שווער, שווער... — האָט זי ווי פון מיטען שלאָף אַרויסגעקרעכצט און ליגענדיג אין בעט אָנגעשטרענגט די הענד אין דער לופט

אַריין, זי באַלד צוריק אַראָבקנאַקענדיג ווי צוויי שווערע קלעצער איבער דעם איבערבעט.

עס איז געוואָרען ווידער אַ געשריי אַ יללה פון די אַרומשטעהענדיגע אַרום איהר בעט.

מיט'ן טאָג צו גלייך, ווען דער פרישער מאָרגען קומט אָן און וויסט־אויס אַלע שטיבלעך, אפילו די אָרעמסטע, מיט אַ פרישען שטראָם מאָרגען־ליכט און אַלע קראַנקע ווערען בעסער, דעמאָלט איז איהר אויך אַביסעל בעסער געוואָרען.

נאָר אין דריי טעג אַרום איז זי געשטאָרבען, פאָלקאָמען געשטאָרבען, איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַנטשלאָפען געוואָרען אויף אייביג, ווי אַ שטיל היהנרעלע.

עס האָט זיך דעמאָלט געדרעהט אַברהמ'טשע הינטער די פענסטער און מיט אַ פינסטערע דערשלאָגענהייט אין די אויגען שוין אויף אייביג, האָט ער נאָך פון דער וויטענס אַרויפגעקוקט צו זיי, און זיי זענען געווען ווי איינגעהילט אין שטומע פערהוילענע אָבקלאַנגען פון פערצווייפעלטע געשרייען און געוויינערייען, וואָס האָבען זיך, ווי איהם האָט זיך געדאַכט, פון שטיבעל אַרויסגעריסען און אָנגעפילט די גאַנצע וועלט מיט אַ הימעל־געשריי.

„פערפאַלען — האָט ער שטיל אָבגעזיפצט — אַ מענש איז אַוועק פון דער וועלט און קיינער וועט איהם שוין צוריק קיינמאָל נישט אומקעהרען".

ער איז ביי דער לויה אויך געשטאַנען פון דער וויטענס, הינטער'ן בית־עולם־פאַרקאַן, מיט אַ פערשטומטע און פערקלעמטע געזיכט, מיט פערשלאָסענע ליפען, אַריבערקוקענדיג מיט אַ שווארצען אויסגעלאָשענעם בליק דאָרט אַהין צווישען די ביימער, וואוהין מען לעגט זי ערשט אין דער קאַלטער נאַסער ערד אַריין, כדי זי שוין דאָרט צו פערשליסען אויף אייביג...

צוריקגעהענדיג פון דער לויה האָט ער זיך שוין מעהר קיין אָרט נישט געקענט געפינען, געהענדיג דעם גאַנצען וועג מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און זייענדיג די טרערען אויף די שטיינער פון גאַס. און מיט די טרערען אין די אויגען האָט ער זיך אויפגעהויבען און אויך צו איהר מאַן צוגעגאַנגען און געזאָגט איהם:

— הער זשע, דו מענש, איך האָב דיין ווייב געטייט...

— ווער, דו אַברהם'טשע?...

אַברהם'טשען האָט אַ שלאָג געטהון אַ היץ אין קאָפּ אַריין. איהם האָט שרעקליך אויפגעבראַכט זיין קאַלבישער בליק, מיט וועלכען יענער האָט איהם אָנגעקוקט.

— װאָס=זשע, דו גלויבסט גאָר נישט, אַז מענשען זאָלען וויסען אַ גוטע קרענק וועגען זאַכען, ווי אַזוי זיי געשעהען?

— אוי מענשען, גע'פגר'טע מענשען! — האָט ער מיט דער האַנד אַ וואָרף געגעבען אין דער לופטען, אָנגיסענדיג זיך אינגאַנצען מיט בלוט אין פנים און די אויגען האָבען אזש אַ בליץ געטהון. און אָבהענ= דענדיג זיך אָן אַ זייט האָט ער שטיל אַליין פאַר זיך געטראַכט, אַז „עס איז אפילו נישט דאָ פון וועמען צו פערלאַנגען, ווער עס זאָל נקמה נעהמען פון מיר“...

און ערשט האָט ער געפיהלט אַ טיפע פעראַכטונג אין זיין האַרץ צו אַלע מענשען, דערפאַר, וואָס ער האָט זיי שלעכטס געטהון און זיי ווייסען אפילו נישט, ווער, אַזוי ווי זיי ווייסען נישט אויך קיינמאָל, ווער עס טהוט זיי גוטס — אין צווישען אַזעלכע קומט=אויס צו לעבען זיין גאַנץ לעבען לאַנג!

# פון רביגם שטוב.

# פון רבי'נס שטוב.

יצחק'ל האָט ער געהייסען. זיין אויפפיהרונג ביי'ם רבי'ן אין שטוב איז שטאַרק נישט געפעלען געוואָרען דעם רבי'ן. שוין אַ צייט לאַנג ווי ער קומט אַלע אין דער פריה אין אויסגעפוצטע שטיוועל, אונטער'ן קעלנערל פון העמד נעפעלט איהם שוין אַ שוואַרץ בענדעלע אונטערצופינדען, די פאַה'לעך קרייזעלט ער מעהר ווי געוועהנליך און שטעהט טיילמאָל אָב ביי דער רבי'צין אין חדר, ביי טאָג, ווען קיינער איז דאָרט נישט דאָ, גאַנצע שעה'ן=ווייז אין שפיגעל. איבערהויפּט דאָס אויסגעלייגטע קעלנערל געפעלט נישט דעם רבי'ן, און ער טראַכט, אַז עס איז נישט אַנדערש, נאָר אין דעם יונגעל דערוועקען זיך שוין יוסף'ס שפּילערייען אין מעשה נערות. און טהיילמאָל גיט ער אויף איהם אַ קוק פון אונטער די ברעהמען. אפשר, אַז ווען יצחק'ל זאָל עס זעהען, וואָלט אין איהם דאָס בלוט פערקיהלט געוואָרען. יצחק'ל אָבער ווייסט נישט און געהט זיך זיין וועגס. טיילמאָל זינגט ער זיך אונטער שפּאַצירענדיג אויף און אָב איבער'ן רבינ'ס בית=המדרש'ל עפּיס אַ ניי זמר'ל; טיילמאָל געהט ער גלאַט אַזוי אַרום פערטיעפט אין מחשבות און שוין אַ צייט לאַנג, ווי יצחק'ל נעמט נישט קיין יודיש וואָרט אין מויל אַריין.

פון דעם בית המדרש'ל געהען אַרויס די פענסטער אין די גלעזערנע טהיר אין רבינ'ס גאָרטען אַריין, און דאָרט האָט ער ליעב אָבצולינגען גאַנצע טעג אויפ'ן ווייכען פרישען גראָז אונטער די נעדיכטעביימער, וואָס פערשטעלען אפילו דעם הימעל מיט זייערע געדיכטע צווייגען. און פון לערנען ווערט נאָר קיינמאָל ביי איהם אין קאָפּ נישט געדאַכט, האָטש דאָס בית=המדרש'ל איז אַלע אין דער פריה פול מיט דברי=תורה פון יונגע=סאַנטשיקלעך, פון שטאָדט=גבירים'ס איידעמלעך,

וואָס קומען זיך אַהער מפלפל־זיין ביז אַרום צוויי דעם זייגער. ער לינט זיך און ס'איז נישט זיין דאגה.

— צי ס'איז גלייך אַזוי?... — האָט דער רבי שוין נישט איינמאָל אַ טשעפּע געטהון, אַזוי פאַרבייגעהענדיג.

יצחק'ל ענטפערט נישט. ער ווייסט טאַקי, אַז עס דאַרפט נישט אַזוי צו זיין, נאָר עס ציהט איהם פאָרט נישט צו דער גמרא, און דער רבי שאָקעלט אויף איהם מיט'ן קאָפּ: אוי אוי, בטלה... צו וואָס דאָס קען ברענגען...

יצחקל'ען ווערט אומעדיג אויפ'ן האַרץ, אַז ער הערט דעם: „אוי, אוי, צו וואָס דאָס קאָן ברענגען“, און בלייבט טיילמאָל שטעהן מיט אַ שווערער חרטה אין האַרץ, פאַר וואָס ער שטאַרקט זיך נישט עפּעס צו טהון דערצו... נאָר וואָס זאָל ער טהון, אַז דאָס פוילקייט איז אַזוי גרויס און דער לוסט צום לערנען — אַזוי קליין, אַז ווילענדיג, נישט ווילענדיג, מוז ער זיך צוריק אַראָבלאָזען אויף דעם ווייכען שמעקענדיגען גראָז.

און וואָס אַ טאָג ווייטער בעמערקט דער רבי שוין אַ גראָבקייט אויף זיין געזיכט. אָט ערשט נישט לאַנג האָט ער נאָך געהאַט די יונגעלשע לויטערע איידעלקייט אויפ'ן געזיכט און היינט איז עס שוין אַזוי פערגרעבט, די שטריכען אַזוי גראָב און אַזוי מאַסיוו, אויפ'ן שטערען אַזאַ אויסגעשמירטע פעטיגקייט און אין די אויגען דעסגלייכען — אַז דער רבי טראַכט: ווער ווייסט, צי אין דעם יונגעל דערוועקען זיך שוין נישט די זיבעצעהנער־אַכצעהנער יאָהרען...

ביי דעם געדאַנק זיפצט דער רבי אָב: היינט זשע וויפיעל „משחיתים רעים“ בעשאַפט ער שוין... (די משחיתים רעים, וואָס דער „מדרש תלפיות“ רעכענט אויס, דאָס איז אַ געוויסער מין וואָס ווערען בע־שאַפען ספּעציעל נאָר פון איין זאַך...)

און אָט דעם פאַר פּכח האָט דער רבי פּ'ן איהם געזעהען אַזוינס, וואָס ער וואָלט עס קיינמאָל אין זיין לעבען נישט געגלויבט. ווען ער איז געגאַנגען נאָך מצה־וואַסער אויף מצה־שמירה צום סטעקעל, וואָס פליסט אונטער דער שטאָדט, און דער רבי איז זיך נוהג אַלע יאָהר דאָרט אַליין צו שעפּען דאָס וואַסער מיט נאָך עטליכע פון זיינע חסידים — איז געשטאַנען אַ שייגעץ און צומישט דאָס וואַסער מיט דער

בלאָטע, אַז דער רבי זאָל עס נישט קענען נעהמען, און ווי יצחק׳ל האָט דאָס דערזעהען איז ער געגעבען אַ פאַל־אַרויף אויף דעם שייגעץ מיט אַזאַ גבורה און אַ שמעטער־אַוועק איהם געטהון אין מיטען פעלד אַריין, אַז אַלע זענען געבליבען שטעהן ווי פערגאַפט.

און דעמאָלט ערשט האָט דער רבי טרויעריג אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ: צי איז דאָס מעגליך, אַז פון מעשים טובים זאָל דאָס קומען — אָדער יצחק׳ל אפשר ווייסט דו שוין גאָר פון אַנ׳אשת איש...

אַ גאַנצען וועג געהענדיג צוריק האָט ער שוין פון איהם קיין אויג נישט אַראָבגעלאָזט, אַז ביי איהם אין שטוב, אין זיין הויז, אונטער זיין דאַך...

און איינמאָל האָט ער זיך בעשלאָסען דאָס צו דערגעהען ביי איהם... מיט וואָס? — מיט קוקען אין די אויגען אַריין — זאָל ער איהם נאָר נישט קענען גלייך קוקען אין פנים אַריין, וועט ער וויסען אַ סימן, אַז ער איז טאַקי זינדיג... נאָר דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען פונקט פערקעהרט, יענער האָט נאָך צו שטאַרק אָפען געהאַלטען די אויגען, ווייל שוין אַ צייט לאַנג ווי יצחקל׳ען געהט אויך עפּעס נאָך אַ געראַנק, אַז דער רבי איז איהם אין עפּעס חושד, האָט ער איהם גע־געבען ביידע אויגען אינגאַנצען אָפען: נאַט אייך, רבי, קוקט און זעהט, אַז איך בין ריין... און דער רבי האָט אַצונד נאָך מעהר געדרונגען זיך דאָס אייגענע: הייסט עס, אַז אַצונד איז שוין אפילו גאָר קיין תרופה נישט דאָ פאַר זיינעטוועגען? די קליפה האָט זיך שוין אויף אַזוי פיעל מתגבר געווען, אַז זי קען שוין קוקען דעם צדיק גלייך אין די אויגען אַריין?... און דער רבי האָט זיך געשטאַרקט און איינגעהאַלטען נישט צו געבען אַ געשריי־אַרוים:

— דו רשע בן רשע!...

דאָס האַרץ האָט איהם שוין געהאַט געגעבען אַ צאַפּעל דערויף, נאָר מיט אייזערנע כחות האָט ער זיך איינגעהאַלטען: ווייל אַ רשע בן רשע איז ער טאַקי... און דאַדורך איז נאָך גרעסער די סכנה צו טשעפּען מיט איהם...

אַ טאַטען האָט ער געהאַט — נישט געדאַכט זאָל ער זיין — אַ פישער, וואָס פלעגט די ווייבער פּאַטשען איבער די הענד אין מיטען מאַרק, ווייל זיי זענען איהם געקראָכען אין דער קויקע פיש אַריין און

איהם צופּאַטשקעט די בּיכלעך פון די פיש, נישט צו קיין גנאַי זאָל עס איהם זיין... נאָר דערנאָך, נאָך זיין טויט, האָט זי, דאָס ווייב, אַהער אַריינגעבּרענגט דאָס זיהנדעלע, אַז ער זאָל דאָ קדיש זאָגען, ווען מען חעט דאַווענען מיט מנין, כּדי עס זאָל זיין אַ דערגרינגערונג פאַר דעם פאָטער דאָרט אויף יענער וועלט — און אַזוי פון דעמאָלט אָן איז ער שוין דאָ געבּליבּען. אַ יודענע, זי האָט געוואָלט, איהר זיהנדעלע זאָל דאָ אויפוואַקסען צווישען די ווענד, כּדי דאָס אויער זיינס זאָל אַיינזאַפּען אין זיך אַ בּיסעל דברי־תּורה, און ער זאָל טאַקי אַליין אויך לערנען, זי זאָל אויך זוכה זיין צו האָבּען אַ גוט קינד, ווי אַנדערע מאַמעס... און דער רבּי האָט איהם געהייסען בּלייבּען. ער האָט אַ מאָל צוגע־האָלפען מיט אַ שליחות׳ל, ווייל די בּיידע שמשים זענען שוין אַלט און נדאָה בּעוואַקסען, ווי די בּערען, און קענען זיך שוין נישט ריהרען. האָט ער אַריינגעחאַפּט אַ מאָל אַ פרישען טרונק וואַסער פון דעם בּרונען, בּיי טאָג ווען דער רבּי שטעהט אויף פון שלאָף נאָך דעם אָנבּייסען, מחמת ער אַליין איז שוין אויך נישט קיין יונגער מאַן, אַז ער וויל עפּעס זאָגען, שאָקעלט זיך בּיי איהם שוין די אונטערשטע ליפּ פריהער אפשר אַ האַלבּ שעה, איידער ער קען זי דערחאַפּען און אָנקערעווען זי וואוהין ער וויל... און אַז ער האָלט עפּיס אין מיטען אַ שמועס מכּח וויכטיגע ענינים, קען ער שוין אין דער מיט ענטשלאָפען ווערען מיט דער לולקע אין מויל, און דאַדורך האָט ער דעם רבּי׳ן שטאַרק גענוצט — טייל מאָל אַריינצוגעהן אויף איהם אָנגעלעהנטערהייט אין זיין שלאָף־חדר, טייל מאָל איהם אָנצופּאַקען אַ לולקע טיטון, טיילמאָל די פּאַנטאָפּעלעך צו שטעלען צום בּעט און דערלאַנגען איהם דעם שלאָפראָק, אַז ער זאָל קענען אַרויסגעהען אין „בּית־הכּבוד” אַריין.

אָט דערויף האָט ער איהם געדאַרפען, און געהאָפט, אַז פון דעם יונגעל זאָל אַמאָל אויסוואַקסען אַ „לייט”.

און נישט נאָר ער אַליין, דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט אין דעם, וואָס דער רבּי האַלט איהם צו אַזוינע נאָהנטע און לייבּליכע בּעריגונגען, איינגעזעהען אַ סימן פון גוטס...

און נישט איינמאָל האָט די מאַמע, די וויסטע אַלמנה, וואָס האָט זיך מפרנס געווען פון דעם טיט־העלצעל מיט דעם סדור׳ל, מיט וועלכען זי פלעגט אַרומגעהען איבּער די שטיבּען און אָבּלערנען מיט מיידלעך, נעהמענדיג צו האַלבּען גילדען פון אַ קעפּיל און האָט פונדעסט־

ווענן אָנגעקליבען שענע עטליכע הונדערט גילדען און שמאַטקעלע׳ך אַריין צו פערשטאָפּען זיי און אַלע לעבער — אָט די וויסטע זינדיגע מאַמע, נעבעך, פלעגט שוין אויך אויף דער קאַנטאָ אַרומגעהן צו אַלע שכנים און שכנות׳טעם דערצעהלען די גבורות פון איהר יונגעל און ווי דער רבי האַלט זיך מיט איהם נאָהענט...

נאָר די גדולה איז געווען נישט אויף לאַנג. יצחק׳ל האָט אָנ־געהויבען אויסצוזעהן און דער רבי האָט אָנגעהויבען נאָכצוקוקען מיט אַלע ביידע אויגען, פאַר וואָס ביי איהם אין שטוב זאָל אויסזעהן עפּים שלעכטס. און איינמאָל מאַקי ביינאַכט, עס האָט שוין גענומען זיין אַרום צוועלף דער זייגער, דעם רבי׳ס גאַנצע הויז איז שוין געשלאָפען, אויסער פון דער רביצינ׳ס חדר׳ל האָט זיך דורכ׳ן פענסטער אַרויסגע־לייכט אַ ברענענדיג ליכטעל און די שיין איז געפאַלען אין גאָרטען אַריין, ווי אַנ׳אויסגעצויגענער פּאַס, איבער די גראָזען אַראָב. דער גאַנצער גאָרטען איז שוין געווען פערזונקען אין פינסטערניש. אַרום איז געלעגען אויסגעשפרייט אַ שטאָק־טויבע נאַכט — און אין דער נאַכט־שטילקייט האָט זיך פלוצלינג דערהערט אַנ׳אויסגעשריי פון אַנ׳ערשיטערנד קול, וואָס האָט אָבגעקלונגען פון צווישען די בוימער אַרויס איבער׳ן פלויט אַריבער: האַלט זיי, האַלט זיי!... עס האָט זיך דערהערט אַ רוישען און ענטלויפען צווישען די בוימער און באַלד אַנ׳אונטערגע־דריקט קול, ווי פון שרעק און ציטערניש, מיט איין און איינציגען געשריי: אוי!...

מען האָט עמיצען אָנגעכאַפּט און דאָס געשריי „אוי" איז געווען אַ מיידעל׳יש קול.

צוויי יונגע מאַנטשיקלעך דעם רבינ׳ס קרובים, וואָס האָבען שוין אויך געהאַט אַנ׳אויג אויף יצחקל׳ען, נאָר גאָר אַנ׳אַנדערס ווי דער רבי׳שי, אַ מעהר פּראַקטישעס און אַ מעהר גליסטיגעס אויף נאָכצוקוקען אין אַזוינע זאַכען, וואָס אָנבעלאַנגען צווישען יונגלעך מיט מיידלעך, האָבען שוין נישט געקוקט יצחקל׳ען אין די אויגען אַריין, ווי דער רבי, נאָר איינפאַך נאָכגעקוקט איהם זיינע טריט. און אָט איז ער אַריינגעפאַ־לען. מיט אַ שטוב־מענש׳ס אַ מיידעל, איין משמש׳ס אַנ׳איידעמ׳ס אַ טאָכטער פון אַ יאָהר זיבעצעהן, האָט ער געטאָכט בעשטעלונגען אויף אַלע נאַכט צו זעהען זיך מיט איהר דאָ אין גאָרטען, ווייל אין דעם גאָרטען איז איהם געווען בעסער צו דער האַנד צו זעהען זיך מיט

איהר, און איהר דעסגלייכען, נאָר אין דער נאַכט האָט עס שוין גע־פלאַצט, ביידע יונגעמאַנטשיקלעך, וואָס האָבען זיך פערשטעקט צווישען די ביימער צום לאָקערן אויף זיי, האָבען איהר אָנגעהאַפּט, ווען זי איז שוין געהאַט צונעשפרונגען צוט פלויט, און זיי האָבען איהר ביי דעם קליידעל פעסט אָנהאַלטענדיג צוריק געשלעפּט און אומגעוואָרפען, טאַקי דעמאָלט ווען זי האָט גענעבען דעם געשריי: אוי, און יצחק'ל האָט נאָך געקענט איילען איבער'ן פלויט אַריבערצושפּרינגען, איבערלאָזענדיג אויף דער זייט איין לאַטש אין די גראָזען, ווען ער איז צום פלויט געלאָפען.

עס איז זיך צונויפגעלאָפען דאָס גאַנצע הויז, אפילו דעם רבינ'ס אייניקלעך מיט די קאַפּעלעך מיט שפּאַניע האָבען זיך פון שלאָף אויפגע־חאַפּט, יעדערער האָט געקוקט דעם מיידעל אין די אויגען אַריין, וועלכע האָט אויסגעזעהען ווי אַ ווילדע סאַרנע מיט צושראָקענע אויגען, ווען זי קוקט אויף אַלע זייטען אַרומגערינגעלט פון יענערס.

און עס איז געוואָרען אַ געקאָכעריי פון דעם גאַנצען עולם, בעטראַכ־טענדיג זי פון אַלע זייטען, און זי האָט זיך געשעהמט, דאָס פּנים האָט געפלאַמט פאַר בושה, אַז זי, דעם רבינ'ס משמש'ס אייניקעל, אַ שטענ־דיגע איינגעהערין... זאָל אַזוינס טהון? —

און מען האָט זי צום רבי'ן אין שטוב אַריינגעפיהרט, האַלטענדיג זי ביי ביידע אַקסלען, טאַקי פון די יונגעמאַנטשיקלעך'ס שטאַרקע הענד — האָט דער רבי געגעבען אַ שפרונג־אויף מיט אַ קרעכץ:

— הולטייקע, וואָס האָסט דו געטהון?...

נאָר דאָס מיידעל האָט געציטערט און געפלאַטערט פאַר שרעק און נישט געקענט ענטפערן, פאַר די אויגען איז איהר אַ טונקעל־בלאָהע פאָן געשטאַנען, פייערדיגע פינטעלעך ועגען אַרומגעפלויגען, אינגאַנציען האָט זי נישט געהערט און נישט געזעהען, נאָר ווי דורך אַ זיפּ אַדורך, אַלע פּנים'ער האָבען זיך געדרעהט פאַר איהר, אויך אַזעלכע טונקעל־בלאָהע, ווי דער פאָן, נאָר וואָס האָבען זיך אויסגעדריקט מיט אַ בולט'ערע ליבטיגקייט, אָבער זי האָט זיי נישט פערשטאַנען. אַלץ, וואָס האָט זיך געטהון מיט איהר, איז געוועזען ווי דורך אַ כשוף, אַלעס רעדען, אַלעס שרייען איז געווען ווי פון אונטער יענער וועלט אַפּער.

אין דער מיט נאָר האָט זיך איין קול אַריינגעשניטען שאַרף:

— שיקט נאָך דעם פאָטער איהר'ן...

דאָס איז געווען דאָס שאַרפסטע קול, וואָס האָט איהר ווי מיט אַ מעסער אַ שניט געטהון איבער'ן מח. און די רעשט איז זי שוין גע־לעגען אין חלשות.

וואָס עס האָט זיך נאָך מיט איהר געטהון אין יענער נאַכט גע־דענקט זי שוין נישט, נאָר צומאָרגענס אין דערפריה, ווען זי איז נאָך געלעגען אין בעט מיט אַ נאַס טוך דעם קאָפּ צוגעבונדען, אין זי האָט קיים די אויגען אויפגעמאַכט, פיהלענדיג אין זיך אַנ'אָבגעשוואַכטקייט אפילו צו קענען זיך איבערדרעהען — האָט זי שוין ווי דורך אַ לייכטען געוועב, וואָס האָט געדרימעלט אין איהר מידען קאָפּ, געזעהען דעם פאָטער אַרום־געהען אויף און אָב איבער דער שטוב מיט זעהר אַ בלאַס פנים, אַראָבּ־געלאָזטע ברעמען צו דער ערד און טיעף פערקנייטשטען שטערן.

דערנאָך האָט זיך איהר געדאַכט, ווי דער פאָטער איז געבליבען שטעהן פאַר דער מוטערס בעט, וואָס איז געשטאַנען אנטקעגען איבער איהרס, און האָבען ביידע עפּיס געשמועסט, זעהר איינציגע געצעהלטע ווערטער ווענען איהר, אָנגעזאַפּט פול מיט טרויער. אין דער מוטערס קול האָט זיך געהערט דאָס דערשטיקטקייט פון טרערען. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי זעהט אויך איהר בלאַס פנים, און אַ שטאַרק רחמנות, אַ זעלכעס, וואָס קען נאָר קומען אַ מאָל אין מיטען אַ שלאָף, האָט איהר הארץ אָנגעפילט און שרעקליך אומגליקליך האָבען אין איהר אַלע געפיהלען אָנגעהויבען צו וויינען.

אַזוי איז זי אָבגעלעגען אַ גאַנצען טאָג, און ביינאַכט, ווען זי האָט זיך שוין דערפיהלט אַ ביסעל בעסער, זי האָט שוין אויך געהאַט גענומען שטיקלעך פּאָמעראַנץ און זאַפט אין מויל אַריין, וואָס מען האָט איהר דערלאַנגט — האָט זי ווייטער געהערט, ווי דער פאָטער שטע־הענדיג פאַר דער מוטערס בעט זאָגט:

— עס איז נישט דאָ קיין אַנדערע ברירה, מען מוז זי זעהען תתינה צו מאַכען וואָס פריהער.

די מוטער האָט אפילו געשריגען:

— גזלן, וואָס רעדסטו? דאָס קינד זאָל נאָר קודם געזונד ווערען...

נאָר דבורה׳לע איז שוין געווען אַנ׳אומגליקליכע. די גילדענע בשורה, אַז ס׳איז נישט דאָ קיין אַנדערע ברירה, ווי זי תּתונה צו מאַכען — האָט איהר שוין געטראָפען, ווי אַ פער׳סמ׳טע פייל אין הארץ אריין, און זי האָט זיך שוין געדרעהט אויפ׳ן געלעגער אַ גאַנצע נאַכט, וויינענדיג אין קישען אַריין, און געזוכט פּלענער ווי אַזוי פון דערהיים צו ענטלויפען.

דבורה׳לעס איינציגער פּלאַן איבער אַלע פּלענער איז געווען, אַז יצחק׳ל זאָל מיט איהר ענטלויפען, נאָר זי האָט שוין געשפּירט, ווי אומעגליך דאָס איז פאַר יצחק׳לען. וואו וועלען זיי צוויי עלענדע קינדער לויפען אַליין אין דער וועלט אַריין? יצחק׳לען היט מען שוין אויף יעדען שריט און טריט, דאָס גאַנצע שטעדטעל קוקט איהם שוין נאָך, און מען טייט אויף איהם מיט די פינגער, און ער זיצט אַוודאי פערבאָרגען ביי זיך אין שטיבעל, און קוקט די ליכטיגע שיין נישט אָן.

און זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט.

זי האָט געוואָלט האָפען, אַז אפשר האָט מען זיך וועגען איהם נישט דערוואוסט, וויל ער איז דאָך אַריבערגעשפּרונגען איבער׳ן פּלויט, נאָך איידער זיי זענען צוגעקומען, נאָר ערשטענס האָט זי געוואוסט, אַז די צוויי יונגעמאַנטשיקעס האָבען שוין לאַנג געלאָקערט אויף זיי, און זיי האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, וועה עס האָט דאָ צו זיין — און צווייטענס, אַז יצחק׳ל האָט איבערגעלאָזט אין לאַטש צווישען דעם גראָז, וועלכען מען האָט צוזאַמענגעקליבען אין דער פריה געפונען און אַריינגעטראָגען איהם צום רבי׳ן: הכר נאָ...

און דער רבי, זאָל לעבען, האָט אַ גוטע ראיה... ער האָט איהם באַלד דערקענט. ער האָט צו מאָל נישט געדאַרפען האָבען קיין ברילען צו איהם, נאָר איבערגעדרעהט איהם אַ פּאָר מאָל אין דער האַנד, אַהין און אַהער, אפילו זיך אַ ביסעלע שטאַרק געחידושט, אַרומקוקענדיג איהם פריהער גוט מיט זיינע ליכטיגע אויגען — נאָר פּלוצלינג איז ער געגעבען אַ שפּרונג אויף בחרדה גדולה, און מיט אַ קול, וואָס האָט געוואָרפען אַ שרעקליכע אימה, האָט ער געגעבען אַ געשריי־אויס:

— זאָל מען איהם ברענגען אַהער דעם יונגאַטש אין אין לאַטש און אין אין באָרפיס... — אַז די שטוהל האָט אַזש געציטערט.

— ס׳טייטש, געוואַלד, רבי, איהר פיהרט דאָך מיך איבער—האָט דער שמש, דער זיידע דבורה׳לעס, נעגעבען אַ פּראַל אַריין אין דער טהיר און געקומען אַריינצולויפען נישט טויט, און נישט לעבעדיג — איהר וועט שיקען נאָך דעם יונגאַטש, און די גאַנצע שטאָדט וועט זיך דער־וויסען, אַז מען האָט איהם געחאַפּט מיט מיין אייניקעל. וואו וועט זי שוין דערנאָך קריגען אַ שידוך? געוואַלד, רבי, עס וועט דאָך איהר אויס־קומען צו פערזיצען...

— אוי, אוי... — האָט דער רבי שוין אָנגעהויבען צו קרעכצען — ס׳איז שווער, רבונו של עולם, צו פערשעהמען אַ בת ישראלית... טאָ זאָל מען חאַטש געבען אַ קוק אויף דעם יונגאַטש, צי האָט ער טאַקי נאָר איין לאַטש...

און דאָס האָט מען באַלד געטהון.

דערווייל איז דער רבי אַרומגעלאָפען איבער דער שטוב און גע־פּאַטשט זיך אין די הענד אַריין, שטאַרק צוטראָגען, אַז אַזאַ נבלה זאָל געשעהען ביי איהם אין שטוב.

— געוואַלד — האָט ער געשריגען — וואו זענען מיינע אויגען געווען... צי האָב איך דען נישט געזעהען אָן דעם פערגראָבטקייט פון זיין פּנים, אַז די קליפּה האָט זיך אויף איהם אַרויפגעצויגען, און פאַר וואָס האָב איך דאָס געשוויגען און געלאָזט אין דער לאַנגער באַנק אַריין, ביז עס איז געקומען צו אַ נסיון?...

— און איהר ווייסט — האָט ער ענדליך אויסגעשריגען — צו וואָס דאָס קען נאָך קומען!

און באַלד דעם ערשטען שבת נאָך דעם, ווען די מוטער האָט יצחק׳לען נישט אָבגעלאָזט, נאָר ער זאָל נישט אויפהערען אַריינצוקומען צום רבי׳ן, אַז אַדרבה, ער זאָל אַליין אַריינגעהען, און דער רבי איז אַ מאריך אַף און ער וועט איהם אַוודאי שענקען, נאָר ער זאָל זיך אומקעה־רען צוריק צום רעכטפאַרטיגען וועג, — ווען יצחק׳לען איז געוועזען פער־שלאָגען דער קאָפּ פון דער מאַמעס וויינען און געשרייען, און ווען דאָס האַרץ האָט איהם אַליין אויך נישט געלאָזט רוהען, וואָס איבער דעם אָברייסען זיך פון רבין׳ס הויז פערלירט ער שוין דבורה׳לען אויף אייביג, אַזאַ טייער ליכטיג דבורה׳לע, וואָס האָט זיך געקישט מיט איהם אין שמחת־תורה, אין רבין׳ס גאָרטען, פאַר פרייד, וואָס אין שטוב האָט

מען געמאַכט הקפות, און דאָרט איסגערופען אַלע מייערע אָבות — איז דערפאַר, וואָס ער האָט דאָס נישט געקענט בײַ זיך פּועל'ן אין דעם ערשטען שבת איז ער צוריק אַרייַנגעקומען צום רבי'ן, האָט דער רבי אין דעם אײַנגעזעהען אַ גוטען סימן פון אַ הרהור תשובה, און איהם אָנ־געהויבען מקרב צו זײַן. האָט ער איהם בײַ דעם טיש זיצענדיג צווישען עולם דערלאַנגט איבער אַלעמענס קעפּ דאָס ערשטע שטיקעל חלה פון זײַן המוציא און געזאָגט:

— יצחק'ל עס...

דער עולם אויך האָט אין דעם אײַנגעזעהען אַ חידוש, און געטראַכט, אַז מן הסתם איז עס נישט קיין פּראָסטע זאַך, און, אַז דאָ האָט ער נישט צו טהון מיט יצחק'לען, נאָר מיט דעם גאַנצען שער הטומאה, און ער מוז איהם נאָך צוריק דערנעהנטערען צו זיך און נישט דערלאָזען דעם שטן המשחית די געלעגענהייט צו פאַנגען אַ יודישע נשמה, כדי דורך דעם זאָל זיך דער כח הקליפה נאָך מעהר קענען שטאַרקען איבער דעם כח הקדושה. האָבען אַלע די קעפּ אַראָבגעלאָזט, און נאָר געקוקט צייטענווייז פון אונטער די ברעהמען אַפּער אויף יצחק'לען מיט אַזאַ ביטערליך רחמנות'דיגקייט אין די פּנים'ער, אַז אײן נאָט זאָל זיך דער־באַרמען, אַזוי ווי דעם גאַנצען יודישקייט וואָלט חלילה פאָרגעשטאַנען די גרעסטע סכנה, און מיט שטילע פרומע בליקען האָבען זיי געבעטען דעם קלײנעם מיטגעפיהלט, דאָס וואָס ער שטעהט געבעטען אין אַ עת צרה און געהאָפט, אַז ער וועט פאָרט איסגעלייזט ווערען פון בעל דבר'ס הענד.

— יצחק'ל עס... — האָט דער רבי געזאָגט, דערלאַנגענדיג איהם שוין נאָכאַמאָל אַ שטיקעל פיש.

דער עולם האָט ממש געפיהלט, ווי עס פאַלט זיי אַראָב אַ לאַסט פון די הערצער, נאָר יצחק'לען האָט שוין געטריפט דאָס בלוט פונ'ם האַרץ פון יעדערן מאָל — עס!...

און שטעהענדיג אַזוי האָט ער אַליין נישט געפיהלט, ווי די טרערען קייקלען זיך אידם איבער די באַקען אַראָב, ווי די אַרבעס גרויס, און ער האָט נאָר די אויגען אין דער ערד אַרײַנגעזעצט פאַר גרויס בושה געגען די צעהנדליגער אויגען, וואָס האָבען אויף איהם פון אַלע זייטען געקוקט מיט אַזאַ גרויס רחמנות.

— יצחק'ל עס!... — האָט דער רבי קיגעל דערלאַנגט איהם, און יצחק'ל האָט גענעבען אַ בוך אַרויס מיט אַ קוואַל טרערען.

— מילא, נישט קשה — האָט דער רבי געזאָגט — זאָל ער זיך אַביסעל איבערוויינען... אַיי טרערען, טרערען—האָט דער רבי אָנגעהויבען צו דרש'נען — איז אַ גרויסע זאַך... און אַזויערנאָך, אָט אויף דעם פּאָדעם האָט ער זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען אין די טיעפסטע אָבּגרונדען פון פלפול...

ווען יצחק'ל האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אַהיים, נאָך דעם שטיקעל אָפּעראַציע, וואָס דער רבי האָט איהם געמאַכט, איז ער שוין אָבגעלעגען דריי טעג צום בעט, בלייך ווי אַ טוך, און פערשטומט אויף גאַנצע לאַנגע וואָכען, נישט אויסרערענדיג צו קיינעם קיין וואָרט, און אַ שווערער וואָלקען איז איהם געלעגען שטענדיג אין די אויגען. איהם איז אויך נישט אַרויס פון געדאַנק דבורה'לעס בלייך פּנים, און ער האָט זי געזעהען פאַר זיך טאָג מיט נאַכט, סיי אין וואַך, סיי אין חלום, און איהרע פערוויינטע אויגען האָבען איהם מיט אַזוי פיעל פאָרוואורף געקוקט דערפאַר, ווייל זי ווייסט נישט, וואָס וועט אַצונד צווישען זיי ביידע זיין...

נאָר לאַנג קלערען האָט ער נישט געדאָרפען וועגען דעם, ווייל דער רבי האָט שוין אַליין אויך געקלערט וועגען דעם, וואָס צווישען זיי ביידע וועט זיין... און דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטהון דערפאַר איז געוועזען, וואָס ער האָט געשיקט אַ שרכן צו איהר פאָטער, אָדער ער האָט איהם גאָר אַליין אַריינגערופען צו זיך און איהם פאָרגעלעגט אַ שדוך מיט איינעם, טאַקי זיינס אַ חסיד פון אַ נאָהענט שטעטעל, אַנ'אַלמן פון פערציג יאָהר מיט פינף קליינע קינדער, נאַקעטע יתומים'לעך צום וואַשען און צוואָגען. און עס האָט נישט געהאָלפען דבורה'לעס געוויין טאָג מיט נאַכט אין קישען אַריין, ליגענדיג מיט'ן פּנים אַראָב. מען האָט זי חתונה געמאַכט און אַרויסגעשיקט פון שטעדטיל, אַזוי ווי איינער זאָגט: ווילסט נישט זיין קיין לייט — געה ווער אַ בעקער, האָב דיר אַ שוואַרץ יאָהר!...

מען האָט זי אַרויסגעשיקט צווישען יאָ און ניין, און יצחק'ל איז געבליבען שוין אַ דערופּענער אויפ'ן גאַנצען לעבען. זיין גאַנץ אַרומדרעהען זיך אויף דער וועלט איז געווען ווי פון איינעם, וואָס מען וואָלט איהם שוין געהאַט אַ מאָל אָבגעהויבען אויף דער ערד, נאָר עפּעס דורך אַ נס פון הימעל איז ער צוריק דעריסען געוואָרען, און ער איז אויפגע-

שטאַנען נאָכאַמאָל צו לעבען אויף דער וועלט. ער האָט שוין געזעהען, וואָס מען האָט פון איהם צוגענומען מיט געוואַלד, און נישט וויסענדיג נאָך דעמאָלט אַליין קלאָר, ווער ס'איז גערעכט, צי דער רבי, וואָס האָט געוואָלט מלחמה האַלטען מיט דער קליפה, צי ער, וואָס דאָס האַרץ האָט איהם נישט געלאָזט רוהען נאָך דבורה'לען, האָט ער אָבער דאָך איינס געפיהלט, אַז די נאַנצע וועלט איז איהם שוין איבערגעקעהרט געוואָרען און מען מעג שוין מיט איהם טהון וואָס מען וויל, ווי מען האָט געטהון מיט דבורה'לען, און אַז ער האָט זיך שוין נישט איבער וואָס נישט צו לאָזען.

און עס איז געקומען איינמאָל אַ בעגינען, ווען פאַר זיין מוטערס מיהר איז געשטאַנען געשפּאַנט אַ פערד און וואָגען, און מען האָט איהם געהייסען נלאַט פון דער העלער הויט אויפּזיצען און אַוועקפאָהרען — אויף התונה האָבען...

אין יענעם בעגינען, זענענדיג אין די אַלע פריהערדיגע טעג ביז אַהער פערשטעקט מיט דער נשמה אין דער טיפקייט פון זיינע צרות און אין דער איינזאַמקייט פון זיין אָבגעריסען וועלטעל, צייט מען האָט איהם דבורה'לען אַוועקגענומען — האָט ער זיך ערשט אין יענעם בעגינען פערגינען צו געבען אַ קוק אַרויס אויף דער אויסערליכע וועלט. און מיט וואָס פאַר אַ פערשטיינערטקייט האָט ער דאָס צוגעקוקט, ווי זיין מוטער, אָנגעטהון אין דער שבת'דיגער הייב און אין די שבת'דיגע קילטשים, זילבערנע לאַנגע אוירינגלעך מיט רימענטלעך, וואָס עמיצער האָט זיי ביי איהר פערזעצט פאַר עטליכע רובל, ווי זי פּאָרעט זיך מיט די קיישלעך און פעקלעך אויף דער פוהר אַרויף, גלייך אַ גדולה האָט זי געטראָפען, איהר זוהן פאָרט חתונה האָבען... און נאָך שרעקליכער, וואָס זי האָט דערזעהען — אפילו יענע צוויי יוננע־באַנטשיקלעך, דעם רבי'ס קרובים, שטעהען אויך דאָ ביי דער פוהר אין די שבת'דיגע קאַפּאָטעס און אין די הויכע סאַמעטענע היטלען און מיט רויטע פּאַ־משיילעס הינטען פון די קאַפּאָטעקעשענעס אַרויס אויך מיטצופאָהרען אויף דער חתונה, גלייך זיי וואָלטען איהם גאָר קיין שלעכטס נישט געטהון אויף זייער לעבען. דאָס, האָט ער פערשטאַנען, האָט דער רבי זיי איהם מיטגעשיקט פאַר כבוד, און ווייל ער איז אַנ'עלענדער יתום, אַז ער זאָל נישט פאָהרען אַליין.

יצחק'ל האָט זיך גאָר נישט וויסענדיג געמאַכט, גאָר אַיינגעזעסען

צווישען די צוויי יונגעמאַנטשיקלעך אין דער מיט אין וואָגאָן אַריין. הינטען הינטער זיי איז געזעסען די מוטער אויף די אָנגעלאָדענע קעסט־לעך און קיישלעך, וואָס זי האָט אָנגעלעגט ביז אַרויף. פאַר זיי איז געזעסען נאָך איינער עפּעס אַ יוד מיט אַ געלער באָרד, מוז זיין אַ שרכן, אָדער אַ חזן, ווער ווייסט איהם — און גאָר פון פאָרענט דער בעל־העגלה.

די פוהר האָט געריהרט פון שטאָדט אַרויס. אין די גאַסען זענען נאָך געווען די לאָדענס פערמאַכט, דער הימעל אין מזרח האָט זיך גע־רייטעלט, די ערד איז געוועזען פייכט און פוכקע פון דער טוי, וואָס איז אויף איהר געלעגען — די שטראַהלען פון דער זון האָבען זיך שוין גערייטעלט אויף די שפּיצען ביימער, די פלויטען פון די גערטנער הינטען האָבען נאָך געגלעכטיגט אין דעם קיהלען שאָטען פון פאַרטאָג, עס האָט זיך נאָך די איבערגעלאָזטע שטילקייט פון דער נאַכט געשפּירט אין דער לופט, און די פוהר איז פון שטאָדט אַרויסגעפאָהרען.

שפּעטער אַ ביסעל, אויפ'ן וועג, איז עס געווען אַ שעהנער רויטליבער פריה־מאָרגען. די זון איז שוין לאַנג אויפגעגאַנגען און בע־לויכטען די וועלט מיט טויזענדער בלישצענדע טראָפּען טוי, וואָס האָבען פון די ביימער אַראָבגעהאַנגען, די פייגעל האָבען שוין לאַנג געזונגען, און זייערע טויזענדער שטימען האָבען זיך צוגאָסען אין דער מאָרגענ־דיגער פרישער לופט. נאָר איין יצחק'ל איז געזעסען בלייך און בע־טריבט, פאָהרענדיג פאַרביי פעלדער און וועלדער.

פון דעמאָלט אָן איז אַ קליין שטיקעל צייט פערביייגעגאַנגען. יצחק'ל האָט געלעבט מיט זיין ווייבעל צוריק אין זיין שטאָדט, נאָר ווער צו די מענשען, וואָס האָבען געליבט, און נישט דערגרייכענדיג האָט מען זיי אפילו נישט געלאָזט אויסשטעהען אין זייערע צרות, און וועלכע די איינציגע רפואה איז זיך צו באָדען אין זיי אַזוי לאַנג ביז דאָס האַרץ ווערט שטילערהייט אויסגעליטערט און שטיל אויסגעפייניגט, אויב מען האָט די צרות כח אַריבערצוטראָגען, און אויב נישט איז האָטש גלייכער צו פאַלען אונטער זייער לאַסט מיט אַנ'אויסגעהויכטער נשמה — איידער צו בלייבען אַ נישט־דערשטאָבענער אויפ'ן גאַנצען לעבען. יצחק'לען אָבער האָט מען דאָס נישט געלאָזט, מען האָט איהם אין דער מיט בעשעפטיגט מיט אַ לעבען־פיהרען, און שוין נאָך דער חתונה, ווען זיין בליק האָט נאָך געהאַנגען איבער זיין געליבטער, ווי אַ טרויריג אויג אין

הימעל איבער די ליכטיגע פעלדער זאַנגען, ווען אויסער דער געליבטער האָט ער נאָך אַ ברייטע אַרומיגקייט מיט טויזענדער בלומען און גרינע טהאָלען געזעהען, אין וועלכע איהר שטילע באָרפיסע טריט האָבען זיך אין טוי געבאָרען, קומענדיג צו איהם, לויט ווי איהם האָט זיך געדאָכטען, מיט אַ שטילען פאַרטאָגעריגען פעלד=ריח, אין די לאַנגע האָר און שטילען שורכען איבער די גראָזען, וואָס דאָס ווינטעל האָט שוין צו איהם פון דערווייטענס צוגעטראָגען אויף דעם בערגעל, וואו ער איז געזעסען הינטער'ן וואַלד און געוואַרט אויף איהר — איז פון דעם אַלעם האָט מען איהם אין אַ טרויריגער נאַכט נעגעבען אַ שטיל ווייבעריש פנים'ל מיט אַ ווייס קאָפּקעלע אויף דעם אָבגעגאָלטען קאָפּ, און נישט ערגעץ אַנדערש, ווי אין אַ שטיל טונקעל חדר'ל מיט פיער ליידיגע ווענד ביי אַ קוים בלישצענדיג לעמפּעל, וואָס איז דאָרט אויף דעם טישעל געשטאַנען. און נאָך ערגער, מען האָט איהם נאָך נישט געשווינגען אין פרנסה געמאָהנט, נו ווי קען יצחק'ל ערשט ווערען אַ פרנסה=געבער און זיך אַיינשליסען אין דעם, וואָס ער בעשטעהט נישט דערויף און וואָס עס האָט נישט ביי איהם דעם ווערטה, ווי ביי אַנדערע מענשען? אַלע מענשען לעבען דאָך נאָר כדי זיי זאָלען האָבען וואָס צו עסען, — האָט זיך יצחק'לען געדראַכטען, און נישט ביטערער איז דעם אָדלער, וואָס האָט פריהער מיט זיין האַרץ געשפּאָלטען די העכסטע שפּיצען פעלזען אונטער'ן הימעל, און מען הייסט איהם דערנאָך מגולגל ווערען אין אַ האָהן אַריין, צו שטעהען איבער אַ בערגעלע מיסט, צו שאַרען מיט די פיסלעך אונטער זיך, צו געבען אַלע מאָל מיט זיי אַ דראַב און אַ רייב אין דער ערד, כדי פון דאָרט אַרויסצוקריגען אַ ווערמעל.

נאָר יצחק'לס מוטער האָט אַזאַ צושטאַנד פון שטאַרבען פאַר הונגער נישט געקענט דערליידען און זי האָט אָנגעהויבען אונטערצוהעלפען דער שטוב.

פלעגט זי אין דער פריה אויפשטעהענדיג און געהענדיג צו איהם געוואָהר ווערען, וואָס ער מאַכט — קלויבען שפּענדעלעך איבער'ן מאַרק אין אַ גאַנצען וועג, דאָ אַ שפּענדעלע אין דאָרט אַ שפּענדעלע: אוי מיין יצחק'שי, מיין יצחק'שי... און דאָס אַלץ האָט זי צונויפגעלעגט אין פאַרטוך אַריין און אַנידערגעלעגט עס ביי איהם אויפ'ן קוימען.

דערנאָך האָט זי גענומען דאָס פּאַטשיילעכעל איבער'ן קאָפּ,

אַוועקגעגאַנגען זיך אויף דער הינטער' דער שטאָדט־לאַנקע, זיך דאָרט אַרומגעדרעהט מיט דעם טיכעלע אויפ'ן קאָפּ, און דער פריה־מאָרגענ־דיגער זונען־שיין צווישען די מיליאָנען בלישצענדיגע טראָפּען טוי אויף די גרעזער — מיט אַ פערווירטען קאָפּ און פערגאָסענעם בלאַשק פאַר די אויגען, און האָט זיך דאָרט געקליבען איינציגע טשאַוועלעך אין גאַר־שטשיקעל אַריין, און אַרויסקומענדיג פון דאָרט שוין אַרום זייגער צוועלף, אַריבערהייבענדיג די נאַסע שיך איבער'ן פלויט, וואָס האָבען זיך אין גראָזען איינגענעצט און אַצונד אַזוי שעהן געגלאַנצט קעגען דער זון, האָט זי דאָס אַ היים געטראָגען און איז זיך ווייטער אַוועקגעגאַנגען מיט אַ טעפּעלע נאָך מילך פאַר אַ גראָשען אין מאַרק אַריין, און דערפון אונ־טערגעשלאָגען אַ באָרשטש, אָנגעלייגט אַ פּייער'ל פון די שפּענדעלעך און אָבגעקאָכט: נאַ דיר, יצחק'ל, עס, און וויים, אַז דו האָסט אַ גוטע מאַמע — —

אַזוי האָט זוך יצחק'ל געשפּייזט מיט זיין ווייב.

נאָר אַזוי ווי יצחק'לען איז דאָס נישט ניחה געווען, אַזוי, און אפשר נאָך גיכער, איז דאָס זיין מאַמען פערמאוסט געוואָרען.

זי שטעהט איבער'ן שעפּעל, שייהלט אַ הערינגעל פאַר אַ דרייער אַראָבציהענדיג די הויט מיט אַ מעסערעל און וואַרפענדיג זי אין שעפּעל אַריין און קרעכצט ביטערליך:

— אוי אַ מאַמען, אַ מאַמען איז גוט צו האָבען ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר... וואָס אַרט דאָס דעם יונגען מאַן גאָר?...

און דערביי פלעגט זי וואַרפען אַזאַ פינסטערען בליק אויפ'ן יונגען מאַן, אַז דאָס האַרץ האָט זיך געקענט אָבשטעלען אין מיט'ן גאַנג.

נאָר דער יונגער־מאַן האָט זי נישט געהערט, מעלאַנכאָליש, בלאַס און אין וואָלקען אַיינגעהילט פלעגט ער זיך אַרומדרעהען איבער דער שטוב אויף און אָב.

איין גאָטס רחמנות איז נאָר געווען אויף דעם יונגען ווייבעל, וואָס האָט נישט געוואוסט, פאַר וואָס זי ליידט און פאַר וואָס איהרע טרערען גיסען זיך אַזוי אין דער שטיל איבער איהרע

באַקען אַראָב, און זי שלינגט זיי מיט אַ פערשלאָסענעם האַלז פון דריקונג און זיי קייקלען זיך נאָר און קייקלען ווי די אַרבעס גרויס.

און זי בעמערקט שוין, ווי ביסלעכווייז קוקט שוין די שווינער קרוב איין אַלע שטוב־זאַכען, לענט אָן דאָס פייער׳ל אייפ׳ן קוימען אַלע אין דער פריה מיט אַ ברוגז׳ל אין פּנים, און אין איהרע אויגען בלישצעט שוין עפּעס שטילס און בעהאַלטענס, שטעהענדיג אַ פערביסענע ענטקעגען דעם פייער׳ל. זי קוקט טיילמאָל אויך נאָך דעם זוהן מיט אַ שטילשווייגענדיג נאָכשאָקלען מיט׳ן קאָפּ הינטער זיינע פּלייצעס, און דעמאָלט בלישצעט אויך דאָס אייגענע שטילע פייער׳ל, פאַר וועלכען די שנור וואָלט אַזוי גערן ענטלאָפען אין יענעם עק אַריין.

און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז — דערנעהענטערט זי זיך איינמאָל צום זוהן:

— יצחק׳ל, וואָס וועט זיין דיין תּכלית? — פרעגט זי איהם מיט אַנ׳אָבגעלעגען קול — וואַ?...

— וואָס ווילסט דו, מאַמעשי, האָסט מיך געהייסען חתונה האָבען, האָב איך חתונה געהאַט — ענטפערט ער מיט אַ שטאַרקע מעלאַנכאָליע אין פּנים, און דאָס ווייבעל ברעכט אויס אין אַ געוויין.

און שטוב איז געוואָרען אַ יום־כּפּור, עס האָט זיך געהערט אַ בּיטערע יללה פון ווייבעלס צוהעשיטען האַרץ אַרויס, נאָר יצחק׳ל איז שוין געשטאַנען צוריק מיט׳ן פּנים אין דער שויב, צוגעלייגט דעם הייסען שטערען צום קעלטליכען גלאָז און זיך נאָר נישט ווייסענדיג געמאַכט.

די זינדיגע מאַמע, די ווייסטע אַלמנה, האָט געקוקט אויף איהם פון הינטער די פּלייצעס מיט צוויי גרויסע אויסגעשטעלטע טרויער־אויגען, ווי אויף אַ לעבעדיגען בר־מינן, און האָט אָבזיפצענדיג גענומען דאָס טיכעלע אייפ׳ן קאָפּ און זיך אַרויסגערוקט פון שטוב צו זיך אַהיים.

דאָרט האָט זי ליגען קניפּלעך, וואָס איין גאָט ווייסט, אַז דאָס איז איהר אייגען בלוט פון האַרץ — צייט איהר מאַן איז געשטאָרבען און דאָס רוישיגע לעבען האָט זיך איהר געענדיגט. דער מאַן איז שוין מעהר נישט אַהיים געקומען מיט אַ רוישיגען קלינג פון אויסשיטען די

קעשענע געלד אויפ'ן טיש נאָך דעם אָבלייזען פאַר דער קויקע פיש — האָט זי זיך אין איהרע פיר אײלען שטיבעל מיט'ן קלײנעם פענסטערל מיט די גרינע שייבלעך, וואָס לאָזען קיין שטראַהל פון דער זוהן נישט אַדורך און ס'איז טונקעל אין שענעם העלען טאָג, ווי אין אַ גריבעל, ווייל דאָס שטיבעל האָט טאַקי אַנ'ערדערנע פאָדלאָגע אויך — האָט זי זיך דאָרט אײנגעטוליעט מיט איהרע אַלע געדאַנקען אין אײנס אַריין, אַז זאָל זי חאָטש האָבען אַ פּאָר שמאַטקעלעך מיט געלד, אַז זי זאָל חאָטש אין דעם אַ טרייסט געפינען אויף איהר אַלטען האַרץ. זאָלען אַנדערע ווייבער האָבען מאַנען און זי אַ שמאַטקעלע געלד. זאָל זיך יענע דאַכטען, אַז זיי לעבען אויף דער וועלט, און זי גאָר נישט. נאָר אַז עס קומט בײנאַכט, ווען יענע שלאָפען שוין אַלע אין די בעטען, און איהר לעדענ-דיל דאָס קלײנטשיקע איז שוין אויך פערמאַכט, און אין דרויסען הערט זיך שוין קיין שורך נישט פון קיין לעבעדיג בעשעפעניש, און דאָס שטיבעל מיט די פיער ווענדלעך, דאַכט זיך, איז אין שטילקייט פערזונקען— ערשט דעמאָלט האָט זי זיי אַלע אין דער ערד, און עס הויבט זיך אָן איהר וועלט. און איין גאָט ווייסט, אַז שטענדיג ווען עס קומט די האַלבע נאַכט, זיצט זי ביי אַ האַלב-גראָשענדיג ליכטעלע און צעהלט שטיל און קלינגט שטיל, און איהר אויער פערנעמט דעמאָלט אַזוינע זיסע קלאַנגען פון דעם געלד'טוניו... פון דעם געלד'טוניו... אַז קיין בעסערע שירה דאַרף מען שוין אין הימעל פון די מלאָכים נישט הערען, ווי זי הערט דאָ אויף דער ערד. און נישט אײנמאָל טראַכט זי, שוין ליגענדיג אויפ'ן געלעגער, נאָך דעם ווי זי האָט שוין דאָס ליכטעלע פערלאָשען, און נישט געלאָזט עס ברענען קיין איבריגע רגע נאָך די שמאַטקעלעך צוריק איינפּאַקען, אַז ווען מען זאָל זי פרעגען אויף יענער וועלט, וואָס פאַר אַ גן-עדן ווילסט דו? וואָלט זי געזאָגט: זיצען און צעהלען געלד. מעהר נישט ווי די צוויי ווערטער. דערביי פאַלט איהר איין: אויב ס'איז אמת, ווי מען זאָגט, אַז אין גן-עדן איז פאַרהאַנען געפלאַסטערטע ווענד, טאָ וואוהין וועט זי איהרע שמאַטקעלעך קענען פערשטעקען? און זי קלערט זיך באַלד איבער, אַז זי וועט זיך אויסבעטען אויך מען זאָל איהר געבען צוריק דאָס שטיבעל פון דער וועלט: וואָס טויג מיר געפלאַסטערטע ווענד... — וועט זי מכלומר'שט זאָגען אין אַ געלעכטערל — געפלאַסטערטע ווענד זענען פאַר די ווייבער, וואָס האָבען מאַנען...

נאָר פונדעסטוועגען זעהט וואָס אַ מאַמע איז, נאָך אין יענעם טאָג, ווען דער זוהן איז געשטאַנען מיט'ן פנים אין דער שויב אַריין און די

שנור האָט אַזוי ביטערליך געוויינט, האָט עס איהר האַרץ געריהרט, און צום „זיהנעשי״ איז זי געקומען צוקריכען באַלד צומאָרגענס.

— זיהנעשי, וואָס וויל איך דען פון דיר? איך וויל דאָך נאָר דו זאָלסט נישט אויסגעהען פאַר הונגער.

נאָר דער זוהן האָט זיך נישט אומגעדרעהט צו איהר.

— נו וואָס זשע פאַר אַנ׳עצה זאָגט איהר, שוויגערשי? — האָט זיך די שנור ביי איהר געבעטען.

— איך וויל אייך אויסלייהען עטליכע קערבלעך — האָט די שוויגער געזאָגט.

— עטליכע קערבלעך?

— יאָ... נאָר נישט חלילה אייף אויפצועסען, איך וויל איהר זאָלט זיך מאַכען אַ שטיקעלע האַנדעל.

— און וואָס־זשע פאַר אַ האַנדעל פאַר עטליכע קערבלעך?

— וואָס נאָט וועט געבען, אַ „טשיינע״ מאַכען, אַ קעסעל אייף טהיי איינמייערען, און אַז גאָט וויל קען ער דאָ אַהער אויך שיקען הצלחה.

— נו זאָל שוין זיין, שוויגערשי, וואָס איהר ווילט — האָט די שנור מיט טרערען אין די אויגען געבעטען.

— און זאָג זשע נאָר, דו האָסט דאָך, דאַכט זיך, מיר עפּעס אַ קייטעל?... דו ווייסט דאָך, אַז קיין אייגען געלד האָב איך נישט, פון וואַנען, נאַריש קינד — זאָלען מיר אַזוי ביידע נישט וויסען פון קיין צער, ווי ביי מיר אין שטוב געפינט זיך נישט אַ גראָשען. און אַז געהען ווייטער לייהען צו אַ פרעמדען מוז מען דאָך געבען עפּעס אַ משכון?...

די שנור האָט אַרויסגענומען איהר אַרבעס־קייטעל, וואָס מען האָט איהר געקויפט צו דער חתונה און וואָס איז ווערט געווען אפשר אַ פינפפונצוואַנציגער, און די אַלטע שוויגער האָט עס צוגענומען צוזאָגענ־ דיג צו שאַפען עפּעס געלד.

— קיין סך — האָט זי געזאָגט — וועט זי נישט קענען. נאָר עט־ ליכע רובל וועט זי מן הסתמה שאַפען...

— מילא... האָט די שנור געווישט די טרערען פון די אויגען מיט אַ שפּיץ פאַרטוך, קוקענדיג אויף איהר לעצט צירונג, וואָס געהט שוין פון שטוב אַרויס. — זאָל זיין עטליכע רובל, וויפיעל מען וועט דאַרפען אויפ'ן קעסעל און אויף איינצומויערען.

באַלד האָט די שוויגער צוגעשיקט אַ פוהרעל לייהם מיט ציגעל צו דער שטוב, מען האָט אַ קעסעל אויך געשאַפט און אַיינגעמויערט, און אין שטוב, האָט זיך געדראַכטען, האָט אַ ביסעל נאָכגעלאָזט די דריקונג...

אַלע בעגינען פלעגט שוין דער וואַסער-פיהרער צופיהרען אַהער צוויי פעסלעך וואַסער, אָנצוגיסען דאָ אַהער אין ליידיגע פעסער. מען האָט שוין געזעהען ווייבער אַרויסטראָגען בעהאַלטענע טשייניקעס טהיי אונטער די פאַרטיכער, אַז עס זאָל נישט קאַלט ווערען איבער'ן וועג, און אַלע אין דער פריה פלעגט שוין די מוטער קומען אַ קוק טהון, וואָס די צוויי קינדער מאַכען, זעהען ווי אָנגעלעגט עס איז ביי זיי, דאָס וואָס זי האָט זיי ממש דאָס לעבען גערַאַטעוועט.

און דאָ פלעגט זי שטעהען, שוין נישט ווי פריהער, אַלס מאַמע וואָס קומט צוגאַסט, אָדער נאָר צו צוהעלפען מיט עפּעס אַ וואָס עס איז, נאָר ווי אַ מאַמע אַ קאַפּיטאַליסטקע, וואָס האָט דאָ אַהער איהר קאַפּיטאַל אַריינגעלעגט, און וויל האָפען אַ גרויס נחת דערפון צו דער-לעבען. דערביי האָט זי דער שנור, וואָס האָט זיך געריהרט אַרום קעסעל, פעריסט, פערשאַרצט די הענד און פערהאָרעוועט, אַז דער שוויס האָט גערונען — געגעבען פערשיעדענע עצות פון וועגען דעם, ווי אַזוי עס וואָלט געווען בעסער צום ברענען און דער קעסעל זאָל האַלטען לאַנג היץ, אַז ער זאָל נישט דאַרפען אַזוי פיעל הייץ-מאַטעריאַל איינ-צושלינגען; אפשר אַ שטיקעלע טאָרף, אפשר אַ שטיקעלע דאָס, און אפשר אַ שטיקעלע יענץ, אַבי מען זאָל זיך קענען עפּעס איינברענגען, און דערביי האָט זי אויך נישט פערגעסען נאָכצוקוקען די אַלע קונים מיט די אַלע גראָשענס וואַסער אין די טשייניקעס אַריין, וואָס האָבען זיך איבער דער צייט, וואָס זי שטעהט דאָ, אַדורכגעוואָרפען, און חאַפּען שלעגיש דעם רעכנונג, וויפיעל דאָס מאַכט אויס אַלץ צוזאַמען, און גע-קומען צו דעם בעשלוס, אַז ווען די שנור זאָל נישט זיין אַצינד קיין פראַסערין (אויסברענגערין אויף לוקסוס-זאַכען) אָט אַצינד ווען עס הייבט זיך אָן צו שלעפען דער גראָשען לייזעכץ, וואָלט זי געקענט ווערען אַ

שטיקעלע לײט. אין נאָך דעם אַלעם נישט פערגעסען זי אויך צודער־
מאַנען װעגען איהר היב, אויף װעלבען די שנור האָט געענטפערט מיט
אַ טרויעריגען שאָקעל מיט׳ן קאָפּ: מילא גאָט װעט העלפען...

— האַ — האָט די שװיגער געזאָגט — אָבער װאָס פאַר אַנ־
ענטפער איז דאָס?

— אַז װאָס, אַז גאָט װעט העלפען?

— יאָ...

— נו מילא איך זאָג דאָך אײך שװיגער, אַז גאָט װעט העלפען...

— אָבער, מײן קינד, אין קײן לעערע כּלי קומט דאָך די בּרכה
נישט אַרײן און גאָט העלפט דאָך נאָר, אויב מען האָט עס אויך אין
זינען. אויב מען טהוט עפּעס דערפאַר.

— אַודאי האָב איך עס אין זינען, אַודאי טהו איך עפּעס
דערפאַר.

— אַזוי, איז שוין גוט... האָט די שװיגער געזאָגט — זעה־זשע,
מײן קינד, דו זאָלסט עס אין זינען האָבען.

— װאָרען הערסט דו דאָך; װעגען דעם „גאָט װעט העלפען"
דערצעהלט מען אַ שעהן מעשה׳לע — האָט זי אין אַ װײלע אַרום װײטער
אָנגעהױבען מכלומר׳שט מיט אַ געלעכטערל דער שנור אין פּנים אַרײן
און גלאַט אַזוי, גלײך זי איז גאָר נישט אויסען — מען דערצעהלט, װי
אַ קאָזאַק האָט אַ מאָל בײ אַ ייד צוגענומען דאָס גאַנצע געלד און גע־
זאָגט איהם: „ניע באָיסיאַ, יעװרײ, גאָט װעט דיר העלפען... איך װײס,
אַז די „יעװרעים" האָבען אַ גוטען גאָט".

— נו ענטקעגען װאָס זאָגט איהר דאָס? — האָט די שנור
איבּערגעפרעגט — ענטקעגען דעם, װאָס איך האָב פריהער גע־
זאָגט...

— נײן, נײן, הלילה... איך זאָג נאָר גלאַט אַזוי אין דער װעלט
אַרײן... האָט די שװיגער זיך פערענטפערט — איך מײן ענטקעגען דעם
אָ... גלאַט אַזוי...

— נו יאָ... האָט די שנור געזאָגט. און בײדע װײבער האָבען
זיך גאַנץ גוט פערהאַלטען צװישען זיך.

דערנאָך האָט די שוויגער אַרויסגענומען אַ סיצען טיכעלע פון קעשענע און געגעבן דער שנור:

— דו זעהסט אָ — האָט זי איהר געזאָגט,—אַז גאָט העלפט, איז אַ שטוב, אַז עס לייזט זיך, לעגט מען דאָ אַהער אַראָב אַ גראָשעלע, אַלע טאָג אַ גראָשעלע, אַ גראָשעלע צו אַ גראָשעלע, מען פערבינדט עס און מען שטופּט עס אונטער'ן בעליק אַרונטער, אָדער וואו אויף אַ זיכער אָרט. און דערנאָך, אַז גאָט העלפט, קומט עס שוין צונוץ — אַ חוב אָבצוגעבען, אָדער וואָס...

דער שנור האָט שוין דער קאָפּ ווערה געטהון פון שטעהן און אויסהערען אַזוי פיעל געפּלוידעריי און זי האָט געמוזט צונעמען דאָס טיכעלע און צוזאָגען איהר, אַז זי וועט שוין אַזוי טהון.

דערנאָך איז זי, די שוויגער, צו צום זוהן.

— נו, יצחק'ל, ווי געהט עס דיר עפּעס?

— אין וואָס?

— ס'איז גוט אַ מאַמען צו האָבען, הא?...

— אוי, איך ווייס נישט וואָס דו ווילסט פון מיר — האָט ער זיך שוין געמאָרשטשעט אויפ'ן שטערען, ווייטער קוקענדיג שטאַרק קרענקליך אויף איהר.

— צי ס'איז דיר עפּעס, זוהנ'עשי?

— ניין...

— נו פאַר וואָס־זשע דען ענטפערסט דו נישט צו דער זאַך? איך פרעג דאָך דיר, ווי עס געהט דיר עפּעס אין געשעפט.

— וואָס פאַר אַ געשעפט?

— וואָס, דו ווייסט נאָך גאָר נישט? — האָט זי אויסגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר אויגען פערוואונדערט.

— איך ווייס גאָר נישט...

— דו ווייסט נאָך גאָר נישט — אַ בראָך איז צו דער מאַמען!

— וואָס ווילסטו פון מיר, מאַמעשי? לאָז מיך אָב, האָט ער זיך קרענקליך געבעטען.

— איך וועל דיך נישט אָבלאָזען, ווי הייסט דו ווייסט נאָך פון גאָר נישט?

— אָבער איך וויל נישט וויסען. — האָט ער שוין האַרטער געזאָגט.

— וואָס, דו ווילסט נישט וויסען?... ליבער גאָט אין הימעל — האָט זי אָנגעהויבען שטאַמלען. און פון מיין געלד וואָס איך האָב דיר געגעבען ווייסט דו האָטש?

יצחק׳ל האָט זיך אַוועקגעדרעהט מיט׳ן פּנים אין שויב אַריין און זי איז איהם אונטער׳ן אַקסיל אַרונטערגעשפּרונגען.

— אָבער פון מיין געלד, וואָס איך האָב געגעבען, ווייסט דו האָטש?

יצחק׳ל האָט נישט געענטפערט, און בלאָס דערשראָקען און אויפגערעגט האָט ער געקוקט דורך דער שויב אַרויס.

— געוואַלד, רבונו של עולם אין הימעל — האָט זי אויסגעשריען — דער מענש ווייסט דאָך גאָר נישט וואָס מען רעדט צו איהם, און אַז דיין ווייב טראָגט שוין און אַז דו ביזט שוין באַלד אַ טאַטע פון אַ קינד, דאָס ווייסט דו שוין?... דו שפּירסט דיך, צו ניט?... געוואַלד דער מענש איז משוגע!

— האַ? — האָט יצחק׳ל געגעבען אַ קוק אום, נאָר איהר אויף צו־להכעיס, אַז ער זאָל זי דערקרענקען צום טויט, האָט ער געגעבען צוריק אַ שטעל־אָן דעם בליק אין דער שויב אַריין ווי פריהער, זאָל זי מאַקי מיינען, אַז ער איז משוגע... איז איהם אַיינגעפאַלען פלוצלינג אַ געדאַנק.

— געוואַלד, ער איז משוגע!... — האָט זי אין דער געשווינד צייט געהאַט נאָך איין מאָל אויסצושרייען. נאָר מעהר האָט שוין יצחק׳ל נישט געקענט דולדען אין מיט אָנגענאָסענע אויגען פון בלוט און וואָס האָבען געשפּריצט און געקאָכט מיט משוגעת און אויפרעגונג האָט ער זי געגעבען אַ האַפּ מיט איין האַנד אונטער׳ן קאָלנער, אַ טראָג־צו צו דער טהיר און אַ וואָרף אַרויס.

יצחק׳לען איז באַלד דאָס בלוט ווי אויסגעלערט געוואָרען פון פּנים, אַקאַלך־ווייסער מיט נאָך ווילד צושראָקענע אויגען איז ער גע־בליבען שטעהען און ביסלעכווייז עס איז איהם איננאַנצען פערגאַנגען געוואָרען, דאָס פּנים, און אויסגעלאָשען, אַ חלשות האָט זיך דערויף געלייגט.

און פון אונטער דער טהיר האָט זיך שוין געהערט אַ קלאָג־לידעלע אויסזינגען. דאָס ווייבעל אין שטוב, וואָס האָט דאָס אַלץ צוגעקוקט, האָט

אויך אָנגעהויבען צו וויינען. אַ האַלב שטערטעל איז זיך צונויפגעלאָפען אונטער דער טהיר הערען, ווי דאָס מאַמעלע וויינט פאַר איהר האָב און גוטס, וואָס דער זוהן האָט ביי איהר אַוועקגערויבט. און אין שטיבעל האָט זיך געמאַכט צוריק יום כפור.

ערשט דעמאָלט האָט זיך די מוטער אויפגעהויבען פון דער ערד אונטער דער טהיר, אַ גאַנצען וועג אַ הימנעהענדיג האָט זי זיך געזונגען איהר קלאָג-לידעלע, אַז קופּעס מיט מענשען, יונגלעך און ווייבער, האָבען זי צו בעגלייט ביז צו איהר טהיר ווייטער — און ערשט דאָרטען האָט זי זיך איינגענעצט אַ פּאַטשיילעכעל אין וואַסער, און געלייגט זיך אין בעט אַריין מיט אַן׳אַרומגעבונדענעם קאָפּ...

און יענעם טאָג איז יצחק׳ל געגאַנגען שפּאַצירען אייגער אַליין אונטער דער שטאָדט און איז שטעהן געבליבען בי׳ם טייך, ווי אַ סטאַטוע...

ער האָט שוין אַליין נישט געוואוסט, אויף וועלכער וועלט ער דרעהט זיך אַרום, און צו וואָס טויג ער נאָך דער וועלט, צו וואָס דאַרף זי איהם צו האָבען?

אַז עס קומט די נאַכט, בעהאַלט ער זיך פאַר זיין ווייב, ווי אַ פייגעלע פאַר דעם שפּאַרוועך, און נישט איינמאָל האָפען זיי זיך ביידע אויף, בעגינען ווען דער טאָג געהט אויף, אין בעזונדערע ווינקעלעך. ער וואָס האָט געקלאָגט אַ גאַנצע נאַכט מיט׳ן פּנים אין די הענד אַריין און זי דעסגלייכען, ווי די צעהן בחורים מיט די צעהן בתולות, וואָס זענען צונויפגעפיהרט געוואָרען אין חורבן ירושלים.

און איינמאָל האָט ער שוין גאָר איינגאַנצען דערשפּירט, וואָס עס הייסט זיך אַרומדרעהען אַן׳איבעריגער אויף דער וועלט. עס איז געוועזען אין אַ בעגינען, האָבען איהם אַ גאַנצע טשאַטע מיט ווייבער אַרויסגעריסען פון בעט און אַרויסגעשטופּט פון דער שטוב:

— אַרויס, אַרויס, קיין מאַנספּערשוין טאָר דאָ נישט זיין!... — האָבען זיי איהם אַלע בעגלייט מיט די הענד. ער האָט קוים געדווינזשיט צו חאַפּען אויף זיך די פּאַנטאָפּעל מיט דעם האַלאַטעל און צו ענטלויפען וואו די אויגען וועלען איהם טראָגען, מיט אַזאַ אימפּעט און צוקאָכטקייט זענען זיי איהם בעפאַלען.

ער האָט אויך דעמאָלט געהערט דאָס קרעכצען פון זיין ווייב און

אַנדערען בעט, אַ פערשטיקט ברומען און ווייהען־אויסגעשרייען מיט פערדרימפּענע אײנגעהאַלטענע קולות — און ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער שוין געטראָפען דעם ווייבס אַ פערהאָנגען בעט מיט ליילעכער, ווי אַ שפּאַנישע וועגטעל געמאַכט, אויפגעצויגען אויף שטריקלעך ביז אונטער׳ן בעליק, און אין דער מיט, אויף דער שטוב אַרויס, האָט געהאָנגען אַן׳אָנגעשטאָכען שיר־המעלות־בריוועל...

ווייבער זענען איהם ווייטער ענטקעגען געלאָפען מיט פערבייטעלטע פּנים׳ער און בלישצענדיגע אויגען, יעדערע בעזונדער שטאַרק מאַכענדיג אויף איהם מיט די הענד, ווי יעדערע פון זיי וואָלט געוואָלט עפּעס אַריינכאַפּען וואָס פריהער — און אַלע אין איין קול און מיט איין אויס־געשריי:

— מזל־טוב, מזל־טוב, אַ יונגעל!... — אַז יצחק׳ל איז אַזש אײנגעשרימפּען געוואָרען פאַר שרעק. ער האָט געמיינט, אַז מען לאָזט זיך אויף איהם מיט אַ געיעג, און ער האָט זיי דערנאָך לאַנג געקוקט אין די פּנים׳ער, נישט דערקענענדיג זיי.

ערשט שפּעטער האָט ער זיך אויסגעשטעלט אין אַ ווינקעלע און מיט שטילע אויגען אַרויסגעקוקט פון דאָרט אויף דער שטוב: צי קען דאָס מעגליך זיין, אַז ער, יצחק׳ל, דאָס קליינטשיקע יונגעל, וואָס האָט געליבט דבורה׳לען, זאָל שוין זיין אַ טאַטע, האָבען אַ ווייב מיט אַ קינד?...

די אַלטע מאַמע האָט זיך שוין אויך דאָ אַרומגעדרעהט. ווי נאָר זי האָט דערהערט, אַז די שנור געהט צו־קינד, איז זי געקומען צולויפען, און פערגעסען אָן דעם גאַנצען זוהנס בעליידיגען. זי האָט זיך גענומען רייסען ווינדעלעך, פּילקעלעך און געפּאַרעט זיך ביי אַלץ וואָס מען דאַרף, און אַזוי ווי קיין וואָרטאָרין איז נישט געװעזען און קיין קעכין אויך נישט — האָט זי שוין געמוזט דאָרט פערבלייבען פאַר אַלץ.

האָט זי זיך אַריינגעחאַפּט צוריק, ווי אין איהר אַלט אַמאָליג גוט — געהיטען די קינדבעטאָרין מיט עפּיס אונטערצו־לעהנען דאָס האַרץ, און די גאַנצע שטוב אין זינען געהאַט. נאָר אַזוי ווי הולטייען האָט זי נישט געקענט דערלאָזען, עס זאָל דערנאָך נישט זיין מיט וואָס איהר חיוב צו דעקען — און חאָטש עס האָט שוין היינט גיכער נישט געפעהלט דער גראָשען אי׳ן שטוב, ווי פריהער — דאָך האָט זי זיך

צוריק געגומען צו איהרע אַלטע געשעפטען; געקליבען שפענדלעך אויף דער גאַס, געגאַנגען אַלע אין דער פריה אָנקלויבען שטשאַווּעלעך אויף דער לאָנקע, מיט פאַר אַ גראָשען מילך פון גאַס און געקאָכט אַ מאָהל־צייט פאַר זיך מיט דער גאַנצער שטוב, אַזוי גוט ווי פריהער, נישט אראָב קיין פלעק.

און דער זוהן איז געשטאַנען אויף איין אָרט. נישט גערירט זיך, אָדער אַז גאָר גוט, האָט ער זיך געדרעהט פון ווינקעל צו ווינקעל, אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן די גרויס, און געוויזען שטאַרק פערטהון אין זיך אריין, זיך נישט אומקוקענדיג אפילו וואָס די מאַמע טהוט און וואָס אין שטוב טהוט זיך, גאָר נישט, עס איז נישט זיין דאגה געווען. מיט וואָס מען האָט איבערגעלעבט די גאַנצע אַכט טאָג האָט ער נישט אָנגע־הויבען צו וויסען און צו גערענקען. ער האָט טהייל מאָל נישט גע־דענקט אפילו וואָס פאַר אַ טאָג היינט איז, און שטעהענדיג אין טלית און תפילין אָנגעטהון אין אַ ווינקעלע מיט'ן פּנים איינגעטיפט האָט ער געקענט אָבשטעהען מיט אַ פערקוועטשטען שטערען אַ האַלבע שעה צייט, בלויז אויף צו דערמאָנען זיך, וואָס פאַר אַ „יום" מען זאָגט היינט. און האָט ער זיך נישט דערמאָנט, האָט ער זיך געקענט אַרומדרעהען, ווי לאַנג אַ פערמישבּונ־טער, און נישט אויסגעטהון פון זיך דעם טלית און תפילין, און האָט זיך דערוויל פערחלום'ט אין אַזעלכע חלומות אריין, אין אַזעלכע זומפּיגע, אַז איין גאָט זאָל זיך דערבאַרמען — און דעם טלית און תפילין האָט ער אַלי"ן נישט געקענט אויסטהון; ווייל פון צווישען די אַלע חלומות אַרויס האָט זיך ווי געפּיקט איין דרעמלענדיג געדאַנקעל, ווי עס פּיקט זיך אַ היהנדעלע מיט'ן שנאָבעל'ע פון דער אייער־שאָהל אַרויס, און דאָס האָט איהם ווי געשלימערט אין געדאַנק, אַז עפּעס פעהלט איהם נאָך, עפּעס האָט ער נאָך נישט דערדאַווענט, און ער פלעגט ווייטער אָבשטעהען אַ האַלבע שעה, איידער ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס עס פעהלט איהם נאָך, ביז ער איז אַרויסגעקומען פון די אלע געדאַנקען ווייטער צוריק אויף דאָס אייגענע, אַז דער „יום" פעהלט איהם. נאָר דאָ האָט ער ווייטער נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ „יום" מען זאָגט היינט...

פון דעם אַלעם זענען דאָך די טעג נישט געשטאַנען און עס האָט געמוזט אָנקומען דער אַכטער טאָג, דער טאָג פון בּריה־מילה.

און דאָ איז ווייטער געשעהען מיט יצחק'לען אַזוינס, וואָס קיין

שום מענש פערשטעהט עס נישט. באַלד אין דער פריה האָט ער זיך
אויפגעחאַפּט מיט אַ הייליגען שוידער פון בעט אַרויס, עפּעס ווי אַ פורכט
אין אַנ'אימה וואָלט איהם אַרומגעחאַפּט: געוואַלד, היינט ברענג איך
מיינס אַ קינד „בבריתו של אַברהם אָבינו", און ווי אַ פייגעלע אין שטורם
אַזוי האָט ער זיך געשווינד אויפגעחאַפּט עפּעס צו טהון דערפאַר —
און דאָס ערשטע וואָס ער האָט געקענט, איז געוועזען לויפען אין
מקוה אַריין,

אַ גאַנצען וועג האָט ער זיך נישט אומגעקוקט, נישט לינקס און
נישט רעכטס, אַזוי שטאַרק פערטהון איז ער געווען אין זיך אַריין. ער
איז אַליין ביחידות אַריין אין וואַסער, האָט זיך גיך אָבגע'טובל'ט,
אָבגעוואַשען דאָס לייב, קלאָר ריין, אַז ער זאָל קענען זוכה זיין, זיין
קינד צו ברענגען אין יודישען דת אַריין בקדושה וטהרה, און ער האָט
זיך נישט געוואָלט אָבשטעלען אויף קיין שום זינדיגע מחשבה. נאָר
שנעל, בליץ שנעל צוריק אַרויס פון וואַסער אין דער הויך, וואו דאָס
באָד איז געווען.

דאָס גאַנצע געביי איז ווי געשלאָפען אַ מירען שלאָף און די
שטילקייט האָט מען געקענט אָנטאַפּען. דורך די קליינע שייבלעך אין
דער הויך איבער די בענק, פערפאַטשקעט מיט בעזים=בלעטלעך האָט זיך
קוים דער טאָג אַריינגעלייכט. אין דער מיט באָד איז געשטאַנען אַנ'אַל=
טער פערציטישער אויבען, ווי אַ קופּע אַ גאַנצע מיט ציגעל מיט צוויי
שוואַרצע לעכער, וואוהין מען האָט דאָס וואַסער אויפגעגאָסען אויף די
שטיינער, וואָס זענען געלעגען אינוועניג, ווען מען האָט געדאַרפען. און
ערשט איז דאָרט געווען אַזוי פּוסט, אַזוי טונקעל און אַזוי וואַרעמליך,
און דאָס שפּילען פון אַ גריל האָט זיך פון דאָרט אַרויס צונאָסען מיט
אַ שאַרף און קנאַקענדיג געפישצעריי, וואָס האָט געמאַכט די שטילקייט נאָך
שטילער, נאָך שטאַרקער.

יצחק'ל האָט זיך צו אין ערגעץ נישט אומגעקוקט, נאָר אַריבער=
געלאָפען געשווינד דאָרט, וואו ער האָט געהאַט ליגען דאָס אָנטהון.
ער האָט זיך שנעל אָנגעטהון, און נאָך שנעלער, ווי מען ענטלויפט פון
עפּעס געיאָגט, איז ער אַרויס ענטלאָפען צוריק אויף דער גאַס.

ער איז געלאָפען מיט דער כונה אַהיים צו קומען וואָס געשווינדער
און זעהען ווייטער עפּעס צו טהון. נאָר דאָ האָט איהם די מאַמע בעגע-
געגנט נאָך אין דער מהיר שטעהענדיג, און דערצעהלט איהם מיט גרוים

פרייד, אז זי איז שוין געוועזען בײ׳ם רבין, מזכיר געווען די יולדת, געגעבען דעם רבין דאָס סנדקאות, די צוויי יונגעמאַנטשיקלעך דעם רבינ׳ס קרובים — אַנדערע מצוות, און מל׳זיין מיט מציצה — דעם שוחט; דער רבי וועט שוין אַליין שיקען נאָך איהם, און זיי וועלען קומען אַהער אַלע צוזאַמען.

און ווי יצחק׳ל דערהערט דאָס, ווערט איהם פינסטער פאַר די אויגען און ער הויבט זיך אָן צו וואַקלען אויף די פיס, צוהאַלטענדיג זיך בײ די בײשטיהלדלעך פון דער אָפּענער טהיר.

ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צו אַ שטוהל און אַנידערגעפאַלען אויף איהר מיט אַ בלישצעדיגע טרער אין אויג.

דאָס פנים איז שוין צוריק בלאַס און פינסטער אויסגע-לאָשען, דעם קאָפּ אַראָבגעהאַנגען, און די מאַמע שטעהט איבער איהם:

— יצחק׳ל, וואָס איז דיר?

נאָר יצחק׳ל ענטפערט קיין וואָרט נישט.

— וויה, וויה — קלאָגט זי זיך אין דער שטיל אַבוועגדענדיג זיך שוין אָן אַ זײט, און קוקט נאָך אַלע מאָל צוריק פון דערווייטענס מיט אַ פינסטערען בליק.

און דאָס ווײבעל הײבט אויך אָן צו קלאָגען:

— יצחק׳שי, פאַר וואָס געהסט דו נישט עפּיס צוהעלפען, דער עולם וועט דאָך שוין באַלד קומען, חאָטש איין טיש ברײנג אַריין פון אַ שכן.

נאָר יצחק׳ל ריהרט זיך נישט פון אָרט, טהוט אפילו קיין ריהר נישט מיט קיין ברעהם, און דאָס גאַנצע פיר-איילענדיגע שטיבעל ווערט פול מיט יללה.

עס איז שוין געוועזען שפּעטליך, ווען דער עולם האָט זיך צונויפ-געקליבען. דער רבי מיט זיינע קרובים די יונגעמאַנטשיקעס, דער שוחט און נאָך אַ פּאָר יודען חסידים, אַווי גרויס ווי אַנ׳אָנדערטהאַלבען מנינים מענשען. אין מיטען איז געשטאַנען דער טיש געדעקט מיט אַ ווײס טישטוך. אַנטקעגען איבער איז געשטאַנען דער קינדבעטאָרינס בעט פער-האָנגען. די כסא של אליהו — איבער דער אַנדער זייט טיש. עס

האָבען געברענט ליכט אין שטעהענדיגע לייכטער — און די מוטער איז געזעסען שוין אָנגעטהוענערהייט אונטער דער פויערהאַנג פון בעט, מיט דעם געוויקעלטען קינד אין קישען און מיט טרערען אין די אויגען אַריבערגע־האָנגען איבער דעם קינדס פּנים׳ל און געוואַרט שוין, ווען זי זאָל דאָס אָפּער געבען פון איהר רשות אָט אין די יודענס רשות אַריין: היינט ווערסט דו אַ יוד — האָט זי עס האַרציג געשישקעט און אָבגעוואַשען עס מיט טרערען — נאָר אַ יוד. נישט חלילה מיט אַ זעלכע הודיות, ווי דיין טאַטע איז... — האָט זי בּיטערליך געוויינט.

די באָבעשי איז שוין אונטער דער פויער־האַנג אַרונטער געקומען און געגעבען איהר אַ שורך אָנמערקענדיג צום קינד: נו ס׳איז שוין גרייט?

— ס׳איז שוין גרייט, ס׳איז שוין גרייט... — האָט די שנור זיך אויסווישענדיג די טרערען פון די אויגען דאָס קינד איהר איבערגעגעבען —

— קוואַטאָר! — — האָט זיך דערהערט אַנ׳ערשיטערענדע שטימע.

דער גאַנצער עולם האָט זיך ווי אַ ריהר געטהון, אַלע מיט די אויגען צו דער פאָרהאַנג. די שווינער האָט אָפּער געברענגט דאָס קינד אין קישען, וואָס איז געוועזען אַרומגענומען מיט אַ נאַרטעלע, אַז די עקען זאָלען זיך נישט צולאָזען, און אַ טינקעל רויטליך פּנים׳ל מיט פּער־מאַכטע אויגעלעך און שאַרע קעפּיל האָט פון קישען זיך אַרויסגעזעהען. זי האָט עס מיט אַ שאָקעל איבערגעגעבען צו אַ יוד אויף דער האַנד, וועלכער האָט עס אויך מיט אַ שאָקעל צוגענומען, און באַלד האָט זיך דערהערט נאָך אַמאָל די זעלבע שטימע פון שמש:

— קוואַטאָר! — —

און עס האָט עס איבערגענומען אַ צווייטער יוד.

אויף דער שטוהל איז שוין געזעסען דער רבי, נעבען איהם איז געשטאַנען דער שוחט, נאָך יודען אַרום, מען האָט דאָס קינד אַריבער דערלאַנגט אין דער מיטען אַריין, וואו דער רבי מיט אַ נייער אויס־געשפּרייטער רויטער פאַטשיילע אויף די קניע האָט עס גענומען אויף דער שויס.

און אַצונד האָט עס שוין געהאַלטען בּיי׳ם פאָטער, ער זאָל געמען

דעם טלית אויף זיך, מאַכען אַ ברכה „להכניסו בבריתו של אברהם אָבינו״, נאָר ער ווייזט זיך נישט פאַר'ן אויג.

— אַברהם יצחק, יצחק! — ווערט אַ געקוקעריי פון גאַנצען עולם אויף אַלע זייטען.

דער עולם האָט איהם דערזעהען און מיט אַ פערוואונדערונג גע־קוקט אויף איהם, וואָס ער זיצט אַזוי אין אַ בעזונדער ווינקעלע דעם קאָפּ געזונקען.

— אַברהם יצחק, וואו האָסט דו דעם טלית? — איז שוין געוואָרען אַ געשרייערײ פון צווישען עולם.

אַברהם יצחק איז געזעסען און געשוויגען מיט אַריינגעשלאָגענע אויגען אין דער ערד און געציפּט זיך מיט די צייהן דעם שפּיץ נאָגעל פון אַ פינגער.

אַלעמענס אויגען זענען געוואָרען ווי פערגליווערט אַ ווײלע שטעהען איבער איהם.

— האָ? — האָט שוין דער רבי אַ פרעג געטהון. — וואָס זיצט ער?

— כ'האָב נישט קיין קינד פאַר אַייערט וועגען! — האָט יצחק'ל אויסגעשריגען און די אויגען האָבען זיך איהם ווי מיט בלוט פער־גאָסען.

— וואָס, האָ, ער וויל נישט מל זיין? — האָט דער רבי אַ גע־שריי געטהון.

דער עולם איז בלאַס געוואָרען.

— געוואַלד, הייליגער רבי, ער וויל יאָ מל זיין, נאָר ער איז משוגע... — האָט די מוטער אויסגעשריגען.

— משוגע! — איז צווישען גאַנצען עולם אַ דורך געגאַנגען אַ בעוועגונג.

— ער איז משוגע, משוגע, פאָלקאָם משוגע! — האָט דער רבי מיטגעמאַכט מיט דעם קאָפּ און מיט אַלע ביידע הענד — לאָז מען דערלאַנגען אַ גלעזעל וויין און אַ טלית, טילא דאָס קינד איז דאָך אַ קינד... לאָז מען עס מל זיין!... האָט ער אויסגעשריגען.

עטליכע יודען זענען שוין געשטאַנען איינגעהילט אין די טליתים איבער די קעפּ, איבערגעבויגען אין דער מיט אַריין צום רבינ'ס שטוהל, וואו ער איז געזעסען און געהאַלטען דאָס קינד מיט'ן קישען אויף דער שויס. דער עולם האָט זיך שטאַרק פערטיפט, מען האָט זיך שוין מעהר

נישט אומגעקוקט אין יצחקל׳ס זייט, ווי ער איז געזעסן נאָך אַלץ אין דער זעלבער פּויזע. אין שטוב איז געוועזן אַנ׳אײַנגעהאַלטענע שטיל־קייט, עס האָט זיך מעהר נישט געהערט, ווי דאָס שטילע געווין פון דער קימפּעטאָרין אונטער דער פּויערהאַנג, וואָס האָט דעם שטיבעל אַ שטילע יעמערליכקייט צוגעגעבען. און פּלוצלינג האָט זיך דערזעהען אַ שאָקעל אויף פון אַלע יורען אויף זייערע פּלעצער, ווי דער אָטעם פון דער אײַנגעהאַלטענער שטילקייט וואָלט נאָכגעלאָזט — און דאָס קינד האָט געגעבען אַ וויין אַרויס. עס האָבען זיך נאָך דאָרט געזעהען בע־וועגונגען, אַ פּאָרען־זיך ביי דעם קינד — באַלד אַ ברכה „ברמיך חיי" — און אַ „מזל טוב, מזל טוב"... מען האָט צוריק ווערלאַנגט יצחק׳לס מוטער דאָס קינד. זי האָט עס גענומען מיט דעם קישען צוריק אונטער׳ן פּאָרהאַנג, וואוהין דער עולם האָט זיך נאָכגעווענדט: „מזל טוב, קימפּע־טאָרין, מזל טוב"... — און זיך אָנגעהויבען צוריק אַרויס צוריקען פון שטיבעל אונטערוויילבעס, נאָך אַלץ קוקענדיג אויף דער פּאָרהאַנג.

— נאָר דו — האָט זיך דער רבי געווענדט מיט זיינע לעצטע ווערטער צו יצחקל׳ען, — מוזט על־פּי־דין שוין געבען גט דיין וויב, נאָך איידער דער שכל ווערט דיר אינגאַנצען קאַליע... הערסט, ווייבעל, דו אויך... — האָט ער נאָך איבער דער פּאָרהאַנג אויך אַריבערגע־שריגען — האָרען שפּעטער ועסט דו שוין זיין אַ פּערפּאַלענע.

אין שטיבעל איז געוואָרען אַ געוויינערײַ. דער רבי אָן דער שפּיין אין דער עולם נאָך איהם האָבען זיך אַרויסגעריקט.

שפּעטער אַ ווייַלע איז שוין יצחק׳ל וויטער געגאַנגען שפּאַצירען איינער אַליין אונטער דער שטאָדט אין שטעהען געבליבען פּאַר׳ן טייך...

---

# א חתן געווארען.

# א חתן־ווערען.

שוין אַ צייט לאַנג, ווי ניטעל בעמערקט איהר זוהן אברהם'ען אַ טרויעריגען. ווען ער ליגט און שלאָפט, זענען איהם די אייגען אַריין אין קאָפּ, די ברעמען שטאַרק פערקוועטשט, דאָס פּנים בלאָס ווי קרייד, און פערטיעפט, אַזוי פערטיעפט אין שלאָף, אַז דאָס האַרץ שרעקט זיך איהם עפּעס וועהר. נישט איינמאָל קריכט זי אַראָב ביינאַכט פון איהר געלעגער שטילערהייד, אַ קוק צו טהון, ווי אַזוי ער ליגט. און דערזועהענדיג קעגען דעם רויטליכען שיין פון לעמפּעל, וואָס ברענט אויפ'ן טישעל ביי דער זייט פון זיין בעטעל, מיט וואָס פאַר אַ פערקרימטע ליפּען ער ליגט, ווי דאָס פּנים איז ביי איהם אויסגעצויגען און דער קאָפּ אַזוי שטרענג, גלייך איבער'ן קישען — געהט איהר אַדורך אַ שוידער איבער'ן לייב: אוי גאָט, שטראָף מיך חלילה נישט, שטראָף מיך נישט... און אָבזיפצענדיג מיט אַ צוקנייטשט פּנים פון צער, קריכט זי צוריק אַוועק אויף איהר געלעגער און שלאָפט־איין, ערשט מיטען טאָג צו גלייך, אין גרויס אַנגסט.

דער זוהן ווייטער זאָגט איהר פון גאָר נישט, ער איז נישט איהר'ס גלייכעז. ער איז אַ שטילער יונג פון געבוירען, אַנ'אָבגעפּוצט קאַפּאָטקעלע, בייסט זיך שטענדיג אַ נעגעלע קוקענדיג אויף אַלץ פון דער ווייטענס מיט אַ שווייגענדיג בליק, טראָגט ברילען פון צייט ער האָט געדאַרפט שטעהען צום לאָס — און דערצו נאָך האָט ער אַ ויינער־מאַכעריי־געשעפטיל מיט אַ שויב אויף דער גאַס אַרויס. פיהלט ער זיך פאַר אַ שטיקעל יחוס און קוקט אויף אַלץ און שוויגט.

נאָר טייל־מאָל קען ער זי אַ פרעג טהון גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, פאַר וואָס זי געהט אַזוי אין דער קופּקע... און אַז זי זעהט אויס ווי אַ „פּשעקופּקע“ ...

די מוטער ווייטער פערענטפערט זיך: וואס ארט דאס איהם — אבי די קינדער זאָלען מענשען.

— אבער, אז די קינדער זאָלען בעגראבען אייך, דאס ווייסט דו?... — פרעגט ער, און די מוטער ציהט זיך שוין צוריק נאך אזא ענטפער, וויל נישט אריינקריכען אין קיין גרויסע רעכענונגען, און פון דערווייטען ערשט קוקט זי אויף איהם מיט אן׳אויסגעלאשענעם בליק און טראכט, אז זי וואלט שוין פארט נעהאט גענוג געלעבט...

מעהר נישט דאס הארץ טהוט איהר וועה, זי הארט נישט וואס איהר זוהן איז... ער זעהט פארט אזוי שלעכט אויס.

און אט איז געקומען איינמאל א נאכט און זי האט זיך דערוואוסט.

ער איז געקומען אהיים צוגעהען און מיט א פייכטען בלישצידינען בליק צו דער ערד האט ער זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל טישעל און אזוי אבגעזעסען א שפארע מיט א געווינקענעם קאפ.

די מוטער האט זיך געדרעהט פון ווייטען ווי א קימפעטארין מיט וועהען, אלע מאל ווארפענדיג א בליק אויף איהם, ווי אזוי ער זיצט, און אלץ נישט געווען דרייסט צו־צוגעהן פרעגען איהם, וואס איהם איז.

ענדליך איז זי אבער פארט צוגעגאנגען צו איהם הינטער׳ן אקסעל און מיט א וועה אין קול געפרעגט:

— זוהנ׳עשי, זאג מיר, וואס דיר איז?...

— מיר איז גאר נישט... — האט ער געענטפערט, נישט קיין דיהר טרויענדיג מיט קיין ברעהם.

— וואס דען זיצט דו אזוי?

— איך האב דאך דיר געזאגט, אז מיר איז גאר נישט. — האט ער ווייטער געענטפערט.

נאר די מוטער קען דאך איהם — האט זי אויף איהם געקוקט און געקוקט, און דערנאך מיט א צווייטען בליק דערזעהען אויפ׳ן טיש עפעס א פעקיל צושיטע איינלאדונגס־קארטען. איהר האט זיך עפעס ווי אין געדאנק אויפגעהאפט, אז דאס מיז אפשר האבען א שייכות מיט זיין זיצען אזוי, און איבערווארפענדיג א שטומען בליק פריהער אויף

איהם, דערנאָך אויף די קאַרטען, האָט זי אויפגעהויבען איינע צו׳ם בעקוקען.

דער זוהן האָט אָבער פערהאַפט און אַרויסגעדרעהט זי איהר פון דער האַנד און אַ שמיץ געטהון אָן טיש

זי איז געבליבען ווי איינגעקאָרטשעט און אָנגעהויבען זיך אָבצו־ריקען הינטערווייליכס. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהען אַזוינע פייערלעך אויפבלישצען אין זיינע אויגען, ווי דאָס מאָל.

זי האָט געוואָלט זיך אָבריקען מיט דעם גאַנצען לעבען, נאָר ער האָט זיך שוין אָבער געהאַט אויפגערודערט, און אויפשטעהענדיג פאַר איהר מיט דער גאַנצער אויסגעצויגענקייט, געקוקט איהר אין פנים אַריין און געפרעגט:

— וואָס טהוט מען אָבער פאָרט אָהן משפחה?

— ווי הייסט?...

— אַזוי הייסט עס... אָט ליגען פאַר דיר קאַרטען אויפ׳ן טיש — האָט ער זי ביי אַ האַנד אָנגענומען — קוק אַריין, וועסט דו זעהען, ווי דאָס הייסט! — האָט ער זי ביי דער האַנד צוגעפיהרט צום טיש און פאַר גרויס גרימונג נישט ווייניג געקוועטשט איהר.

— וואָס פאַר אַ קאַרטען? — האָט זי מיט וועהטאָג אויסגע־שריען, זעהענדיג, אין וואָס פאַר אַ צורודערטען צושטאַנד ער פיהרט זי צום טיש.

— וואָס פאַר אַ קאַרטען? — האָבען זיך ביי איהם אַזש די האָר אויפגעשטעלט — צי ביזטו בלינד, צי האָסטו נישט די ברילען ביי דיר, אָדער צי קענסטו נים לעזען, מען האָט דיך נישט געהאַלטען קליינער־הייד אין קיין גימנאַזיעס?...

— געוואַלד, וואָס ווילסט דו פון מיר האָבען? — האָט זי אַ געפיינינגטען געשריי־אויס געטהון, דערפיהלענדיג זיין שטאַרקען קוועטש אין איהר האַנד, און זי האָט איהם אָנגעקוקט ווי איהם וואָלט עפּעס צו־געקומען...

ער האָט זי אָבגעלאָזט ביי דער האַנד.

„נישט אַנדערש"... — האָט אין איהר דאָס האַרץ געוויינט אין דער שטיל, קוקענדיג אויף איהר האַנד מיט שרעק, וואו עס איז גע־

שטאנען אַ רויטער צייכען, ווי מיט אַ קלאַטבאַרע אַרומגעטמען — „נישט אַנדערש"...

— גאָט אין הימעל! — וואָס איז מיט דיר, אַברהם׳ישי?

— וואָס זאָל זיין מיט מיר? — אָט האָסט דו קאַרטען, אָט האָסט דו — און דו האָסט עפּעס משפּחה?

— צו וואָס טויג דיר משפּחה? — האָט זי פערצווייפעלט געפרעגט, נישט פערשטעהענדיג איהם אינגאַנצען.

— צו צושיקען די קאַרטען! — האָט ער געענטפערט.

— זוהנ׳עשי, איך פערשטעה דאָך דיך נישט, זאָג מיר, וואָס דו ווילסט?

— האָסט משפּחה? — האָט ער געהאַפּט די קאַרטען און געגעבען זיי אַ זעץ אָן דר׳ערד.

די מוטער האָט זיך אָבגערוקט און געוואָלט אַרויסלויפען אין קיך אַריין, נאָר ער איז נאָכגעלאָפען און אָנגעהאַפּט זי ביי אַנ׳אַקסעל.

— דו האָסט משפּחה?

— וואָס דען, כ׳האָב נישט! — האָט זי נעגעבען אַ וויין אַרויס — וואָס דען, כ׳האָב נישט... — דער פעטער לייזער און די מוהמע יענטעלע און דער פעטער פייפיש מיט דער מוהמע רבקה ליעבע, וואָס דען, כ׳האָב נישט?...

— מיט דער מוהמע רבקה ליעבע מיט׳ן גראָבען פעטער פייפיש — האָט ער זיך אָן וואָרט אָנגעהאַפּט — דעם פעטער פייפיש?...

— נו וואָס איז, נו וואָס איז דער פעטער פייפיש?

— איך וויל משפּחה, אַז מען זאָל געהען צו מיר אויף תּנאים — האָט ער שוין אַליין אויך אַ געשריי אַרויס געטהון מיט אַ האַרץ־פּלאַץ און זיך שיער נישט צעוויינט.

— אויף תּנאים! — האָט די מוטער איהם אָנגעקוקט — מי׳לא, אויף תּנאים איז דאָך עפּיס אַנדערש...

די מוטער האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, ער אויך, נאָר פונדעסט־וועגען האָט זי איהם געקוקט אין די אויגען אַריין, צי זאָגט ער אמת...

זי האָט איהם נישט געגלויבט, זי ווייסט, אַז ער איז אַזוי צו־רודערט, אַז נישט איינמאָל פאַלט איהר איין אַ בייזע מחשבה, אַז דער זוהן איז חלילה פון זינען אראָב... נאָר דעמאָלט וויינט זי אין דער שטיל און קלאָגט זיך אויס איהר הארץ פאַר די לעדיגע פיער ווענד, ווען ס'איז קיינער נישט דאָ אין דער היים.

-- וואָס, דו שרייבסט תנאים? — האָט זי אַלץ נאָך געקלערט און געשוואַנקט, קוקענדיג איהם אין די אויגען אריין.

— יאָ, איך שרייב תנאים... נו, דו האָסט עפּיס משפחה?

— ווייטער משפּחה!... -- רבונו של עולם, וואָס האָט ער זיך עפּיס היינט צוגעטשעפּעט צו משפּחה!

— משפּחה און משפּחה און נאָך אַ מאָל משפּחה — האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען, אַזש די מוטער האָט זיך געוואָלט אראָבזועצען אונטער זיין קול, ווי אונטער אַ דונערן, וואָס וואָלט איהר דורכגעגאַנגען איבער'ן קאָפּ.

— נו איז וואָס־זשע ווילסט דו פון מיר, אַז די משפחה געפעלט דיר נישט? וואו זאָל איך דיר בעשאַפען אַנ'אַנדערע, און וואָס טהוט מען, אַז מען האָט חלילה גאָר נישט קיין משפחה?

— נו האָב איך דאָך אָבער יאָ.

— נו האָב נישט.

— נו האָב איך דאָך אָבער יאָ — און אַ מאַמען האָב איך דאָך אויך!...

— נו האָב קיין מאַמען אויך נישט.

— נו האָב קיין מאַמען אויך נישט! — האָט ער געחאַפּט אַנ'־אייזערן טעפּיל פון דער פּליטע אראָב און געגעבען עס אַ זעץ אָן דר'ערד.

זוהן און מאַמע האָבען זיך אַ ווײלע אָנגעקוקט אין די אויגען. אַ מאָרנער כשוף און פערחאַפּונג האָט געשפּיעלט אין ביידעס, און נאָך דער ערשטער שזייגענדיגער שטילקייט האָט דער זוהן אָפּ־געטרעטען.

די אַלטע האָט זיך אויסנעדרעהט מיט'ן פּנים צו דער קיך, און בעהאַלטענדיג עס אין די הענד, האָט זי שטיל געחליפּעט און געגאָסען

מיט הייסע טרערן, וואָס מיט איהר זוהן איז נעבעך צוהאַנגען גע־קומען...

צו מאָרגענס האָט זי זיך געקלאָגט פאַר אַ שכנטע, אַז איהר זוהן איז עפּעס אַביסעל נישט געזונד, און אַז זי ווייסט נישט, וואָס פאַר אַנ׳עצה זי זאָל זיך טהון. זי האָט איהם נעכטען ביי נאַכט געזעהען אַרומדרעהען אין שטוב זעהר אין אַ צורודערטען צושטאַנד — האָט זי פאַר דער שכנה דערצעהלט, נאָר דעם רעכטען אמת, ווי אַזוי ער האָט זיך אַרומגעדרעהט, אַז דער קאָפּ איז איהם געוועזען צושויבערט און די קאַרטען זענען געלעגען איבער דער פּאָדלאָגע צושיט און ער האָט אַרומגעטרעטען צווישען זיי, דאָס האָט זי פערבאָרגען ביי זיך אין האַרץ...

אין דער זוהן, ווייטער, צומאָרגענס — האָט בעשלאָסען אַנ׳ענדע צו מאַכען צו דער גאַנצער זאַך. ער וועט געהען אַריבער צו דער כלה און אויסזאָגען איהר דעם גאַנצען אמת, אַז ער איז עלענד ווי אַ שטיין און וואַסער און אַז ער האָט נישט קיינעם, וועמען צו בעטען פין זיין זייט — וועט זי בעשטעהען, וועט זי בעשטעהען, אַז נישט — דאַרף מען נישט!...

נאָר אָט ווי אַזוי ער איז געגאַנגען איהר ערקלערען דאָס:

— דו מיינסט — האָט ער אָנגעהויבען — אַז איך קום דאָ היע אַרויס פון ישעיה פּריווים׳עס?

— האַ? — האָט די כלה איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט — קענען וואָס זאָגסט דו דאָס?

— איך זאָג דאָס ענטקעגען דעם, וואָס דו זעהסט, אַז איך האָב אַנ׳איינען געשעפט... — האָט ער גענעבען עפּעס פּלוצלינג אַ פּאָהר אַרויס:

— נו איז וואָס?

— מיינסט דו, אַז איך קום אַרויס פון דור דורות סוחרים...

— וואָס הייסט?

— איך אַליין פערמאָג טאַקי אַ געשעפטעל, אָבער, אָבער...

— נו, וואָס אָבער? — מאַמישי, וואָס פאַר אַנ׳אָבער וויל ער פון מיר האָבען? וואָס דערצעהלסט דו מיר, אַז דו האָסט אַנ׳איינען געשעפטעל? נו האָב איך עס דיר איבערגעפיהרט, אָדער דו האָסט

מורא, אַז איך זאָל עס דיר נישט איבערפיהרען? — אַזוי פיל גאָלדענע קיטעלעך מיט בראָנזילעטלעך האָסט דו מיר שוין אָנגעמאַכט און אָנגעקויפט?

דער חתן האָט געקוקט אַ ווײלע מיט צושפּרייטע נאָזלעכער איבער איהר:

— אָבער דו זאָלסט וויסען, אַז איך האָב נישט קיין רייכע על־טערען! — האָט ער געגעבען אַ זאָג אַרויס.

— מאַמישי, וואָס וויל פון מיר דער מענש האָבען?

— וואָס רופסט דו עפּעס די מאַמישי, די מאַמישי דיינע לעבט דאָך שוין סיי ווי סיי נישט. איך טאָר דיר נישט זאָגען דעם אמת, אַז איך האָב נישט קיין רייכע עלטערען?...

— נו, איך האָב דאָך נישט דיין „מאַ־אָנטעק פּערסטראַטשעט" — „דזשאַדזשאַ קאָכאַני!" — האָט זי געגעבען אַ רוף שוין אויף פּויליש — זאַביערזש מי טענגאָ צלאָוועקאָ!...

— האַ, זאַבערזש מי טענגאָ צלאָוויעקאָ? — האָט ער געגעבען אויף איהר אַ זיץ אויף, און דערווייל איז אַ ױדישי פון דעם צווייטען צי־מער'ל שוין אויך געקומען אַרויסצוקריכען און געשטעלט זיך מיט צחוי־תמ'עוואַטע אויגען קוקען, וואָס דאָ טהוט זיך...

— און דו רופסט נאָך דעם ױדישי צו הילף? — האָט עס איהם שוין פערדראָסען — איך טענה דאָך צו דיר ווי צו אַ מענש... איך זאָג דאָך דיר, אַז דו זאָלסט דיך נישט ריכטען אויף קיין שום גרויסע גליקען פון מיין צד... און נאַ דיר צוריק די קאַרטען! — האָט ער זיי געגעבען אַ חאַפּ אַרויס פון בוזים־טאַש און אַ לעג זיי אַוועק צו איהר אויפ'ן טיש — נאַ, איך האָב זיי נישט ווערען צו שיקען...

די כלה האָט די גאַנצע צייט געזעהען אַ צומישטקייט אין זיינע אויגען, אין זיינע אָבהאַקונגען און בעוועגונגען אין מיט'ן רעדען און זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט איהר דאָ צו זאָגען עפּיס אַ לעצט וואָרט, וואָס איז נישט אויף איהר גוטען — און ווי זי האָט דערזעהען די קאַרטען אַרויסחאַפּען, דאָס צוואַרפען זיי איהר צוריק און דעם פינקעל־צו מיט די אויגען, וואָס ער האָט געטהון, איז איהר נישט גוט געוואָרען און זי איז אַנידערגעפאַלען חלשות...

— וואסער, וואסער! — האָט דער חתן אַ נעשריי־אויס געטהון, ווארפענדיג זיך אויף איהר מיט די פויסטען צו די שלעפען.

— וואָס, זי חלש'ט מאַקי? — האָט דער זיידישי געגלאָצט מיט די אויגען...

— זי חלשט, זי חלש'ט... — האָט דער התן זי געריסען און זי האָט פערוואָרפען דאָס קעפיל. ערשט דעמאָלט איז דער יידישי געלאָפען הייבענ־דיג די פלייצלעך אין דער גיך, אין דער גיך צו זיך אין צימערל אריין און אַריינגעחספּט אַ משיגונען קריגעל וואַסער, וואָס ער האָט גראָד גע־האַט גרייט ביי דעם וואַש־טישעל, און גענעבען עס איהם אַ דערלאַנג. דער חתן האָט עס געחאַפּט געשווינד, שטעהענדיג רייטענדיג איבער איהר, וואו זי איז געלעגען אויף דער שטוהל מיט דעם קאָפּ פערוואָרפען און האַפּענדיג אַ גאָרשטש וואַסער מיט איין האַנד פון קריגעל אַרויס — האָט ער איהר געגעבען איין מאָל אַ שפריץ איבער'ן פנים, דאָס צווייטע מאָל און דאָס דריטע, אַלע מאָל מיט מעהר האַסט אין מעהר צורודערט־קייט אין די אויגען, ביז די כלה'שי האָט געגעבען אַ צאַפּעל: אַ־ה־ה... און אויפגעמאַכט די אויגען, און ער איז אַראָבגעקראָכען פון איהר רייטענדיג.

נאָר זי, נאָך ניבער זי האָט די אויגען אייפגעמאַכט און זי איז געקומען עטוואָס צו זיך, האָט זיך שוין אַ קוויטשיג וויינענדיג קול'כעל דערהערט: „דזשאַדזשוליו קאָכאַני, וויגנאַט מי טעגאָ צלאָוויעקאַ...!"

דער זיידישי אָבער האָט געגאַפּט מיט די אויגען, אַ מאָל אויף איהר, אַ מאָל אויף איהם, שטעהענדיג איינגעבויגען מיט דעם קריגעלע וואַסער אין בײדע הענד און די שיטערע לאַנגע ווייסע באָרד האָט אַריבערגעציטערט איבערן קריגעל, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון.

— „טאָ יוזש וויענצעי ניע פשידע!"... — האָט דער חתן אַליין אַ זאָג געטהון.

— ניע פשידזש, ניע פשידזש!... — האָט די כלה זיך צושריגען און דער חתן איז אַרויס ווי פיהלענדיג, אַז ער האָט דאָ מאַקי עפּעס נישט אינגאַנצען אָרענטליך נעהאַנדעלט קעגען איהר — און איז אַנט־לאָפען איבער די גאַס ווי אַ משוגענער הונד, בייסענדיג זיך אַליין, פאַר וואָס ס'איז געקומען דערצו, וואָס ער ווייסט אַליין נישט, פאַר וואָס ס'איז אַזוי געוואָרען...

נאָר אַז ער איז ענטלאָפֿען, איז שוין פערפֿאַלען, איז ער ענטלאָפֿען.

און די כלה'שי חייטער האָט זיך נישט געקאָנט שטילען. וואָלט ער איהר חאָטש געווען צוגעזוואָרפען די בילעטען, איידער זי האָט איהר חלק צושיקט — אַצונד, וואָס וועלען לייטען רעדען?...

זי איז געוועזען אַ יתומה, נאָר פון אַ פיינער „ראָדזשינע"... לויט ווי זי אַליין פלעגט זיך אויסדריקען. אַ טאַטען האָט זי געהאַט אין אַמעריקאַ, שוין פון אַ יאָהר אַכטצעהן, אַז ער איז אַוועק — און קיין מאַמען האָט זי אינגאַנצען נישט געהאַט. וואָלט איהר אויסגעקומען צו ליידען נויט. נאָר אַ מערכה, דער פאָטער האָט איהר געשיקט חורש'ליך געלד — און אַ פיינע „ראָדזשינע" ווייטער האָט זי אויך געהאַט, האָבען זיי זיך מישב געוועזען און זי איינגעאָרדענט בעזונדער (די ראָדזשינע זאָגט „אוזשאָנדזשיט"... דאָס קומט אויס אַ ביסעל גרויסאַרטיגער...) געדונגען איהר צוויי שטיבלעך, און צושטייערגעבענדיג איהר נאָך עטליכע קערבלעך יעדען חודש, אַ חוץ פאַקונקעס, וואָס איינער האָט געברענגט אָבטרעטענדיג אַ מאָל צוגאַסט — האָט מען איהר אויך צוגעלעגט דעם זיידישי, וואָס זיי אַלע האָבען געהאַט בשותפות, אַז ער זאָל זיין איהר אָפיעקון, ווייל זי איז דאָך אַ פרייליין געווען און אַן'אָנשטענדיגע פריילין... זאָל זי נישט וואָהנען אַליין, און צו דעם זיידישי צו איהר צוגעלעגט נאָך אַן'אַלטע פאָרטעפיאַן, אַ שוואַרץ־געליאַקירטע, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקעל שטוב ביי דעם פענסטער צו, מיט דער זייט־זייט צו דער וואַנד צו און מיט'ן פאָרענט אויף דער שטוב אַרויס, אַזוי אַז פון הינטערן קאַסטען האָט זיך אַפערגעזעהען די ערשטע צוויי נידעריגע פיסלעך, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער פאָדלאָגע — און פון אויבען אַ ביסעל אַ צורודערטע דעק, וואָס האָט זיך אַראָבגעלאָזט משופע צו דער וואַנד אַראָב.

און אָט איבער דער פאָרטעפיאַן איז דאָס אַלץ אַרויסגעקומען — ערשטענס, זיין גאַנצ'ן וועלען חתן־ווערען פאַר איהר, און צווייטענס — זיין ענטלויפען פון איהר צוריסענערהייט.

ער איז געוועזען אַ פשעקופקים אַ זוהן און האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ זכיה, פאַר דעם הייליגסטען וואונש, צו נעהמען אַ כלה מיט אַ פאָרטעפיאַן... און זי ווייטער איז דאָך דאָס געוועזען, און דערצו האָט זי נאָך געהאַט אַ פיינע „ראָדזשינע" אויך... איז ער פשוט ענטציקט

גענוואָרען אַריינקומענדיג יעדען אָבענד צו איהר אין שטוב. און זי אַלס אַ פריילין, וואָס צימבעלט ראָמאַנסען אויף דער פּאָרטעפּיאַן, האָט איהם פּשוט פערזיסט די טעג מיט די נעכט און פערכשופ׳ט איהם מיט איהר שפּיעלען כּיי יעדעס מאָל זיין דאָרט, אַז ער האָט זיך דערנאָך צום אַ היים געהן אויפגעחאַפּט פון בענקעל אַראָב, ווי איינער פון יענער וועלט — און פאָרט זיך געמוזט דערמאַנען אָן דער אַלטער מאַמעס ברודיגען שטיבעל...

און דאָס איז געוועזען זיין קרעכצען און זיפצען אויפ׳ן געלעגער, שלאָפענדיג מיט אַ פערקרימט בלאַס פּנים יעדע נאַכט, ווען די מאַמע האָט איבער איהם שטיל געציטערט און געבעטען צום רבונו של עולם: ווער ווייסט צי מיט איהר זוהן איז נישט עפּעס... און אַז ער זאָל זיך מרחם זיין איבער איהר און איבער איהר קינד...

נאָך בעסער, פון וואָס ער איז פער׳כשופ׳ט געוואָרען:

דער זיידישי איהרער איז געוועזען אויף „פּריקאַט“... יאָ, יאָ — אויף אויסצאָהלונג... דהיינו? — וועלכער פון דער „ראָדזשינע“ עס האָט געדאַרפען מאַכען עפּעס אַ שטיקעל שמחה — האָט מען דעם זיידישי גענומען אויף אַ קאַפּאָטע מיט שוואַרצע ביינערנע קנעפּ, מען האָט איהם געקויפט אַ ניי היטעל מיט אַ נייער פאַטשיילע אין קעשענע אַריין, און אַ שימערע ווייסע לאַנגע באָרד מיט אַ בלאַס אויסגעצויגען פּנים האָט ער געהאַט — האָט מען איהם אַוועקגעזעצט אויבען־אָן צווישען די געסט מיט גרויס כבוד, ס׳הייסט אַזוי ווי, מי יודע ווער דער זיידישי איז פאַר איינער — און אַלע פון קליין ביז גרויס האָבען געשמייכעלט צו׳ן איהם אַמאָל פון דערוויטענס פאַרביינגעהענדיג אַרום זיין שטוהל און אַמאָל ענטקעגען איבער שטעהענדיג, און דער זיידישי, דער תּם, פלעגט זיך זיצען מיט אַ בערוהט שמייכעלע אויף די ליפּעלעך, ווי נישט איהם מיינט מען...

וואָרום אין דער אמת׳ן האָט מען טאַקי נישט איהם געמיינט; מען האָט נאָר געמיינט ראָס צירונג, דאָס בעלייכטונג צו האָבען אויבען־אָן, כּדי צו בעשיינען דערמיט די „ראָדזשינע“ — עס זאָל אויסזעהען פאַר דער וועלט, אַז אָט איז דער סאַמע אַלטער בוים פון די אַלע צווייגען און צווייגעלעך, אייניקלעך מיט אור־אייניקלעך.

צו דער לויה, ווען דער זיידישי שטאַרבט, וואָלט מען זיכער גע־

לעגט בלומען און קראַנצען, מיט אַזוינע טרויעריגע קלאָג־פּנים׳לעך, מיט אַזוינע טרויעריג־פּייבטע פרומע אויגען, וואָס האַלטען זיך אַזוי שטילערהייט צונעשאָקעלט מיט די קעפּ איבערן אָרון: אוי, אוי, „דזשאַרושאַ קאָכאַני" און מען וואָלט נעבעך אַזוי געראַצט אין די נאָז־טיכלעך אַריין, אַז עס וואָלט אַזש געוועזען אַ גאָטס־רחמנות — נאָר דערוויייל ביי׳ם לעבען, בפרט נאָך אין אַ ווינקעלע, וואו עס האָט קיינער נישט געזעהען, האָט מען איהם נענעבען צו עסען האַרט ברויט מיט קנאָבעל אָנגעריבען, אויף וועלכעס דער זיידישי פלעגט זיך נעבעך שטאַרק קלאָגען, אַז ער האָט נישט קיין ציין דערצו... און נעבעך גע־מוזט פערזופּען מיט לעבליך וואַסער פון טשייניק אַרויס, אַז עס זאָל זיך צעווייקען אין זיין הויל נאַקעט מויל, און אַז עס איז געקומען אויף אַ שטיקעלע באָל נאָר — פלעגען זיך די טעכטערלעך דרעהען פאַר איהם מיט אַזוינע ליעבליכע שמייכעלדיגע פּנים׳ער און נעראַטען איהם, אַז ער זאָל עסען דאָס אָדער יענץ, אפשר וועט איהם בעסער שמעקען... און די אייניקלעך פלעגען איהם קריכען אויף דער שוים אַרויף און גע־שטופּט איהם מאַנדלען און טשעקאָלאַדקעס אין מויל אַריין: נעהם, זיי־דישי, נעהם... זאָל דער זיידישי אַזוי גוט זיין און נעהמען... און דעם סאַרווער פלעגט מען זאָגען בקול רם: אַז למען השם דעם זיידישי אַ לע־בעדיג שטיקעל שלייען, וואָרען ער האָט נישט קיין הנאה פון עפּעס אַנדערש...

— יאָ, ס׳איז אַלץ „לעבענדיג"... פלעגט זיך אַ צווייטע אָנרופען, מאַבענדיג מיט אַ מינעלע צו׳ם עולם, וואָס נישט „לעבענדיג" קומט נישט אַריין אין מיין הויז אַריין — גאָט בעוואַהר...

און דער זיידישי איז זיך געזעסען און געשמייכעלט ווי אַ תם.

נאָך בעסערע שטיקלעך פלעגען זיי מיט איהם אָבמאַכען. מען האָט איהם טיילמאָל געקאָנט נעהמען אין אַ אָבענד צו אַ משפחה, ווען אַ חתן האָט געדאַרפען קומען זעהען אַ כלה און אין זאָל איז נעווען אויסגעפּוצט און ליכט פון די זשיראַנדלעס, וואָס האָבען בעגאָסען די וענד מיט אַ העלער ליכט — האָט מען געקענט נעהמען דעם זיידישי און געבען אַ זעץ אַוועק אויף אַ רויטער פּליושענער שטוהל און אַריינלעגען איהם אַ קליין סאַמיט הינטעלע מיט ברוינע לאַפּקעלעך און ברוין מאָרדעלע אויף דער שוים — און נאַ, זיץ, זיידע, און שפּיעל מיט׳ן הינטעלע!...

אזוינע שטיקלעך פלעגט מען מיט איהם אָבטהון, דער ייִדישי האָט זיך געשמייכעלט זיין וועגם...

און אָט אַ שטיק אויך איבער דעם ייִדישי דעם תּם איז דער חתן אברהם געוואָרען צונעצויגען צו דער כּלה'שי זיינער. ער האָט דערזעהען דעם גאַנצען בלאַשק פון אַרום און אַרום און דאָס האָט איהם פערחאַפּט, אַז ער פלעגט אַזש אַרומגעהען הינטער די ווענד און וויינען טאָג מיט נאַכט: ווי אַזוי וועט ער קאָנען צוקומען צו דעם שדוך, אַז מען וועט זיך דערוויסען, ווער זיין משפּחה איז... און די נאַכט, ווען ער האָט געקריגען די גערדרוקטע קאַרטען, האָט ער עס אַליין זיינע אויגען נישט געגלויבט. און אַצונד קאָן מען זיך פאָרשטעלען, מיט וואָס פאַר אַ האַרץ ער איז ענטלאָ־פען פון דער כּלה'ס שטוב אַרויס, נאָך דעם, ווי ס'איז אַרויסגעקומען עפּעס אַזוינס צווישען זיי ביידע, דאָס קיינער פערשטעהט עס נישט...

נאָר ס'איז פערפאַלען, ס'איז איהם געווען ביטער אויפ'ן האַרץ און אַנ'אומעדינער איז ער זיך געזעסען צוריק אין זיין זייגער־מאַכערײ־געשעפטעל און געקוקט מיט צווי גרויסע טרויעריגע אויגען דורך דער גרויסע שויב אַרויס, וואו עס האָבען געהאַנגען זייגערלעך מיט קייטעלעך אויף דראָהט אויפגעצויגען איבער דער מיט שויב.

ער איז אָבגעזעסען איין שעה און צוויי שעה און נישט געפונען קיין רוה.

פּלוצלינג איז ער זיך מישב — קומען אין שטוב אַריין צו איהר קאָן ער שוין נישט, וועט ער איהר האָטש אָנשרייבען אַ בריוועל.

נעהמט ער איהר אַזוי דיקטיווען:

„זאָלסט וויסען, מיין געליעבטע רוזשע, אַז איך האָב אַודאי געוואָלט, אַז עס זאָל זיין אַלץ גוט און שען, נאָר דו האָסט אָנגעהויבען צו חלש'ען אין דער מיט... בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט מיר אויף אַלץ מוחל זיין און זאָלסט מיך הייסען צוריקקומען צו דיר, וואָרען, ווי באַלד נישט — זאָלסט דו וויסען, אַז איך וועל אויפפּלאַצען, ווי אַ באָמבע, און מאָרגען אין דער פריה וועסט דו שוין הערען פון מיר אַ בשורה, אַז דיין חתן אַברהם איז אַ טויטער!...“

גאַנץ גוט און שוין... מעהר האָט ער איהר נישט

געשריבען, און גענומען פערמאַכט דאָס בריוועלע און האָט עס איהר אָבגעשיקט.

די כלה רוזשאַלע אָבער, ווי זי האָט אַ קוק געטהון אויף דעם בריוועלע, איז איהר נאָכאַמאָל נישט גוט געוואָרען:

— „יאַקי טאָ סטיל?... טאָ דיאַבעלסקי סטיל!"... — איז זי פון דעם זיך-בענקעלע פון פאַר דער פאָרטעפּיאַנאָ אויפגעשפּרונגען מיט אַ קוויטשעל און געחאַפּט דאָס בריוועלע און גענעבען עס אַ וואָרף אָן דר'ערד און אַליין זיך אויך גענעבען אַ וואָרף-אַנידער אויף אַ בעט אין בעזונדערן צימער'ל און געלעגען און געקלאָגט מיט'ן פּנים אין קישען אַריין.

נאָר עס שאַדט נישט, זי האָט אַ פיינע „ראָדזשינע" און זעהר טייערע מיהמעשים, וואָס קענען אַ שווער האַרץ טרייסטען. די מיהמעשים זענען גרויסע ליעבהאָבערינס אויף נחת צווישען דער משפּחה. וואו נאָר אַ ליאַדע שטיקעלע שמחה אין דער פאַמיליע — קומען זיי ציגעהען אין זייערע שוואַרצע סאַטינדיליאָנענע קליידער, בעווייזען זיך אויף דער שוועל פון דער טהיר מיט אַ ליכטיג ברייט שמייכעלע: ברוך הבא!... די פּנים'ער לייכטען, דער גוידער שיינט אַזש פאַר קלאָרקייט, די פיגור איז איינגאַנצען ווי אויסגעפּאַסט-מאַסיוו, די הינטערשטע טיילען ווי אָנגעזאָ-טעלט און אַרומגענומען מיט אַ פּאַסיק אַרום דער טאַליע, יעדעס נעה-טיל אונטער די אָרעמס צוגעהט זיך אַזש פון אָנגעפּילטקייט פון דעם לייב, וואָס קוועלט אזש דורך די געפּאַסטע אַרבלען אין זייטען אַרורך — און די ברוסטען בעלעגט מיט געלעבערטע קאָרינעס זענען אַזוי אָנגעשטיפּט און אין פראָנט אַריין אויפגעשטעלט, חאָטש נעהם אַ קרבן מנחה סידור, לעג אַרויף אויף זיי אויפגעמישטערהייט און שטעל דיך דאַווענען, ווי פאַר אַ שטענדער.

און אָט די מיהמעשים זענען אַזוינע גרויסע בעל-עקשנות'טעס אויף אַ האָבצייטעל אין דער פאַמיליע, אַז עס איז גאָר נישט דאָ אַזוינס אין דער וועלט. אַלע מאָל פערדרעהט אַנ'אַנדערע מיט'ן שנאָבעלע צו'ם סאַרוועה: „עה, טענאָ יאַ ניע ליוביע... טענאָ ניע סמאָקויע"... — און כמעט האַלב-ברוגז'ליך ריקט זי אָב דעם טעלער צו דער זייט עלענ-בויגען און שטעלט שוין אָן די אויגען אויף דער קעגענאיבערדיגער וואַנד...

דער סאַרוועה ווייטער האָט זיך שוין זיין מאָס. ער האָפּט נאָר

אַ קוק אויף דער דאַמעס הוט מיט פעדערען, ווייסט ער שוין, אויף וויפיעל ער דאַרף איהר צוליעב טהון... און ער לאָזט זיך פאַר איהר אַראָב מיט דעם גאַנצען פולמיסיק אויף די קניען. ערשט דעמאָלט פערגעהט דאָס ברונז׳ע מינעלע אויפ׳ן פנים, און זיי ווערען נאָר אַנדערש ליעבהאַרציג...

און די מענערלעך ווייטער, די פעטערשים, זענען שוין גאָר אַנדערע מענשען. די מיהמעשים אין דער היים האָבען זיי שוין איינגעוועהנט, אַז זיי זאָלען נישט זיין קיין גרויסע איבערקלייבערס אויף עסען. זיי זענען זיך דאַר, ווי די וואָנצעלעך, מיט שפּיצעלעך צוגעשוירענע בערדעלעך אויף די שמאָלע אויסגעצויגענע געמבעלעך, מיילעכלעך ווי זשאַמזשעלעך, נאָר הויבע צילענדערס אויף די קעפּ, מיט הויכע קראַגענס ביז איבער די אויערען, וואו אַהין עס איז אַריינפערזונקען דאָס גאַנצע קעפּיל, און זעהט זיך מעהר נישט אַרויס, נאָר ווי אַנ׳אויסגעבליכט פנים׳ל מיט צוויי פינקעלדיגע שוואַרצע אייגעלעך — און אַ נאָז, ווי אַ האַטשיק... און אָט די פעטערלעך דאַרפען אַליין גאָר נישט, און קוקען נאָר מיט גליסטיגע אייגעלעך, ווי די ווייבער זייערע עסען. און גליקליך איז דאַמאָלט אַזאַ מענעלע, ווען דאָס ווייב איז איהם מכבד מיט דעם פעכער, אַז ער זאָל שטעהען איבער איהר און בלאָזען, שיקען לופט פון דער זייט, ווען זי האַלט אין מיטען עסען און די באַקען רודערן... און נאָך גליקליכער איז ער, ווען אַזאַ ווייב, אַזאַ מאַשין, פיהרט זיך מיט איהם אַרויס אין גאַס אַריין געאַרעמט, מיט דעם צילענדער=הוט דערגרייכט ער איהר קוים ביז אונטער׳ן אָרעם, נאָר אַקעגען ווייסט ער, אַז ער פיהרט איבער׳ן טראָטואַר אַ גאַנצען „קאָלאָס“—אַ גאַנצען מאַשין... און גרויסט זיך פאַר אַלע זיינע בעקאַנטע, וואָס גריסען איהם אויפ׳ן וועג, וויזענדיג זיי זיין שטאַנד, וואָס פאַר אַ חייב אַ מאַשין ער פיהרט, און אַז אַזאַ חייב אויסצושטעלען דאַרף אָבקאָסטען אַזוי פיעל, וויפיעל אַ הויז מייערען...

האָט זיך די כלה׳שי רוזשאַלע נעהאָט מיהמעשים אַזעלכע גאַנצע פיער שטיק -- און אַזוי ווי זי האָט אַוועקגעוואָרפען דאָס בריוועלע, זענען יענע געקומען אַריינצוגעהען און מן הסתם עס צוריק אויפגעהויבען, און האָבען זיך אַלע אָנגעקוקט פערוואונדערט: „צאָ אָנאַ חצע?... — פשעטשיש אָן מאַק שאַליעע, אָן מאַק זאַקאָכאַני... נו, מאַק צאָ אָנאַ חצע?“.

און איין מיהמעשי פערלעגט די הענד, די צווייטע לאָזט אַראָב די הענד, די דריטע מאַכט אַזוי אַ מינעלע און די פיערטע שטעלט נאָר צו אַ פינגערל צום גוידערל איהרען — און קוקט, וואָס די מויד וויל פון איהם האָבען פון דעם חתן איהרען...

— „יושאַק, אָן זוואַריוע!“... מאַכט זי צו דער כּלה.

און די כּלה ענטפערט מיט אַ קלאָגען:

— מאוי מאַרני לאָס, מאוי מאַרני לאָס“...

— „מאָיאַ זלאָטשוכנאַ“ — מאַכט שוין אַ צווייטע מיהמעשי — סצעס טי פּאָליעפּשיש טוואָוי לאָס, יעזשעלי טי ניע וויאידזשעש זאַ מאָנזש?... בענדזשעש שערזאַלאַ יז דזשאַטקאָם כּיז אין גראָהען צאָפּ אַריין!“...

און אַ דריטע מיהמעשי מאַכט:

— אוי, אוי, אוי — יאַק בּאָגאַ קאָכאַם, זשע שטשענסליוואַ, זשע טאַקיעאָ דאָסטאַלאַ“... ער האָט דאָך אַנ'אייגען געשעפט, הייסט עס, אויף דער גאַס אַרוים, און דער יונג „שאַליעט“ דאָך, ער, „טענסקנאָטיט“ דאָך פאַר דיר, ער וויל דאָך דיך אָבקויפען אַזוי ווי דו שטעהסט און געהסט, אויסמאָהלען צוויי שטובען מיט אַ קיך, מיט פאַר פיער הונדערט רובל מעבּעל, מיט אַ דיענסט באַלד — טאָ צאָ טי חצעש?... זעה נאָר, ווי ער שרייבּט דיר, ער וועט אויפּפּלאַצען, ווי אַ בּאָמבּע, ווי באַלד ער וועט נישט האָבען דיך!...

— „נו מאָיאַ זלאָטשוכנאַ, מאָיאַ זלאָטשוכנאַ“... — מאַכט אויך די פיערטע מיהמעשי — ער וויל דאָך דיך אָבגילדטען... און וואָס וועסט דו דאָ אויסזיצען מיט דעם ייִדישי — עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט דיר אויך „פּאָלעפּשען דעם לאָס“...

— נו, איך וויל דען נישט... ענטפערט שוין די כּלה רוזשאַלע דורך טרערען — נאָר ער האָט דאָך אַוועקגעוואָרפען די קאַרטען...

— וואָס טויג מיר די קאַרטען, די קאַרטען... זעה בּעסער דאָס בּריוועלע. זאָלסט שוין שיקען נאָך איהם! — מאַכען די מיהמעשים.

און די כּלה שווייגט, איז נישט דערווידער.

און אַבּי זי שווייגט נאָר, דערצעהלט איהר שוין איין מיהמעשי,

ווי אַזוי איהר מאַן איז געוועזען באַלד נאָך דער חתונה אַזוי נישט „אָשוויאַטשאָני“ הן צווישען מענשען, הן אין געשעפט, און ווי אַז ער האָט איהר נישט געקענט געבען, וואָס זי האָט געדאַרפט, איז איהר נעבעך טאַקי גאַנץ ביטער געווען, ביז גאָט האָט געהאָלפען, עס האָט אָנגעהויבען צו געהען בעסער און ער איז היינט אַ גאַנצער סוחר — הלואי אויף רוזשאַלע'ן איהר שטאַנד.

און אַ צווייטע מיהמעשי ווייטער דערצעהלט, ווי אַזוי דער מאַן דערלאַנגט איהר קאַווע מיט פוטער־קובען אין בעט אַריין, באַלד ווי זי מאַכט נאָר די אויגען אויף.

און אַ דריטע: ווי באַלד נאָך דער חתונה, אַז זי האָט נאָר אָנ־געהויבען צו שוואַנגערן, איז דער מאַן געוועזען אַזוי גליקליך, אַזוי גליקליך, אַז ער האָט זי געקאָרמעט מיט'ן לעפעלע און נישט געלאָזט זי אויפהייבען די האַנד צו'ם מויל און אַ ליאַדע פּישצעלע — איז שוין געשטאַנען אַ פולער טיש מיט רעצעפּטען און אַלערליי סאָקען...

און די פירטע: ווי דער מאַן האָט פערשטעלט איהר בעט מיט אַ שפּאַניש װענטעל, כדי זי זאָל קענען שלאָפען ביז אין האַלבען טאָג אַריין, ווייל ביינאַכט, זאָגט זי, האָט ער ליעב געהאַט אַ סך אויף צו זיין און האָט זי אויך נישט געלאָזט שלאָפען...

און דערנאָך נעמט אַראָב איין מיהמעשי די פּעריל און זאָגט:

— זעה נאָר, רוזשאַלע, אַזעלכע פּעריל וואָלסט דו חשק געהאַט, אַז איך זאָל זאָגען דיין חתן, ער זאָל דיר קויפען?...

און אַ צווייטע מאַכט: אפשר גאָר, אַזוי ווי מיין אַרבעס־קייטעל...

און אַ דריטע: אפשר גאָר, אַזוי ווי מיין קאָליע...

און די פירטע איז זיך גאָר מישב און חאַפּט זי גאָר אַרום און הויבט זיך מיט איהר אָן צו קישען, אַז רוזשאַלע הייבט אָן צו קריגען צוריק דאָס שמייכעלע אויפ'ן פנים און די אויגען הייבען איהר אָן צו שיינען שוין פון די טרערען אַרויס...

אויף אַזאַ אַרט געהט דאָס צו און רוזשאַלע לאָזט זיך צוריק איבערבעטען.

נאָר ווען חלילה די מיהמעשים ווילען דאָס פּשט'ל איבערדרעהען אַנדערש: — גיט איינע אַ פערציה דאָס שנאָבעלע:

— „מווו מניע, מאַ־אַ דראָגע, ס'צעם טי פּאָלעפּשיש טוואוי לאָס?“

און אַ צווייטע מאַכט:

— „וושאַק טאָ ווסטיד וויאישטש זאַ טאַקענגאָ ליידאַקאַ!" — און ניט זיך אַ וואָרף אָב פון דער כלה'שי,

און אַ דריטע מאַכט פערלעגענדיג די הענד אויף דער ברוסט:

— „חיבאַ ושע יושבי בילאַם טאַקאַ מושאַנאַ, זשבזשי דליוואָשטש, אַלבאָ צויש טאַקאַ"...

און אַ פירטע קוקט גאָר גלאַט אַזוי בעדויערענדיג און שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַזוי ווי איהר באָבע יאַבנע אַמאָל ביי אַ גרויסען אומגליק, ווען מען האָט איהר חמצ'דיג געמאַכט אַ טאָפּ נענזען־שמאַלץ, וואָס איז געשטאַנען אַוועקגעשטעלט אין הויז־שענקעל אָנגענרייט אויף פסח.

אַזוי קענען די מיהמעשים דרעהען מיט'ן דישעל וואוהין זיי ווילען, און איבער אַ גאָר נישט, דער עיקר נאָר דער טאָן, ווי אַזוי די ערשטע מיהמעשי הייבט אָן, אַזוי לאָזט שוין די לעצטע אויך אוים — און די כלה'שי ווערט אָבהענדיג און ווייסט שוין נישט וואָס צו טהון, ווייל דעמאָלט וואָלט מען איהר דערצעהלט גאָר פינקט פערקעהרטע מעשיות— דהיינו: אַז נעהמען אַ מאַן דאַרף מען זיך פריהער גוט אונטערגאַרטלען, און אַז נאָך דער חתונה, מען הייבט אָן צו האָבען קינדער, און מען טרעפט אַ מאַן אַ שלעכטען, אַ בייזען, אַ קאָרטען־שפּילער — איז גאָר־נישט גוט, איז ביטער ווי דער טויט... און אַז די כלה'שי וואָלט דאָס אויסגעהערט אין נאָך אַזוינע מעשיות, וואָלט זי שוין גאָר־נישט גע־וואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהר, ביז זי וואָלט בעשטאַנען, אַז עס זאָל שוין פון דעם שידוך נישט ווערען.

נאָר דאָ צום גליק איז אַלץ גוט געווען, צו פערדאַנקען דער ערשטער מיהמעשי, וואָס האָט אָנגעהויבען באַלד גוט — מיט „מאָ אַ זלאָטשוכנאַ", אַז די צווייטע און די דריטע און די פירטע זאָלען איהר אויך נאָכזאָגען דאָס זעלבע — און די כלה האָט זיך געלאָזט איבער־בעטען פאַר איהר בעליידיגען זיך פון חתן און בעשלאָסען צו שיקען איהם זאָגען, אַז ער זאָל זיך צוגרייטען צו תנאים.

עס איז שוין געווען גאָר שפּעטליך פאַר'נאַכט און אברהם איז זיך געזעסען אין זיין געשעפטיל און אויסגעקוקט, פון וואַנען זיין הילף וועט קומען. באַלד אַזוי ווי ער האָט נאָר דאָס בריוועלע זיינס אוועקגעשיקט,

האָט ער זיך שוין אָנגעהויבען אַרומצודרעהען אויף און אָב מיט אַ צורוי־דערטקייט, און ווער עס איז פאַר זיין שויב פאַרבייגעגאַנגען האָט זיך איהם דער שטערען .געדונצעלט פון אויסקוקען עפּעס, און ווער עס האָט ביי דער האַנד־רעבע פון זיין גלעזערנער טהיר אָנגעריהרט, האָט ער דעם קאָפּ אויפגעחאַפּט אין דער הייך מיט אַ צאַפּעל אין די אויגען, צי איז דאָס שוין נישט אַמאָל אַ גוטער שליח מיט אַ גוטע בשורה פון רוזשאַלע׳ן, נאָר דערווייל איז אַריבער דער גאַנצער טאָג, און איבער־געביסען האָט ער נאָך נישט געהאַט פאַר גרויס קרענקינג, און קיין ענטפער אויך נישט געזעהען — האָט ער זיך געגעבען אַ האַפּ־אָן ביי דעם קאָפּ און אַ לעג זיך אַנידער ביי דעם טישעל, ווי אַ שטיר־אָקס, און די אויגען האָבען זיך פערגאָסען ביי איהם פון טרערען, און פון צייט צו צייט האָט ער געגעבען אַ שטאַרקען בלאָז מיט די נאָז־לעכער פול כעס און וועהטאָג, און אָנגעהויבען שעלטען זיך אין רוזשאַלע׳ן און איהר גאַנצע משפחה, אַז ער זאָל זיי שוין נישט דערלעבען מעהר אָנצוקוקען, און געוואונשען זיך, אַז ער זאָל צופּלאַצט, צוריסען ווערען אונטער די טראַמווייען אויף טויזענד שטיק און אַז עס זאָל נישט פון איהם בלייבען קיין שטייבעלע... דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געקענט אַיינליבען אין אַזאַ פּישצענדיגע קוויטשערל!...

— „פּישצענדיג קוויטשערל״... — האָט ער אויפ׳ן קול אויסגע־שריגען און מיט אימפּעט געגעבען זיך אַ חאַפּ־אויף פון דעם טישעל אַוועק, שוין ווילענדיג חאַפּען אויף זיך דעם פּאַלטאָ, פערשליסען דאָס געשעפטעל און ענטלויפען ערגעץ אין דער וועלט אַריין...

נאָר דאָ האָט זיך געגעבען אַ מאַך אויף די טהיר און אַ „פּאָסלאַ־ניעץ״ אין אַ גרויען סיקטאַן מיט אַ שטעקען אין דער האַנד, מיט אַ פּאַסיק אַרומגעגאַרטעלט, מיט רויטע פעטילקים פאַר די קנעפּ און אַ רויטען לאַמפּאַס אויפ׳ן קאָפּ, מיט צוויי גרויע זוכענדיגע אויגען און בלאָנדע אָב־געפּאַטשטע אין פּייכטע וואָנסען פון ווינד — איז צו איהם אַראָבגעפאַלען פון די ערשטע צוויי שטיגלעך, וואָס איז געווען אַראָבצוגעהן פון דער שוועל אין זיין געשעפטעלע — און געבליבען פאַר איהם שטעהן נישט טויט און נישט לעבעדיג:

— „טו מיעשקאַ פּאַן״...

— „טו טו — האָט אַברהם אויסגעשריגען, שוין נישט לאָזענדיג איהם דערענדיגען, און דער „פּאָסלאַניעץ״ האָט איהם דערלאַנגט אַ פּער־

מאַכט־ראָזע קאָנווערטיל. אַברהם האָט עס געחאַפּט, נישט בעקוקט עס צומאָל און אַרויסגעחאַפּט אַ מטבע פון קעשענע, אויך נישט בעקוקענדיג זי, און געגעבען אַ שטופּ אַריין דעם „פּאָסלאַניעץ" אין דער האַנד:

— נאַ, טאָ מאַש!... איטש!

דער „פּאָסלאַניעץ" האָט זיך פערנייגט ביז אין האַלבען גאַרטעל אַריין, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף זיין שטעקען, און האָט זיך אָבגעקעהרט צוריק צו דער טהיר:

— אלע טאָ יעסט טען סאַם? — האָט דער פּאָסלאַניעץ זיך געפּריוועט נאָר איבערצופרעגען, שוין שטעהענדיג אין דער טהיר.

— טען, טען סאַם!... איז אַברהם געשטאַנען אַ צורודערטער און געוואָלט שוין מאַכען אַ שפּרייז צו איהם מיט אַזאַ בעוועגונג אין די הענד, ווי ער וואָלט איהם געוואָלט שוין אונטערהעלפען אַרויסצוגעהען פון דער טהיר און פערמאַכען זי, און אַזוי ווי דער פּאָסלאַניעץ איז אַוועק נאָכאַמאָל פערנייגענדיג זיך פאַר איהם, האָט אַברהם געגעבען אַ רייס־אויף דאָס בריוועלע און דערזעהען איהר שריפט:

„פּשידזש פּאַן" — מעהר איז נישט געשטאַנען נאָר וואָס הינטען אונטערגעשריבען:

„רוזשאַ"...

אַברהם'ען איז אַזש ליכטיג געוואָרען אין די אויגען, נאָך צוליכטיג, עס האָט איהם אַזש אַ שלאָג געטהון אין קאָפּ אַריין דאָס בלוט און ער איז געשטאַנען אַ מינוט, צוויי, מיט דעם בריוועלע אין דער האַנד מיט אַן׳אויפגעהויבענעם קאָפּ און פאַר זיינע אויגען האָבען זיך ווי געשיפּט קיילעכדיגע רעדער פון געלבליכע ליכטיגקייט מיט בלויליכע קאָלערען אַרום די זוימען...

ער איז קוים צו זיך געקומען, קוים צוריק געטהון אַ בלאָז־אָב מיט די נאָזלעכער, און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, שוין בעגעהמענדיג די גאַנצע זאַך.

---

# איינער אמענש.

# איינער א מענש

## ערשטער קאַפּיטעל.

עס איז געווען אַ שענער פריהמאָרגען, ווען איינער אַ יונגערמאַן מיט אַ קורץ געשוירען בערדעל און טיעפען הוט אויפ'ן קאָפּ האָט זיך אַראָבגעלאָזט פון זיין שטיבעל, וואָס איז געוועזען אונטער'ן סאַמע שפּיץ דאַך, און ביי דער ערשטער בעגעגנונג מיט דער ליכטיגקייט פון דער זון איז ער געבליבען שטעהען אין מיטען הויף מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, נישט וויסענדיג, וואו ער האָט צו געהן דעם היינטיגען טאָג. דריי טעג שוין, ווי ער האָט זיך געשפּייזט מיט אַ טרוקען שטיקעל ברויט, וואָס ער האָט געקויפט, פאַרביינגעהענדיג עפּעס איבער אַ ווילדער לעערער גאַס ביי אַ זעלנער, וואָס איז דאָרט געשטאַנען אין אַ ווינקעל, און נעכטען ביינאַכט האָט ער שוין דאָס אויך נישט געהאַט און זיך געלעגט אָהן נאַכט-עסען.

נאָך אַ קורצער איבערלעגונג, שטעהענדיג אַזוי פערקלערט, האָט ער פערשפּילעט דעם רעקעל, אַראָבגערוקט צו'ם אָרט דעם הוט, און דערהויבענדיג זיך אויף די שטינען אין איין קאָרידאָר פון דעם זעלבען הויז, איז ער געבליבען שטעהן הינטער אַ טהיר. אין די פענסטער פון דער דירה, וואָס הינטער איהר טהיר שטעהט ער אַצונד, האָט ער שטענדיג געזעהן זיצען אַ פרוי מיט אַ שטיל פערזאָרגט פנים, אונטערגעשפּאַרט אַ האַנד אונטער דער גאָמבע. און טיילמאָל אויך — אַ יוד מיט אַ שפּיציג האַלב גרויליך און שיטער בערדעל, דורך וועלכען די קינבאַקען האָבען זיך מיט זייער עלטערער רויטליכער הויט דורכגעלויכטען, און מיט אַנ'אַכט-קאַנטיג קאַפּעל, וואָס ער האָט געטראָגען אויפ'ן קאָפּ.

אין זיך האָט דער יונגערמאַן געגלויבט, אַז מען וועט איהם באַלד נישט עפענען די טהיר, ווייל אַזוי שטיל האָט שטענדיג אין יענעם הויז אויסגעזעהן. נאָר ער מוז געהן פרעגען, אפשר ווייסט מען דאָ פון ערגעץ אַ שטעלע פאַר זיינעטוועגען.

ער האָט אָנגעקלונגען, בלייבענדיג שטעהן אַ ווײַלע ווי איינגעקאָרטשעט בײַ דער זייט פון דעם גלעקעל, אַלס פּלוצלונג, נישט הערענדיג אפילו קיין טריט פריהער, האָט זיך דערהערט אַן׳אָבּלאָזען פון אַ קעטעל, און די טהיר האָט זיך אויפגעמאַכט. אין איהר איז פאַר זיינע אויגען שטעהן געבליבען דעם איינגענטהימערס געזיכט מיט דעם שוואַרץ־גרויליכען בערדעל.

דער יוד האָט איהם שטום אָנגעקוקט, צו ערשט גלייך אַרויסגעשטעלט אַנטקעגען איהם, דערנאָך, ווי אַליין נישט ווילענדיג, געמאַכט אַ טריט הינטער זיך, אַרייגצולאָזען דעם יונגען מאַן.

אין דעם פאָדער־צימער איז געווען פינסטערליך, נאָר פון דער אַנטקעגענדיגער שטוב, וואו אַ טהיר איז געשטאַנען אָפען, האָט איהם אַ ליכטינקייט און איין זייט וואַל פון אַ פלושענער אָבּאָמאַנע פערחאַפט, און ער איז אַ ביסעל פערמישט געוואָרען, דערפיהלענדיג זיך אין אַ פרעמדער שטוב.

ער האָט געוואָלט שוין צוריק חאַפּען און זאָגען, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, נאָר ער האָט נישט געדענקט קיין איינציגען שכנ׳ס נאָמען פון דעם הויף, כּדי צו זאָגען, אַז צו דעם האָט ער געדאַרפט.

— ענטשולדיגט מיר... — האָט ער שטיל געשטאַמעלט און, וואַרפענדיג זיך מיט אַ צומישטען בליק, ער ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס, צו דער אָפענער טהיר פון דער פאָרענדיגער שטוב, געזאָגט: איך האָב, דאַכט זיך מיר, נישט געטראָפען...

— איהר זוכט, דאַכט זיך, דער היגענדיגער „רזשאָנצע“? — האָט איהם שוין דער איינגענטהימער געפרעגט.

— יאָ... — האָט זיין וואָרט שטיל אַרויסגעציטערט און ווי עפּעס אַן׳ענגשאַפט וואָלט איהם אָנגענומען אין האַלז מיט אַ פערוואַסערונג, וואָס האָט איהם נישט געלאָזט ווייטער רעדען.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דיענען?

— ניין. מיט גאָרנישט... איך האָב נאָר געוואָלט אַ קוק געבען, צי איז דאָ אַלץ אין אָרדנונג... צי רויכערט נישט די קיך...

— איך ווייס נישט — האָט דער יוד געזאָגט — זייט אַזוי גוט, טהוט אַ קוק, אָדער פרעגט מיין פרוי...

— מען האָט פון דאַנען ערגעץ אַריינגעזאָגט צו'ם ווירטה, אַז די קיך רויכערט... — האָט ער זיך פערענטפערט — צי איז עס נישט דאָ? — האָט ער שוין פרענענדיג אָנגעהויבען צו רוקען זיך אין דער ווייטערדיגער שטוב אַריין.

— געהט, זייט זשע מוחל, גלייך... — האָט איהם דער יוד אַריבערגעוויזען, אַריינפיהרענדיג איהם אין דער טהיר, דורכצוגעהען איבער דער שטוב צו אַ ווייטערדיגער פערמאַכטער טהיר.

עפּעס האָט ער זיך פערבלאָנזשעט מיט די בליקען איבער דער שטוב, ווי עס וואָלט איהם אויסגעוויזען, אַז נישט דאָרט אין יענער טהיר, צו וועלכער מען הייסט איהם געהן, איז די קיך, און ער האָט צעמישט אַ פרעג געטהון:

— וואו, דאָ?

— דאָ, דאָ, גלייך... — האָט איהם דער בעל־בית אונטער־קומענדיג די טהיר אויפגעעפענט, וועלכע דער יונגערמאַן האָט נאָך פריהער מיט דער האַנד אָנגעחאַפּט, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פער־חאַפּען. און דאָ האָט זיך געעפענט פאַר איהם ווייטער אַ שמאָלער און פינסטערליכער אַיינגאַנג, אין וועלכען רעכטס און הויך אין דער וואַנד איז געווען אַ ליכטיג שייבעל, און ער האָט פערשטאַנען דאָ צו זוכען די טהיר פון דער קיך.

אַ מיידעל, וואָס איז דאָ געשטאַנען מיט פערשאַרצטע אַרבעל און געהאַלטען דורך אַ וויש־טיך אַן'אַייזערען טעפּעל ביי דעם אויער, האָט איהרע אויגען אויסגעשטעלט אויף דעם יונגענמאַן, און לויט איהרע שטילע אויגען און צעשויבערטע האָר, האָט זיך געקאָנט דאַכטען, אַז דאָס מיידעל קוקט קיינמאָל נישט אין דעם פרייען דרויסען און זיצט שטענדיג אַ פערשלאָסענע.

ער האָט עפּעס מיט אַ פינגער אַ פּרוב געטהון אויף דער פּליטע פון דער קיך, אַליין נישט ווילענדיג, מיט אַ פערקנייטשטען שטערן,

איינגעהערט זיך צום הושען פון פייער אונטער דער קיך, און אָבמאַ-בענדיג אַ פּאָר מאָל מיט דער האַנד פאַר זיך, ווי ער וואָלט מיט זיך עפּעס געשמועסט, האָט ער אַפּילו נישט אויפהויבענדיג קיין בליק אויף דעם מיידעל, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגען איבער איהם און געקוקט איהם גלייך אין פּנים, ווי זי וואָלט איהם אין עפּעס חושד געווען, זיך גלייך צוריק אויסגעדרעהט און אַרויס פון קיך.

אַראָבגעגאַנגען איז ער שוין נישט דורך פּאַרענט, נאָר דורך דער הינטערשטער טהיר. וואָס איז געווען אין ווינקעל פון דעם זעלבען שמאָלען איינגאַנג פאַר דער קיך, און אויף שמאָלע, אַביסער נישט קיין גלאַטינע און רייניע שטיגען איז ער געבליעבען שטעהן מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטער האַנד אויף דעם אָנלעהן ביי דער זייט און געזונקענעם קאָפּ. איהם האָט זיך נאָך אין קאָפּ געמישט, און צאָרנדיג האָט ער געשטאַמעלט:

— וואָס האָט ער דאָ געוואָלט? — און פאַר וואָס איז ער עפּעס אַריינגעגאַנגען דורך דער פּאָרענדיגער טהיר און אַרויס דורך דער הינטערשטער?

אַ שלעכט געמיטה איז אויף איהם אָנגעפאַלען:

„די נישט!... טפו!...“ — האָט ער אַ שפּיי אָב געגעבען מיט דעם גאַנצען אימפּעט, וואָס האָט זיך ווי אַרויסגעריבען נאָך דער גאַנצער צייט זיין אין פערשלאָסענהייט, און געבענדיג אַ וואָרף מיט דעם קאָפּ אין דער הייך האָט ער אַ ביסעל געלעכטער, ווי עקסטרע, האָט זיך געדאַכט, אַ שטויס אַרויס געטהון פון האַלז, בלייבענדיג שטעהן מיט אַנ׳אויפגעהויבענעם קאָפּ אַ מינוט, אין דער לופט אַריין.

נאָר דאָ האָט זיך אַ טהיר אויפגעמאַכט הינטער איהם פון דער אַנטקעגען-איבערדריגער זייט אין הויז, און אַ יודענע מיט אַ פערוויינט פּנים, אַלט און איינגעשרומפּען, מיט אַ דערעלע אויפ׳ן קאָפּ און עפּעס אַנ׳אָנגעשריבען צעטעלע, וואָס זי האָט געהאַלטען צווישען די פינגער, איז אַרויס פון דאָרט און אַראָבגעלאָזט זיך פאַרביי איהם איבער די שטיגען, נישט בעמערקענדיג, אַז נאָך עמיצער שטעהט דאָ, נאָר אַלץ טיעפער זיך אַראָבגעלאָזט, זיפצענדיג און אָבצענדיג, און דער יונגערמאַן איז איהר נאָכגעגאַנגען נאָך איהרע פּלייצעס.

פון שטאַרקען שיין פון דער זון און דער גרויסער ליכטיגקייט, אין

וועלכער די יודענע איז פּלוצלינג אַריינגעקומען מיט איהרע טרערען־פערגאָסענע אויגען, האָט זי אָנגעהויבען ווי צו בלאָנזען איבער'ן הויף, נישט קאָנענדיג געדענקען, אין וועלכער זייט דער טויער געפינט זיך, און דער יונגערמאַן קוקענדיג אויף איהר, ווי פערווירט און פערבלאָנזעט איהר קאָפּ זעהט אויס, און מיט וואָס פאַר אַ שרעקליכער פערזאָרגטקייט און געקנייטשטען שטערען פערטהון אין זיך אַריין — ווייסט נישט פאַר וואָס ער האָט זיך פּלוצלינג אָבגעקעהרט מיט דעם קאָפּ אָן אַ זייט, און אויף זיין געזיכט האָט זיך צעלייגט עפּעס אַ גרימען.

דערווייל איז די יודענע ווי עס איז אַרויסגעקראָכען פון הויף, און ווען ער האָט זיך צוריק אומגעקוקט, איז ער שוין געשטאַנען איינער אַליין, און נישט חיסענדיג אַליין נאָך וואָס, האָט ער מיט לאַנגזאַמע טריט פון הויף אַרויסגעשפּאַנט. אויף דער אַנטקעגען־איבערדיגער זייט גאַס איבער'ן טראָטואַר האָט ערשט געבלאָנזעט די יודענע, און קוקענדיג אויף איהר איבער איהרע פּלייצעס און קאָפּ, וועלכע זענען געווען פערדעקט מיט דעם דערעלע, האָט זיך געדאַכט, אַזוי חי נישט זי איז אַהין אַריבערגעקומען, ווי אַ ווינדטעל וואָלט זי אַריבער־געטראָגען.

נאָר אָט איז זי, אַרויפגעהענדיג אויף עטליכע שטיגלעך פאַר אַ טהיר מיט אַ גרויסער שוי־שויב פון אַנ'אַפּטייק, דאָרט אַהין אַריין, און דער יונגערמאַן איז זיך געגאַנגען ווייטער איבער די גאַסען צווישען די מענשען, וואָס האָבען זיך געיאָגט און געאײלט. געגאַנגען איז ער נאָר זיין וועג מיט אַ געזונקענעם קאָפּ.

---

אין יענער שטוב, נישט פון וועלכער דער יונגערמאַן איז אַרויס, נאָר פון דער אַנטקעגען־איבערדיגע, פון וואַנען די יודענע איז איהם נאָכגעקומען, בשעת ער איז געשטאַנען אויף די שטיגען, איז געלעגען אַ קראַנק מיידעל, צו וועלכער גיטעלע, די פרוי, וואָס דער יונגערמאַן האָט אַלע מאָל געזעהען זיצען אין פענסטער אַ פערזאָרגטע, איז אַלע טאָג אַריינגעגאַנגען, אַלס אַ שכנ'טע פון דער צווייטער שטוב, זעהן איהר איהר געזונד. עס איז נישט געוועזען קיין דאָקטאָר, וואָס זאָל קענען איהר העלפען... דאָס מיידעל האָט זיך אַיינגערעדט, אַז זי איז שטאַרק

זינדינג. און אָט און וואָס איהר קרענק איז בעשטאַנען: זי מיט איהר מוטער אַנ'אַלמנה האָבען מיט אַ צייט צוריק, אַ יאָהר פיער וועט שוין זיין פון דעמאָלט אָן, געוואָהנט אויף איינעם פון די פערוואָרפענסטע הינטער־געסלעך. אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט פלעגט אויף יענעם געסעל זיין שטיל, און מען האָט נישט געזעהן קיין לעבעדיג בעשעפעניש. די מוטער פלעגט גאַנץ פריה אַוועקגעהן מיט אַ קוישעל גרינס און גאַס און איז געקומען צוריק ערשט שפּעט אין אָוונד, ווען מען האָט שוין לאַנג געדאַרפט אַ לעמפּעל אָנצינדען, און ווען דאָס איינציגע איינזאַמע צימערל אויף אַ פּאַציאַטע אונטער'ן סאַמע דאַך, אָבגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, איז שוין געווען פערהילט אין דיקען שאָטען פון צווישען־טאָג און־נאַכט, נאָר וואָס דער גרויסער הימעל פלעגט דורך דעם קליינעם פענסטערל אַריינקוקען און אָנגעפילט מיט אַ גרוי־בער דונקעלהייט דעם הלל צווישען די ווענדטלעך און איבער דעם קליינעם רויטען טישעל, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער משופּע'דיג אויסגע־בויגענער וואַנד הינטער'ן בעליק, פעררוקט אָן אַ זייט. און דעם שטיבעל פלעגט דאָס מיידעל, מרים'ל, די איצטיגע קראַנקע, אָבזיצען גאַנצע שטונדען ביי דעם קליינעם פענסטער'ל און אַרויסקוקען אויף דעם ווייס־פלויטיגען פערצוימטען געסעל, וועלכעס האָט אויסגעזעהן ניכער עהנליך צו אַ רייהע געלאָשענע קאַלך־גריבער, פערקלאַפּט ביי די זייטען מיט געווייסטע ברעטער, אַז קיין מענש זאָל דאָרט אַהין נישט צוקומען. צווי רייהען פלויטען אַזעלכע איז געווען אין ביידע זייטען געסעל, און אַנטקעגען איבער איהר פענסטער'ל, איבער'ן פלויט, וואָס האָט פיגור־צוימט זייער הויפעל, איז געשטאַנען נאָר איין אַלטער מויער אויף דער אַנדערער זייט געסעל. אַמאָל, שוין גאַנץ לאַנג, די פּוסטקייט דאָ אַרום געדענקט עס שוין אַליין נישט, נאָר אפשר אין איהר טיעפען שטיל־שווייגען פיהלט זיך נאָך אַ שטיל ברוימען פון אַמאָל, איז דאָס הויז געווען בעלויכטען נאַכט ביי נאַכט מיט אַ רויטער ליכטיגקייט אין די פענסטער. נאַכט ביי נאַכט, דערציילען אַלטע לייט, האָבען דאָ כלי־זמרים געשפּיעלט, דאָ איז אַמאָל אַנ'ערשט־קלאַסיגער חתונה־זאַל געווען. היינט אָבער לעבט שוין לאַנג נישט דער בעל בית דערפון, אפילו אויך די פּאָר־פעלקער, וואָס האָבען זייער גליקליכסטען אָוונד בעשטימט אַהער צו ברענגען. — און דאָס הויז שטעהט אַ ווייגענדיגס, מיט אָבגע־שיילטע ווענד, פון וועלכע עס קוקען אַרויס האַלב־אָבגעבראָכענע נאַקעטע שפּיצען ציגעל. די אַראָבגעלאָזטע און צעשפּאָלטענע לאָדענס,

דורך וועלכעס ברייטע שפּאַלטען מען זעהט דורך די הוילע רעמלעך פון די פענסטער, זענען מיט טשוועקעס שוין לאַנג פערקלאַפּט, בעהאַלטענ־דיג הינטער זיך אַ טיעפע איינגעשלאָסענע פינסטערניש, פון וועלכער עס פיהלט זיך אַרויס דאָס פייכטקייט פון יענער נאַסער ערד, אוידאי אָהן פּאָדלאָגעס. און הינטער דעם הויז, אין אַ בלינדער וואַנד, שטעהען נאָך אַ פּאָר גרויסע אייזענע־פּאָהר־טויערען, אויסגעקרימטע, מיט די אויבערשטע טיילען אַרויסגעבויגען אויף דער גאַס, גאָר אומצופאַלען און בלייבען ליגען אויף די פּנים׳ער.

אין יענעם געסעל, אַז אַ מענש פלעגט אַמאָל פאַרבייגעהען, האָט זיין פּנים געמאַכט אַנ׳איינדרוק פון אַ שטילען סוד, און די טריט האָבען ווי געצעהלטע, מיט אַ ווידער־קול זיך אָבגעשלאָגען אין דער שטילער לופט צווישען די פלויטען.

נאָר איינמאָל האָט זיך אין הויז, וואו דאָס מיידעל מיט איהר מוטער האָבען געוואָהנט, אַריינגעצוינגען אַ נייער לאָקאַטאָר, מיט איין שטאָק נידעריגער און סאַמע אונטער זייער שטיבעל אונטער די זעלבע שטיגען. אין זיין אויסזעהן איז געלעגען עפּעס זעהר נישט קיין גלייכס, אַ רויה און שטענדיג פערטיעפּט געזיכט אין זיך אַריין, מיט אַ געהיימנים און שטילען בליק אויף יעדען אָנטרעפענדיגען מענשען, מיט אַ שטיל בלישצעל, וואָס האָט עפּעס געפרעגט, און זיך באַלד צוריק פערבאָרגען, ווי הינטער אַ שווערער דיקער מאַסקע, און אָט דער יונגער־מאַן האָט דאָס מיידעל געמאַכט פערלאָרען פון ביידע וועלטען. עס איז שוין נע־וועזען צווישען טאָג, ווען גיטעלע איז דעם זעלבען טאָג אַריינגעקומען זי זעהן. וואָס זי מאַכט, און אומזיסט האָט זי איהר געשטופּט מיט דער האַנד צו׳ם בעט אַ ביסעל יויך, וואָס זי האָט אַריינגענומען פון איהר שטוב. די קראַנקע האָט זיך נאָר אויפגעזעצט אין בעט און מיט אַ טרויעריגען בליק זיך אומגעקוקט צו׳ם פענסטער, צי איז שוין פאַרנאַכט. אי׳ן דרויסען האָבען זיך שוין געדרויטעלט די שפּיצען דעכער, און אין צימער האָט אַריינגעשלאָגען אַ פאַרנאַכטיגע ראָזע ליכטיגקייט פון די לעצטע פערגעהענדע שטראַהלען, וואָס האָבען זיך געשפּילט אין אַ ווינקעל וואַנד, שיעף דורכ׳ן פענסטער. ווי אַ שטיל אויסגעפּייניגט בע־שעפעניש האָט זי אין דעם ליכטיגען פונקט אַריינגעקוקט, האָט אַלץ נאָר געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ און געזאָגט:

— אָבער דאָס אַלץ איז דאָך נישט פאַר מיינעטוועגען... — און

טרעהרען, שטילע טרעהרען האָבען געפינקעלט אויף איהרע שטילע ציטערדיגע ברעהמען.

— גלויב זשע מיר, מרים׳ל, — האָט זי גיטעלע אין יענעם פאַר־נאַכט געטרייסט — אַז דו וועסט נאָך געזונד זיין, עס וועט דיר אַל־דאָס שלעכטס אַוועקגעהן.

— ניין, גיטעלשי... — האָט די קראַנקע מיט אַ שטילען פער־טרעהרטען בליק אויף איהר געקוקט, — איך וויים שוין ביי וואָס איך האַלט... גאָט דער לעבעדיגער ווייסט, צי איך וועל נאָך ווען זעהן די זון שיינען אַזוי... — און בעהאַלטענדיג דאָס פנים אין די הענד אַריין, האָט זי געפרעגט גיטעלען, וועלכער טאָג היינט איז, און אַז גיטעלע האָט זי איבערגעפרעגט: צו וואָס? האָט זי געענטפערט:

— איך מוז, גיטעלשי, אין זינען האָבען, ווי איך האַלט אין דער וועלט. איך טאָר נישט אַזוי אַריבערלאָזען די מינוטען, אפשר וועל איך מיך נאָך צייט האָבען אויסצוקויפען פון מיינע זינד, ביז דער טאָג פון דין וחשבון אָבגעבען וועט אָנקומען.

און אַז עס איז געקומען איינמאָל פרייטאָג־צו־נאַכטס, ווען די בענש־ליכט אין די לייכטער אויפ׳ן גערעקטען טישעל האָבען דאָס שטיבעל אָנגעפילט מיט אַ בלישצענדיגער ליכטיגקייט, און אַרום דער קראַנקערס בעט זענען געזעסען עטליכע שכנ׳טעס און גיטעלע אויך צווישען זיי, אַלע אָנגעטהון שוין אין די שבת׳דיגע קליידער, האָט זיך מרים׳ל אויפ־געזעצט אויפ׳ן בעט, אַרומגעקוקט זיך און געפרעגט, וויפיעל דער זייגער האַלט; און מיט אַ פערטהוענקייט אין פנים און זיפץ אָב: אוי וועה, ווי שפעט עס איז שוין!... האָט זי זיך געהייסען דערלאַנגען קלאָרע וועש און געבעטען די ווייבער, אַז זיי זאָלען איהר העלפען זיך איבערטהון... אין שטיבעל איז געוואָרען אַ געוויינעריי. זי האָט זיי געהייסען שווייגען: ס׳איז היינט שבת... און הייסענדיג זיך דערלאַנגען נאָך אַ ביסעל יויך אויסצוזופען, האָט זי מיט דער זעלבער פערטהוענקייט געזאָגט: נו, מען מוז זיך שוין גרייטען אין וועג אַריין... און אַז דער זייגער האָט אויסגעשלאָגען צוועלף, איז איהר אויכגעלייטערטע נשמה אויפגעגאַנגען אין הימעל אַריין.

אַלע שכנ׳טעס פון דעם הויף האָבען זיך פערנומען מיט איהר רעכטהון, און זונטאָג בעגינען, ווען מען האָט זי פון שטוב אַראָבגע־

טראָגען צו'ם שוואַרצען וואָגען מיט די פּאָרהענגלעך, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען נאָך לעערען און שלאָפענדיגען הויף, האָט אַ געלאַרם און אַ געשריי פון דער מוטער און נאָך ווייבער אויפגעוועקט פון שלאָף דעם יונגען־מאַן, דעם רזשאָנזצע, וואָס איז אַזוי אויך שלעכט געשלאָפען די נאַכט איבער זיין הונגער, און ער האָט זיך אַצונד געשטעלט, ווי אַ בלייכע סטאַטוע, אין דעם אָפענעם פענסטער'ל פון זיין אוטער'ן דאַך־שטיבעל, אַראָבקוקענדיג וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר ווי! ווען מען זאָל פאַר איהם אַצונד אפילו אָבדעקען דאָס שוואַרצע טוך פון איבער דעם טויטענס געזיכט, וואָלט ער זי שוין אויך נישט דערקענט. זי איז געוועזען דאָס אונגליקליכע מיידעל, אונטער וועלכעס שטיבעל און אונטער די זעלבע שטיגען ער האָט געוואָהנט מיט פיער יאָהר צוריק און וועלכע האָט גע־האַט דאָס אונגליק פערפיהרט צו ווערען דורך זיין האַנד. עס קאָן זיין, אַז ער האָט די מוטער, וואָס איז איהם נאָכגעקומען, בשעת ער איז געשטאַנען אויף די שטיגען, אויך נישט דערקאָנט. נאָר פונדעסטוועגען — ווער קאָן עס וויסען...

# צווייטער קאַפּיטעל.

עס זענען אַריבערגעגאַנגען עטליכע טעג. דעם יונגענמאַנס לאַגע האָט זיך נישט געענדערט. גאַנצע נעכט האָט ער זיך געוואָרפען אויפ'ן געלעגער, ליעגענדיג מיט שטאַרק פערקוועטשטע ברעהמען אונטער'ן שטערן, דאָס געזיכט האָט אויסגעזעהן שטיל, נאָר שטאַרק פערטהון אין זיך אַריין. און די טעג, ווען ער האָט לאַנגזאַם שפּאַצירט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ און די הענד פערלעגט הינטער'ן רוקען, סיי ביי זיך איבער'ן נאָרען־שטיבעל, סיי אויף דער גאַס, וואו מענשען האָבען זיך געיאָגט און געלאָפען, זענען איהם אויך נישט בעסער געווען. אַז ער פלעגט זעלטען אַמאָל אויפהויבען דעם קאָפּ און וואַרפען אַ בליק פון אונטער'ן שטערען אַפער, איז ער געווען פינסטערער, ווי די נאַכט. נאָר פון דער טיעפעניש, ווי פון אַ שוואַרצען אָבגרונד האָט אַ שטיל בליש־צעל אַרויסגעשיינט — צו דאָס גאַנצע אַרומיגע. ביי איהם האָבען זיך געצויגען די טעג און נעכט צוזאַמען, און עס האָט איהם אַזוי ווייניג

אינטערעסירט, צי גערט אוועק דער טאָג און עס קומט אָן די נאַכט, אָדער פערקעהרט, און ער איז פּאַר זיי אַזוי גלייכגילטיג פאַרבייגעגאַנגען, ווי זיי וואָלטען געווען ביידע אוים איין שטיק אויסגעגאָסען, און ער — ווי אַ שווערער שלעפענדיגער שאָטען, וואָס ווייסט נישט פון קיין צייט און פון קיין אונטערשיעד. אַזוי פערזונקען נאָר מיט זיך אַליין, ווי ער האָט געלעבט נעכטען, האָט ער געלעבט אויך היינט און האָט נישט בעמערקט דאָס מינדעסטע פון אַרום. דאָך נאָך לאַנגע און שרעקליכע איבערלעבונגען האָט ער זיך מישב געווען, ער וועט נאָך אַמאָל אַרויפגעהען צו דעם זעלבען שכן, ד״ם יוד, וואָס ער איז שוין איינמאָל געווען ביי איהם — און אַצונד שוין מיט אַ בעשלאָסענהייט, נישט צו לאָזען זיך אויף קיין זייטיגע זאַכען, נאָר צו שמועסען באַלד וועגען דעם, נאָך וואָס ער איז געקומען.

און ער האָט זיך דערהויבען אויף די שטיגען אַ צווייט מאָל. אַצונד שוין נישט דורך דעם פאָדערשטען איינגאַנג, נאָר הינטען, וואו די דינסט זאָל איהם עפענען. און ער איז אַהין אַריין.

אין דעם שמאָלען לעגגליכען און דונקעלען פאָדער-צימער איז פּאַר איהם ווייטער געשטאַנען דאָס דיענסט-מיידעל מיט דעם צעפּודעלטען קאָפּ; און מיט איין האַנד אויף דער האַנד-הענבע פון דער קיך-טהיר, האַלטענדיג זי עטוואָס אויפגעשפּאַרט, אַזוי, אַז עס זאָל אַריינשלאָגען אַ ליכטיגע שיין דאָ אַהער אין דער פינסטערניש, האָט זי האַלב אַרויסגעבויגען מיט דעם אויבערשטען טהייל קערפּער צו איהם אין דעם שמאָלען איינגאַנג, געשטאַנען אויף דער שוועל איינגעדרעהט מיט דעם רוקען צו דער טהיר און געקוקט אויף איהם און זיין פינסטער פנים מיט אַ שטילען שרעק...

— וואָס זשע האָט איהר מורא? — האָט ער פּלוצלינג געפרעגט.

— וואָס איך האָב מורא?... ליעבער הערר... וואָס האָט איהר געוואָלט?... האָט זי געפרעגט, קוקענדיג איהם שיין שאַרפער אין די אויגען אריין, ווי די שרעק וואָלט ביי איהר געוואַקסען אויפ׳ן געזיכט צוועהענדיג.

— איך האָב גאָרנישט געוואָלט... — האָט ער געזאָגט פון צווישען די ציינער — נאָר זייט אַזוי פריינדליך און מעלדעט דעם הערר

איערען, אז א מענש וויל אריינקומען צו איהם... דארף עפּעס צו איהם.

— באַלד. — האָט דאָס מיידעל געזאָגט, און אָבלאָזענדיג די טהיר און עפענענדיג די וויטערע, די צווייטע, איז זי פערשוואונדען געוואָרען אין דער גרויסער מיטעל־שטוב. אין א ווייל אַרום איז זי צוריק אַריינגעקומען און געזאָגט:

— גוט, דער בעל בית בעט אהין. — און ווען זי איז צוריק געגאַנגען צו דער קיך איז ער שוין געשטאַנען דאָרט אינעווייניג.

אין דער אָפענער טהיר פון א בעזונדער קאַבינעט, וואָס געהט אַריין אין דער גרויסער שטוב, איז שוין געשטאַנען דער בעל בית, און דערזעהענדיג דעם יונגענמאַן האָט ער פריינדליך געזאָגט:

— מיט וואָס קאָן איך אייך יעצט דיענען?

— „יעצט" — האָט דער יונגערמאַן איבערגעקייעט, — און אַביסעלע פערנייגענדיג זיך האָט ער ווייטער געזאָגט: — איך האָב געוואָלט פון אייך עפּעס בעטען...

— איהר האָט עפּעס צו שמועסען? — האָט דער אייגענטהימער געפרעגט — זייט אַזוי גוט, קומט אריין אהער. — און אָבטרעטענדיג אויף הינטערווייליכטס מיט אַ טריט צוריק אין קאַבינעט, האָט ער אַריינגעלאָזט צו זיך דעם יונגענמאַן.

— איהר זענט, דאַכט זיך, דער זעלבער, וואָס איז דאָ געווען מיט עטליכע טעג צוריק? — האָט פלוצלינג און אונגעריכט אַ פראַגע פון דעם אייגענטהימער דעם יונגענמאַנס צעשטרייטע געדאַנקען איבערגעריסען.

— יאָ... דאָס בין איך דער זעלבער. — האָט אויך דער יונגערמאַן פלוצלינג און נישט ווילענדיג געענטפערט. אַ ביסעל בייז, און באַלד ווי אַליין פאַר זיך עפּעס אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט ווייטער, אַקצענטירענדיג די ווערטער: — נאָר דעמאָלט איז געוועזען עפּעס אַנדערש.

— מיט וואָס? — האָט דער בעל בית געפרעגט.

— מיט דעם, וואָס איך האָב נאָך אויך דעמאָלט געוואָלט וועגען דאָס אייגענע שמועסען... נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר עפּעס

אַנדערש... — האָט ער דאָס לעצטע וואָרט, ווי נעצווינגען דורך די ציינער, אויסגערעדט. ער איז פּלוצלינג שטיל געבליבן, אין פּלוג אָנגעהמענדיג צייהן. און ער איז פּלוצלינג שטיל געבליבען, אין פלוג אָננעהמענדיג אַ פערדריסליכען אויסזעהן, ווי ער וואָלט זיך געפיהלט פון עפּעס בעליידיגט.

— זיצט, זיצט... — האָט איהם דער בעל בית אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל.

— דאַנק... איך האָב אייך נאָר געוואָלט עפּעס בעטען: לויט אייער שטעלונג, וואָס איהר פערנעהמט אַנטקעגנען די אַלע לאָקאַטאָרען פון דעם הויף, איז מיר אַ סך ווינשענסווירדיגער זיך צו ווענדען צו אייך מיט דאָס, וואָס איך וויל בעטען, ווי צו אַנ׳אַנדערן, רעכענענדיג, אַז איהר וועט מיר קאָנען העלפען.

— צו׳ם ביישפּיעל: וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

— דאָס איז אייגענטליך גאָר נישט קיין גרויסע זאַך. — האָט ער פערמאַכענדיג דאָס געזיכט און פינסטערליך קוקענדיג אויף דעם בעל בית געענטפערט — נאָר ווי באַלד איהר קאָנט דאָס...

— עס קאָן זיין, — האָט דער איינענטהימער צונעקוועטשט מיט די אַקסלען.

— איך האָב נאָר געוואָלט אַ שמעלע בעטען, און געווענדט זיך צו אייך, חייל איהר קאָנט אפשר גיכער דאַרפען אַ מענשען, ווי די אַלע, צו וועלכע איך קאָן האָבען אַ פאָרשטעלונג אַריינצוגעהן צו זיי אין שטוב...

— דאָס אייגענטליך?...

— נישט מעהר.

— און ווי רופט מען אייך? — האָט דער בעל בית ווייטער פּלוצלינג און פאַר דעם יונגענמאַן אונגעריכט געפרעגט.

— צי אין דעם איז דען עפּעס אַנ׳אונטערשיעד? — האָט דער יונגערמאַן צוריק געפרעגט.

— ניין, נישט קיין גרויסער אונטערשיעד, — האָט דער בעל בית נישט קוקענדיג איהם אין פּנים אַריין געענטפערט, — נאָר אויב איך וועל וועלכען סוחר עס איז פון מיינע בעקאַנטע פרעגען, צי ער דאַרף נישט קיין מענשען אין זיין געשעפט, זאָל איך איהם חיסען אַ נאָמען אָנצוגעבען.

— איך וואָהן דאָך דאָ אויף דעם הויף. — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט.

— ווענען דעם ווייס איך... און איבעריגענס, דערווייל איז עס נישט נויטיג אויך... — דער יונגערמאַן האָט אָנ׳אָטעם גענעבען:

— איך בעט אייך איבער, — האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט — צי איהר שפירט זיך עפּעס בעריהרט?

— ניין... פאַרוואָס? — האָט דער בעל בית גוטמוטהיג געענטפערט.

— ט, איך קאָן דאָך אייך נישט זאָגען מיין נאָמען... עס וועט דאָך אויסקומען, ווי איך בין מיך געקומען פאַר אייך פאָרשטעלען... האָט דער יונגערמאַן העפטיג און אַ ביסעל מיט אַ וועהטאָגליכקייט אין געזיכט אַרויסגעזאָגט.

— בערוהיגט אייך, ליעבער מענש, — האָט איהם דער בעל בית געזאָגט — איך האָב דאָך אייך נאָר גלאַט אַזוי צוליעב שטייגער געפרעגט. איהר ווייסט דאָך, דאָס איז דאָך שוין אַזוי די געוואוינהייט ביי מענשען — נאָר אויב איהר קאָנט נישט זאָגען, איז ביי מיר אַזוי אויך רעכט. וואָס איך קאָן פאַר אייערטוועגען טהון, חעל איך אַזוי צי אַזוי מיט דאָס זעלבע אייך בעהילפיג זיין.

— דאַנק... האָט דער יונגערמאַן דעם אָטעם אָבגעחאַפּט.

— און אַצונד וועט איהר מיך ענטשולדיגען, — האָט דער בעל בית ווייטער פלוצלינג געזאָגט, אויפשטעהענדיג פון שטוהל — וואָס איך געה אַריין צו מיין פרוי אויף איין קליינער ווילע, אויב עס מאַכט אייך נישט אויס צולאָזען אייך אַליין.

צווישען זיי ביידען איז פאָרגעקומען אַ מינוט פון טיעפען שטילשווייגען.

— איך וועל אפשר אויך שוין געהן... — האָט דער יונגערמאַן נישט אויפהויבענדיג די אויגען געזאָגט.

— ניין, קלערט נישט דאָס... איך קום שוין צוריק. — האָט דער בעל בית איהם געבעטען. דער יונגערמאַן האָט אַ ניג געטהון מיט׳ן קאָפּ, און דער בעל בית איז אַרויס פון דעם צימער אין זיין פרוי׳ס צימער אַריין.

דאָרט איז זי געזעסען ווי אלע מאָל אַ פּערזאָרגטע ביי דעם פּענ־סטער, אונטערגעשפּאַרט אַ האַנד אונטער'ן פּנים.

ווען דער מאַן איז אַריין, האָט זי נאָר איהרע ברעהמען אויפגע־הויבען אַנטקעגען איהם און מיט שטילקייט זיי צוריק אַראָבגעלאָזט.

ער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטוהל אנטקעגען איבער איהר, און אָנגעהויבען:

— נימעלע, עפּיס אַ יונגערמאַן, וואָס נויטיגט זיך, זעה איך, זעהר אין הילף, איז ערשט דאָ ביי אונז אין שטוב, און ער בעט אַ שטעלע.

— און דו ביזט עפּעס אַ געשעפטס־מאַן? — האָט זי איהר שטילען בליק אויפגעהויבען אויף איהם.

— וואָס הייסט, איך בין נישט קיין געשעפטס־מאַן. נו האָב איך בעקאַנטשאַפט מיט געשעפטס־לייט...

— נו טאָ קאָנסטו, שאַף איהם אַ שטעלע, פון קיין איבערמוטה קומט ער דאָך נישט בעטען...

— גאַנץ געוויס נישט, גאַנץ געוויס נישט. — האָט ער מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקעלט — נאָר פאַר וואָס זשע ביזטו ביז... איך האָב געמיינט, אַז ווייל דיר איז אומערדינג שטענדיג, דיר איז שלעכט אויפ'ן האַרץ שטענדיג, וועל איך דיר אָנמאַכען אַ שטיקעל פערגעניגען דער־מיט, וואָס דו וועסט קאָנען אַ מענשען אַ טובה טהון..

זי האָט נאָר ווייטער אויף איהם אויפגעהויבען אַ שטילען בליק.

— נו טאָ וואָס זשע זאָגסטו, נימעלע? — האָט ער בעטענדיג געפרעגט.

— איך האָב דאָך שוין געזאָגט... אַ מענש בעט אַ טובה, דאַרף מען איהם טהון.

— און דו אַליין ווילסט דיך נישט דערמיט פערנעהמען...

זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין:

— דערווייל נישט...

און דער מאַן פערקוועטשענדיג מיט די פּלייצעס האָט זי צוריק פערלאָזט.

— איהר קאָנט האָפען אויף אַ שטעלע — האָט ער אַריינקומענדיג צוריק אין זיין קאַבינעט זיך געווענדעט צום יונגענמאַן. — נאָר לויט ווי איהר האָט געהערט פריהער, ווי איך האָב אייך בעמערקט, אַז סאָמער פרעג איך אַ בעקאַנטען סוחר, צי דאַרף ער נישט קיין מענשען אין זיין געשעפט — פערשטעהט זיך, אַז נישט בּיי מיר... ווייל איך האָב קיין געשעפט נישט, נאָר איך קען אייך רעקאָמאַנדירען.

— נו, איז נישט בּיי אייך, נאָר אַבּי אַ שטעלע — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט, און זיך אַבּווענדענדיג האָט ער געוואָלט חי שוין אַרויסגעהען, האַלטענדיג אָפען דאָס מויל צו זאָגען אַ גוטען טאָג און מיט אַנ׳אויסדריק אויפ׳ן פנים, צו האָפען די רגע, ווען צו געבּען זיך אַ נייג.

— נאָר... ערלויבּט זשע נאָר... — האָט דער בּעל בּית איהם חי איבּערגעריסען — איהר וואָהנט דאָ אין דעם הויף, וואו זשע וועט מען אייך ווּיסען צו זוכען ?

— אויף דעם בּוידעם-שטיבּעל, אָט דאָ... אַנטקעגען איבּער אייערע פענסטער.

— גוט... — האָט דער בּעל בּית געזאָגט — נאָר איך וועל אייך זאָגען בּעסער : קומט אַריין צו מיר אַלע טאָג. כּל זמן איך וועל אייך נישט קאָנען בּעהילפיג זיין מיט דער שטעלע, אַ טאָמער וועט איהר זיך דערווייל אין עפּעס נויטיגען...

— דאַנק... האָט דער יונגערמאַן זיך פריינדליך פערנייגט — און נאָך דריקענדיג איהם די האַנד פאַר זיין אַוועקגעהען, האָט זיך דער בּעל בּית דערווייל פאַר איהם פאָרגעשטעלט :

— אַבּרהם... — האָט ער איהם געזאָגט.

— און איך... — האָט דער יונגערמאַן געדרונצעלט דעם שטערען — ס׳איז נישט קיין נפקא מינא... זאָל זיין גלאַט אַווי אַ מענש... ענטשולדיגט...

— נו, נו, נישט קשה, עס מאַכט נישט אויס!... — האָט דער בּעל בּית צוריק געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ, דריקענדיג איהם שטאַרק די האַנד, און אַרויס, בּעגלייטענדיג איהם צו דער טהיר פון זיין קאַבּינעט.

— דאָ, דאָ... — האָט ער דעם יונגערמאַן צוגעטײט מיט'ן פינגער צו'ם פאָדערשטען אײנגאַנג, זעהענדיג, ווי ער וויל אַרויסגעהן דורך דעם אײנגאַנג, וואָס איז פאַרבײ דער קיך. — און פערגעסט נישט אַרײנצוקומען. — האָט איהם דער בעל בית נאָכגעשריען, ווען יענער איז שוין געשטאַנען אין דער אָפענער טהיר, פון וואַנען ער איז באַלד אַרויס אויף די שטיגען.

דאָ האָט ער ערשט פרײער אָבגעעטעמט, נאָר בלײבענדיג באַלד אָבגעשאָקעלט, ווי פון אַ געדאַנק, וואָס האָט זיך איהם מיט אַ ביטערער גרימאַסע צעלײגט איבער'ן פנים:

„ער האָט מיך אײנגעלאַדען קומען צו איהם אין שטוב — כל זמן ער וועט מיר נישט קאָנען העלפען און איך וועל מיך דערווײל אין עפּעס גוטיגען...?"

„טאָ וואָס זשע בין איך פאַר אַ נישט — האָט ער ווײטער אין דער שטילקײט געטראַכט — וואָס איך האָב אַזוי העפליך אָנגענומען זײן אײנ־לאַדונג?... צי קאָן ער אויך קלערען, אַז איך בין גרייט שוין צו געהן בעטלען נדבות?"..

„ניין, מיין ליבער פריינד, דאָס וועט נאָך אַזוי נישט בלײבען!"... — איז ער געשטאַנען אין אַ ביטערליכער לאַגע און גע־טראַכט און שוין האַלטענדיג צוריק דאָס גלעקעל אין דער האַנד, האָט ער עס אַ ציה געגעבען. דאָס גלעקעל האָט זיך דאָרט אינעווייניג יאָמערליך צעשריען, פון וואָס דער בעל בית איז באַלד אַרויסגעקומען, בלײבענדיג שטעהען אין דער אויפגעמאַכטער טהיר, און פערוואונדערט געפרעגט:

— וואָס איז עס?

— גאָרנישט... — האָט דער יונגערמאַן געקוקט איהם אין פנים אַרײן, פינקלענדיג מיט די אויגען — איך האָב נאָר געוואָלט אײך זאָגען, אַז איהר זאָלט ניט מײנען, אַז איך בין שוין בײ מיר אַזוי געפאַלען, אויב איך קום בעטען אַ שטעלע...

— גאָט איז מיט אײך — האָט איהם דער בעל ביתאָנגע־קוקט — ווער שמועסט דאָ פון געפאַלענקײט?... געװײהנליך, אַ מענש זוכט אַ שטעלע, און וועלכער מענש האָט עס דען נישט קײן בעשעפטיגונג?

— יאָ, אַט אַ דאָס טאַקי... אָבער נישט מעהר!

— חלילה, ווער מיינט דען מעהר!...

— און דאָס וואָס איהר זאָגט, אַז טאָמער וועל איך מיך דערוויייל נויטינען אין עפּעס, איז אינגאַנצען נישט נויטיג, איז אינגאַנצען איבעריג, פערשטעהט איהר... — האָט ער צונעטאַ קוועט.

— טאָ, וואָס זשע, איהר זענט אַליין אפשר אַ רייכער? — האָט דער בעל בית איהם איבערגעפרעגט אויך שוין מיט אַ ביסעל וועהטאָג-ליכקייט אין געזיכט.

— אה, דאָס נישט... — האָט דער יונגערמאַן אַראָבגעלאָזט אַ בי-סעל די אויגען — ווען דאָס, וואָלט איך אַצונד נישט גערדאַרפט און נישט געוואָלט אויך שטעהן אין אייער טהיר...

אַ שטילקייט האָט איינגעטרעטען צווישען זיי, אָנקוקענדיג זיך איינער דעם אַנדערען אין די פּנים'ער, און דער דאָזיגער מאָמענט האָט געדאַרפט אַוודאי וועגען עפּעס וואָס עס איז ענטשיידען... נאָר דער בעל בית איז נעשטאַנען פאַר איהם ווי אַ פערשולדיגטער און זיך פערענטפערט:

— גלויבט מיר, אַז איך האָב אַייך נישט געמיינט צו בעליידיגען... איך ווייס מיין פפליכט: אַ מענש אָהן מעגליכקייטען בעהילפיג צו זיין, און אויב אַייך פערדריסט אַביסעל, אויך מיין דאגה... וויל איך מיך אויך ערשט גאָר נישט רעכענען מיט אַייך... נו, איהר האָט עפּעס דאַגעגען?...

— ניין, איך האָב גאָרנישט דאַגעגען. —

— נו איז שוין גענדיגט?

— יאָ... — האָט דער יונגערמאַן אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ, פערביינענדיג זיך.

דער איינענטהימער האָט צוריק פערמאַכט די טהיר.

„פונדעסטוועגען ביזמו אַליינהערשער... — האָט דער יונגערמאַן שטעהן בלייבענדיג הינטער דער טהיר, שוין אַליין פאַר זיך נאָכגע-יעגקט — „פונדעסטוועגען, האָסטו געזאָגט, אַז דיין פפליכט איז גאָר אינ-אַנצען זיך נישט צו רעכענען מיט מיר"... און אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, שוין געשטילט אַביסעל, האָט ער אָנגעהויבען לאַנגזאַם זיך אַראָבצולאָזען איבער די טרעפּען.

פונדעסטוועגן איז ער צומאָרגנס אין דערפריה אַרויפגעגאַנגען צו דעם בעל בית אין שטוב, און האָט געבעטען ענטשולדיגונג.

— איהר האָט זיך נעכטען עפּעס בעליידיגט? — האָט ער נאָך אַ קליינער ווײַלע שוויגענדיג זיצען איהם געפרעגט.

— ניין, גאָרנישט... אינגאַנצען גאָרנישט. — האָט איהם דער בעל בית געענטפערט.

— נו, יאָ... איך פערשטעה דאָך... — האָט דער יונגערמאַן צונעטשעקעוועט — אפילו אַז יאָ, וועט איהר דאָך מיר אויך זאָגען, אַז נישט...

— פאַר וואָס זשע זאָל איך אײַך זאָגען, אַז נישט...

— ווייס איך... — האָט דער יונגערמאַן אַ ציה געגעבען מיט די ברעהמען — דאָס איז שוין אַזוי די וועלט אַ מאַניערע...

— טאָ פאַר וואָס זשע וואָלט איך מיך געהאַט פאַר אײַך צו פערהוילען?

— דאָס אייגענטליך פרעג איך... וואָרום מיר זענען דאָך מענשען, מענשען, וואָס פיהרען אַ זעלבסטשטענדיג לעבען, און דאַרפען זיך נישט אָבלערנען אַלע שטותים, פאַלשהיים, אונטערגענאַ־רעריי פון דער מענשהייט... — האָט ער מיט אַ מאָן פון אַ פרעדיגער אויסגעלאָזט.

— נאָר פון וועמען האָט איהר געוועהן, אַז ער זאָל זיך האָבען אָבגעלערענט פאַלשהיים און נאָך די אַלע שטותים...

— איהר זעהט שוין — האָט ער ווייטער צונעטשאָקעוועט — איהר פיהלט זיך שוין ווייטער בעליידיגט... אָט דאָס טאַקי איז עס; אַזוי דער מענש, דער איינצעלנער, ווי דער כלל, ווי עס קוסט פאַר אַן אמת וואָרט...!

— אָבער גאָט איז מיט אײַך — האָט דער בעל בית אויסגעשריען — אין גאַנצענטהייל, איך האָב דאָך מיך נישט בעליידיגט.

— זאָגט איהר, אַז ניין?...

— ניין.

— נו, אויב אַזוי, קאָן איך גיכער האָפען, אַז איהר זענט מעהר

אמת'דיגער מענש, וואָס אָנבעלאַנגט אין בעציהונגען צו מענשען, ווי אַלע אַנדערע זענען עס. און ווייטער וואָס אָנבעלאַנגט מיין ערשט-דינער נייער בעקאַנטשאַפט מיט אייך, קאָן איך זאָגען, אַז איך בין זעהר צופריעדען. נאָר איך וואָלט נאָר נישט געשמערט אייך מיט מיין געגענוואַרט...

— פון וואַנען זשע נעהמט איהר דאָס?

— וואָרום איך וויס, אַז מענשען ווערט מען גיך צוגעגעסען...

— ניין, זעהט איהר, איך פיהל עס נישט אַזוי... — האָט דער בעל בית אַ פערשולדיגטער געזאָגט.

— נו, ווי אַזוי זשע קאָנט איהר דאָס נישט פיהלען אַזוי?...

— נו, איך פיהל עס נישט אזוי, נו טאָ וואָס זשע זאָל איך טהון?

— דאָס איינענטליך פרעג איך דאָך, פאַר וואָס זאָלט איהר דאָס נישט פיהלען אַזוי, ווען עס איז דאָך אַזוי?

— ווי איך זעה — האָט דער בעל בית מיט אַנ'אונטער-געגעבענהייט געזאָגט — ווילט איהר מיך נאָר פייניגען מיט נישט אָנגע-טרווישאַפט?

— אַזוי איינענטליך האָט עס געדאַרפט אָננעהמען אַ פאָרם ביי אייך, מיינע רייד... פון וועלכע איהר, ענטשולדיגט, זעהט אויס, אַז איך מיין אייך צו פייניגען מיט נישט פערטרוויליכקייט, און במילא זאָל שוין דערפון אַרויסקומען אַ נייע בעליידיגונג אויף אייער זייט... נאָר ענטשולדיגט... אַזוי טאָר נישט זיין. אַ מענש טאָר זיך נישט בעליידיגען אַ ליאַדע קליינינקייט... און איבער וואָס? ווייל אַ מענש שטעהט פאַר אייך, און בעט זיך מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס נישט מעהר ווי דעם אמת... און איך האָב דאָך אייך נישט געמיינט צו בעליידיגען. איך האָב נאָר געזאָגט: אַז אַ מענש קאָן מענשען צוגעגעסען ווערען...

— נו, הערט זשע, וואָס איך וועל אייך זאָגען, — האָט דער בעל בית אָנגעהייבען קראַצענדיג זיך דאָה בערדעל, — וואָס זשע וועט איהר מיר זאָגען אויף דערויף, אויב איך וועל אייך זאָגען, אַז איך האָב מיך ווייטער נישט בעליידיגט, און אַז אַ מענש זאָל ווערען צוגעגעסען מענשען, פיהל איך ווייטער נישט?

— נו איז דאָס זשע הייסט עס, װאָס איך זאָג דאָ — גאָר־ נישט?...

— נו גאָרנישט...

— הייסט עס, אַז איהר פערשטעהט עס יאָ.

— יאָ... נאָר דאָס איז גאָרנישט...

— ניין, בעססטער הערר... דאָס איז עפּעס! איבערהויפּט נאָך פאַר אַזאַ שטיב, ווי אייערע, וואָס איז שטענדיג געװאוינט מיט דער שטילקייט און מיט דער אָבגעזונדערטקייט פון מענשען.

— נו יאָ, נאָר איהר מיינט, אַז איך לייד נישט קיין מענשען.

— איך זאָל אייך נישט בעליידיגען... איך זעה דאָך אייך שטענ־ דיג איינע אַליין זיין אין שטוב, און אויבער דעם דיענסט־מיידעל איז דאָך שוין דאָ הינען מעהר קיינער נישטאָ, און קומט נישט אויך.

— נו יאָ, נאָר פונדעסטוועגען איז עס נאָך נישט אַזוי..

— ווייס איך נישט... נאָר ווי איך זעה, זיצט איין פרוי שטענדיג איינע אַליין אַ פערזאָרגטע ביי'ם פענסטער...

דעם בעל בית האָט זיך עפּעס געשטעלט אין האלז:

— פון וואַנען זשע ווייסט איהר דאָס אַלץ... — האָט ער אָבּ־ הוסטענדיג געפרעגט.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך בין „רושאַנדצי“ אין דעם הויף, און איך האָהן דאָ פונ:ם אַנטקעגען איבער אייערע פענסטער.

— פונדעסטוועגען איז עס נאָך נישט אַזוי... — האָט ער אַ צווייט מאָל, און ווייטער אָבהוסטענדיג בעשטעטיגט.

— אפשר — האָט דער יונגערמאַן צוגעשטימט האַלב פערקווע־ טשענדיג מיט די אַקסלען — סיידען ביינאַכט, ווען די שטאָרען זענען אראָבגעלאָזט...

— טאַקי אַזוי, עס איז טאַקי אַזוי... — האָט זיך דער בעל בית ווי אויפגעכאַפּט מיט אַ בלישצעל אין די אויגען — און דאָס וואָס איהר זעהט מיין פרוי זיצען פערזאָרגט ביי'ם פענסטער... דאָס איז איבער

אַ געוויסע אורזאַך... האָט ער זיך צו'ם יונגען מאַן פלוצלינג צוגע־בויגען, ענדערענדיג דעם טאָן און געקוקט איהם מיט אַ שטילקייט אין די אויגען אַריין.

— וואָס איז דאָס אַזוינס, אויב עס קאָן אייך נישט בעליידיגען מיין פרעגען? — האָט דער יונגערמאַן אויך שטילער און צוגעבויגען געפרעגט.

— דאָס איז גאָרנישט... — האָט דער בעל בית אַ שאָקעל גע־געבען מיט דעם קאָפּ און אַ מאַך צו מיט דער האַנד, וועלכעס האָט די שטילקייט צווישען זיי און דאָס קוקען זיך אין די אויגען אַריין נאָך פער־דאָפּעלט — מיר האָבען גאָר נישט קיין קינדער...

— אַזוי... — האָט דער יונגערמאַן זיך פער'יאונדערט — אויב אויף אַזאַ אופן איז אַ פרוי אַ שרעקליך בעליידיגטע...

— פערשטעהט איהר שוין... — האָט איהם דער בעל בית נאָך אָנגעקיקט אַלץ גלייך אין די אויגען אַריין.

— יאָ... און מיט וואָס בעשעפטיגט איהר אַליין זיך, ערלויבט מיר צו פרעגען.

— דאָס צו וואָס האָט דען?...

— ניין, נישט צו גאָרנישט. נאָר אויב איהר ווילט דאָס מיר אַזוי גוט זיין און אויסוואַרטען אַ ביסעל, וועל איך אייך שוין שפּעטער זאָגען.

— מיר האָבען שוין געשמועסט וועגען דעם, אַז בּיי מיר זענען בּיינאַכט די פענסטער פערשטעלט... איך לעב פון בּאָרגען געלד. און צו מיר קומען אין אָווענד סוחרים, וואָס דאַרפען לייהען, און ווילען נישט קאָמפּראָמיטירט ווערען...

— און איהר נעהמט גרויסע פּראָצענטער?

— יאָ. פאַרוואָס זשע דאָס נישט?

— ניין, איך זאָג נישט... נאָר ערלויבט זשע אייך ווייטער צו פרעגען: צו וועלכען ציעל?...

— דאָס פרעגט איהר שוין ווי אַ קינד... איך זאָל אייך נישט בעליידיגען — האָט דער אַלטער איהם געענטפערט מיט אַ גוטמוטהיג

שמייכעלע — וואָס הייסט: צו וועלכען ציעל? צו וועלכען ציעל באָרג איך געלד. כדי איך זאָל נעהמען פּראָצענט. איהר מיינט, אז גלאַט אַזוי געלד באָרגען איז עפּעס אַ בעשעפטיגונג? ניין. דאָס בעשעפטיגונג ליעגט אין פּראָצענט נעהמען...

און דאַדורך וואָס גרעסער דער פּראָצענט, אַלץ גרעסער פיהל איך מיך בעשעפטיגט... איך ווייס, למשל, אַז עפּעס טהוט זיך אין דעם, אַז עפּעס ווערען די רעכענונגען אַנדערש פון טאָג צו טאָג, עס דאָפּעלט זיך, עס גרעסערט זיך און וואַקסט, מיט איין וואָרט, עס שטעהט נישט אויף איין אָרט. און דאָס הייסט די צופריעדענהייט, איהר פערשטעהט... אַז עפּעס אַרבייט זיך, עפּעס שטעהט נישט ליידיג, און איבערהויפּט, וואָס מען ווייסט נאָך, אַז דאָס אַלץ שטאַמט פון מיר, ווייל איך, נעהמענדיג עס אין מיינע הענד אַריין און אויף מיינע געדאַנקען, האָב עס אַזויערנאָך איינגעשטעלט און אייגגע-אָרדענט...

— איך פערשטעה, — האָט דער יונגערמאַן איהם צוגעגעבען.

— פערשטעהט איהר יאָ?... האָט דער בעל בית אויף איהם געקוקט מיט אַ וואונדערליך בלישצעל אין די אויגען און האַלב אָפען מויל, — און אָט אָ דאָס איז מיין בעשעפטיגונג... — האָט ער אייף צו'ם לעצט נאָך צוגעטאַקעוועט.

— און פון דאַנען זשע אויך האָט איהר בעציהונגען מיט סוחרים, אַז איהר זאָלט מיר קאָנען בעהילפיג זיין אין אַ שטעלע?

— פערשטעהט זיך... — האָט דער בעל בית מיט אַ זיכערקייט אין קול איהם צוגעגעבען.

זיי זענען נאָך געזעסען לאַנג איינער אַנטקעגען איבער דעם אַנדערען און געשוויגען, ווי דער יונגערמאַן האָט די גאַנצע צייט אַלץ נאָר געהמאַרעט מיט די ברעהמען און פּלוצלינג אַ פרעג געטהון:

— און פאַר וואָס האָט איהר קיין קינדער נישט?...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע! — האָט איהם דער בעל בית אָנגעקוקט.

— ... ענטשולדיגט? — איז דער יונגערמאַן געבליבען ווי איבער-

געשלאָגען אין דער מיט, און אַראָבגעלאָזט דאָס פּנים — מיר איז נאָך אַלץ געלעגען אין זינען וועגען פריהערדיגען געשפּרעך... — האָט ער צו־געגעבען.

און אויפשטעהענדיג פון אָרט האָט ער זיך אַ פּאָר מאָל שטיל אַרומגעקוקט איבער'ן צימער, און זאָגענדיג דעם בעל בית: אויף ווידערזעהן! איז ער אַרויסגעגאַנגען.

„נאָר פּאַר וואָס זשע האָט איהר נישט קיין קינדער?"... — האָט ער זיך אַליין פאָרגעוואָרפען מיט אַ בייז געלעכטער, שוין שטעהענדיג אויף די שטיגען, און האָט שוין יענע נאַכט אַ גאַנצע נאַכט נישט גע־קאָנט שלאָפען דעריבער... ביז ער איז אַ צווייט מאָל געווען ביי דעם בעל בית אין שטוב.

און דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבען אַזוי:

— איך האָב דאָך אײך נישט געמיינט צו פרעגען, פאַר וואָס איהר האָט נישט קיין קינדער... ווייל דאָס האָט דאָך קיין זינען נישט... אויב אײנער האָט נישט, נו האָט ער נישט, נאָר אָט וואָס איך האָב געמיינט... איך האָב געמיינט: צי וואָלט שוין נישט געווען קיין מעג־ליכקייט: אַז איהר זאָלט נאָך האָבען?...

— ניין, מיין פריינד, שוין נישט אין מיינע יאָהרען איז נאָך צייט ערשט אָנהויבען צו קלערען וועגען קינדער „ערשט" האָבען, — האָט דער בעל בית די לעצטע ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט אַ בעזונדערער צו־שאָקלונג פון קאָפּ.

— פונדעסטוועגען — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט, אַרויפציהענדיג די ברעהמען, און ווי פאַר זיך זעלבסט אַ שאָקעל צו געטהון מיט'ן קאָפּ — איז נאָך אײער פרוי גאָר יונג. —

— יאָ, נו טאָ וואָס זשע?

— און מענער, ווי מען זעהט אָפט, האָבען נאָך קינדער אפילו צו זעבציג יאָהר...

— נו, יאָ, דאָ איז עס נישט צו'ם אָרט...
— און איך וואָלט אײך געראַטען — נאָך קורירען זיך.
— נו, איך וואָלט נאָר נישט געהאַט דאַגעגען, ווען זי זאָל מיך נאָר הייסען.

— וואָס! הייסט זי אַליין נישט? האָט זי שוין בעשטימט איהר גורל צו טראָגען אַזוי?...

— מילא — האָט דער יוד געענטפערט — וואָס זשע זאָל מען טהון? אַז זי פערלאַנגט שוין אַליין נישט...

— ניין. דאָס איז ביי מיר אַ רעטעניש. איך וואָלט גערן געקענט די פרוי, וואָס פערלאַנגט נישט קיין קינדער האָבען.

— אדרבה, בעקענט אייך מיט איהר, און שמועסט מאַקי מיט איהר אייך וועגען דעם.

— זאָל איך מיט איהר שמועסען? צי איהר מיינט, אַז פאַר אַ פרוי איז דאָס אַ קליינע בעליידיגונג?

— אָבער בעקענען זיך מיט איהר מעגט איהר דאָך.

— נו, איז בעקענען... אָבער עס זאָל גאָרנישט געשמועסט ווערען וועגען עפּעס עהנליכעס אין מיין געגענוואַרט. אַה, ווער עס ווייסט נישט, ווי אונגליקליך און פערשעמט געגען לייט אַ יודענע פיהלט זיך, אויב זי האָט קיין קינדער נישט.

ביידע זענען אַריין אין צימער, וואו זי איז געזעסען.

— נו, וואָס זשע מאַכסטו, גוטשעלע? — האָט דער אַלטיטשקער געפרעגט.

זי האָט אויפגעהויבען איהרע ברעמען, דערזעהענדיג איהם מיט דעם יונגענמאַן, און מיט אַ שטילקייט זיי צוריק אַראָבגעלאָזט.

— אָט דאָ האָב איך די עהרע מיין פריינד פאַר דיר פאָרצושטע-לען, גיטעלע, אונזער ביידענס אַ פריינד.

זי האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען פון דעם שטוהל, און דערלאַנגט דעם יונגענמאַן די האַנד, און ער האָט זיך שמאַרק פערנייגט.

— פאַר וואָס זשע זיצטו נאָר אַזוי אין שטוב? — האָט דער מאַן געפרעגט.

— צו וועמען זאָל איך געהן, וואָס האָב איך, אַ קרוב, אַ גואל?...— האָט זי געפרעגט און טרעהרען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

דער מאַן איז געקומען אין דער העכסטער פערצווייפלונג:

— די גאַנצע וועלט האָט וואוהין צו געהן: אין אַ גאָרטען, אין אַ געזעלשאַפט, נאָר דו האָסט נישט.

נאָר דאָ האָט זי זיך אינגאַנצען צעוויינט:

— די גאַנצע וועלט. דו גלייכסט מיך אויך צו דער גאַנצער וועלט?

שוין, מעהר האָט זי שוין נישט געקענט אַרויסרעדען, איהר האַל' האָט געהליפעט, און אַ שטראָם טרעהרען האָבען זיך איהר אַ גאַס געטהון פון די אויגען איבער'ן פּנים, און געלאָפען מיט אַ געשווינדיגקייט, איין טרעהר נאָך דער אַנדערער.

ביידע מענער האָבען זיך פערלוירען און זענען געשווינד אַרויס פון איהר צימער, דער אַלטער מיט אַ וועהטאָגליכקייט און אויסגעלאָשענהייט אין די אויגען, און דער יונגערמאַן מיט אַ כּעס, מיט אַ פּייערל און אַ שטאַרקע פרעטענזיע צו זיך אַליין, וואָס ער האָט דאָ אויפגערודערט...

— נאָר אַ מעהר, אין דעם — האָט ער צו'ם אַלטען אויסגעשריען, שוין זייענדיג צוריק מיט איהם אין דער גרויסער שטוב — זענט איהר דאָך אַליין שולדיג. איך האָב דאָך אייך געבעטען, אַז איהר זאָלט גאָרנישט טענה'ן, גאָרנישט אויפרודערען בּיי איהר אין האַרצען. איהר ווייסט, וואָס עס הייסט דאָס אַזוינס קרענקען אַ בעליידיגט מענשען? איהר פערשטעהט דאָס, איהר פיהלט דאָס? — איז ער אַרויס אויף איהם מיט אַ צופלאַקערונג נאָר אַיינצושלינגען.

— גוטיטשקער פריינד — האָט זיך דער אַלטער נעבּיך איינגעקאָרטשעט — איך האָב דאָך איהר גאָרנישט גערעדט, איך האָב זי דאָך נאָר געפרעגט, אַדרבה, פאַר וואָס זי געהט נישט ערגעץ פערברענגען.

— און איהר האָט נאָך געהאַט דאָס דרייסט צו זאָגען וועגען איהר, אַז זי האָט שוין בּעשטימט אַזוי איהר גורל צו טראָגען? און צי איהר זעהט תּאַטש ערשט, וואָס אין אַ האַרצען קאָן ליעגען פערבאָרגען? נאָר דאָס איז שטענדיג אַזוי, אַז מען לעבּט צווישען מענשען, וואָס קוקען נאָר אויף אַלע פון צווישען די פינגער...

— נו וואָס זשע זאָל איך טהון?

— גאָרנישט... — האָט זיך דער יונגערמאַן גענומען דרעהען

איבער דער שטוב, און ער ווייסט נישט פאַרוואָס איהם האָט געדראַכט, אַז אין דעם, וואָס זיי האָבען קיין קינדער נישט, איז ער און נאָר ער שולדיג... און אַז אפילו קירירען וויל ער זיך נישט, אַז עס איז איהם אַ שאָד געלד, אַז ער איז אַנ׳אַלטער פּראָצענטניק, אַ הונד, אַ סיבירניק— און אויף לעצט האָט ער גענגעבען האסטיג אַ געה אַרויס איננאַנצען פון שטוב, פערקלאַפּענדיג נאָך זיך די טהיר און נישט געזעגענענדיג זיך אפילו מיט דעם אַלטען.

דער אַלטיטשקער איז געבליבען אַיינגעקאָרטשעט אין אַ ווינקעלע, און נישט געוואַגט זיך פון דאָרט אַרויסצוריהרען, נישט בעגרייפענדיג אַליין קלאָר, וואָס מיט איהם איז דאָ פאָרגעקומען.

און אָט האָט זיך שוין דערהערט דעם ווייבס טריט און דאָס אויפ־מאַכען פון דער טהיר פון איהר צימער, און זי מיט טרעהרען אין די אויגען איז געבליבען שטעהן פאַר איהם:

— דו וועסט נאָך האָבען אַ העזה מיר אַריינצוברענגען פרעמדע מענשען און מאַכען מיך פאַר זיי אין די אויגען, אַז איך זאָל וויינען, און זיי זאָלען דאָס זעהן? — האָט זי זיך אויפ׳ן הויכען קול צעקלאָגט.

— נו, גיטעלע, דאָס איז דאָך נישט קיין פרעמדער... דאָס איז דאָך אונזער בעסטער פריינד! — האָט דער אַלטער נישט מיט זיין קול אויסגעשריען, און געפיהלט, ווי די פיס ברעכען זיך איהם שוין איין, ווי איננאַנצען אַנידערצופאַלען. און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע שטוב איז אַצונד אויף איהם אויפגעשטאַנען, און אפילו דאָס דיענסטמיידעל האָט שוין אויך אין דער מיט אויפגעלעהנט די טהיר, וואָס געהט צו דער קיך, און אַריינגעקוקט, און אַלץ פאָדערט איהם אַצונד אַרויס אויף אַ מלחמה...

שפּעטער, ווען גיטעלע איז געזעסען אויף איהר שטענדיג אָרט ביי׳ם פענסטער און אַרויסגעקוקט מיט פערטריבטע אויגען, האָט זי געזעהן דעם יונגענמאַן פון אַנטקעגען־איבער, אַנ׳אויפגערעגטען, אָהן אַ היטעל און מיט צערודערטע האָר שפּרייזען איבער׳ן שטיבעל אויף און אָב. דאָס פענסטער איז געוועזען ביי איהם אָפען, מען האָט שאַרף געהערט די טריט פון זיין האַרטען שפּאַנען, און יעדעס מאָל, ווען ער איז צוגעקומען מיט׳ן פנים צו׳ם אָפענעם פענסטער׳ל, האָט ער אַ בייזען

פינקלענדיגען בליק פון הינטער׳ן שטערען אפער פערוואָרפען אויף די אנטקעגען־איבערדיגע פענסטער, ווי ער וואָלט ערשט דאָרט געהאט די שרעקליכסטע עולה אין דער וועלט דורכגעלעבט. און גיטעלע, קוקענדיג דערויף, האָט מיט א ביטערקייט און צעשפרייט וויינענדיג פנים געטראַכט:

„אָבער איהר זעהט האָטש, מענשען, ווי אַזוי איך לעב אויף דער וועלט!...״

און זי ווייסט נישט פאַרוואָס, זי האָט אין דעם יונגענמאן דער־זעהן א שטיצע און אַנ׳אָנגעהמער פאַר איהר קירץ, פאַר דאָס, וואָס זי האָט פון איהר מאַן אויסצושטעהן... ווען ער איז געוועזען ביי איהר אין שטוב, האָט זי הינטער דער טהיר פון איהר צימער געהערט, ווי ער האָט עפּעס געשר׳ען און פאָרווירפע נעמאַכט איהר מאַן—און אצונד, וואָס מעהר ברענענדיג זי זעהט איהם קוקען איבער איהר מאַנס וואָה־נונג, אין דער זייט אריין, אלץ מעהר פיהלט זי איהר הארץ געטרייסט, און זי וואָלט זיך געוואָלט ערשט ווי בעקלאָגען פאַר איהם, ער זאָל שטעהן אויף אַנ׳אָרט און האָטש זי מיט די בליקען אויסהערען איבער יענער זייט פענסטער אריבער. עס האָט זיך איהר אויך אין דער מינוט געדאַכט, ווי זיי קענען זיך שוין לאַנג, ווי זיי וואָלטען שוין לאַנג צו־זאַמען געוואָהנט אין דעם הויף, און הינטער איין קאָמוניקאציע וואָה־נונגען? נאָר עס פעהלט נישט מעהר ווי א בריקעל פון זיין פענסטער צו איהר׳ס, אז זיי זאָלען זיך קענען נעהנטער די הערצער אויסרעדען.

און ווי עס איז געקומען די נאַכט, האָט זי ביי א ברענענדיג ליכט, וואָס איז דאָרט געשטאַנען אויף איהר טישעל, געזעצט זיך אָנ־שרייבען א בריוועל, פערשלאָפענערהייד אין איהר צימער.

„עדעלער הערר, — האָט זי געשריבען — איך קאָן אייך באַלד צו׳ם ערשטען מאָל נישט שרייבען וועגען דעם, וואָס פאַר א געפּייניגט לעבען איך גאָה אַדורך. איך האָב געהערט הינטער דער טהיר פון מיין צימער, ווי איהר האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר היינט בייטאָג, ווען איהר האָט געשמועסט מיט מיין מאַן. איך קאָן אייך גאָר נישט אַזוי פיעל אָבדאַנקען דערפאַר. אויף מיין הארץ ליעגט א גרויסער שטיין, וועלכען איך קאָן גאָר פאַר קיין מענשען נישט אַרויסזאָגען, נאָר ווען איהר וועט זיין ביי מיר מאָרגען אין דערפריה, איך וועל אייך דאָס בריוועלע איבערגעבען; און נאָכדעם, ווי איהר וועט עס איבערלייענען

אין קומען צו אונז שפּעטער אויף מיטאָג, אויף וועלכע איך לאַד איך איין — וועל איך האָבּען אַ סימן, אַז איך קאָן פאַר איך רעדען, אַז איהר ווילט מיך הערען... פון מיר „גיטעלי" — האָט זי זיך אונטערגעשריבּען.

זי האָט דאָס בּריוועלע איבּערגעלעזען, האַלטענדיג עס פאַר דער שיין פון ליכט, אַ פּאָר גרויסע טרעהרען האָבּען זיך איהר נאָך געשטעלט אין די אויגען, דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען אַ קאָנווערט פון טישלעדעל, פערקלעבּט דעם בּריעף, פערגלעטינט דעם קאָנווערט, און בּעטראַכטענדיג איהם, ווי שען, ווי ריין ער איז אַרויס אויף אַלע פיער זייטען, האָט זי איהם אין טישלעדעל אַריינגעלעגט און פערשלאָסען.

זי האָט זיך דערנאָך אַרומגעדרעהט איבּער דעם שטיבּעל אויף און אָבּ, ווי דאָס האָט שוין לאַנג נישט געטראָפען בּיי איהר און ווי ס איז גאָר נישט איהר נאַטור געווען: זי האָט געקוקט דורך איהר פענסטער צו'ם יונגענמאַנס פענסטער'ל, וואו עס איז געווען פינסטער און שטיל, ווי אַצונד וואָלט שוין דאָרט קיינער נישט געווען, און דערנאָך האָט זי זיך אַ מיעדע אַוועקגעזעצט אויפ'ן בּעט.

נאָך „קריאַת שמע" לייענען איז זי אַנטשלאָפען געוואָרען מיט אַ שטיל געמיטה, ווי דאָס האָט שוין איך נישט לאַנג געטראָפען בּיי איהר אַזוי איינצושלאָפען, און אין האַלבּען דרימעל האָט זיך איהר מיט אַ זיסקייט צענאָסען אַ שטילע איבּגעטאַטערטע שין אויפ'ן פּנים, וואָס קומט נאָך אַ לאַנגען אין שטילען שווייגען, ווען דאָס האַרץ איז פערגליהערט, און ענדליך דערפיהלט עס אַ שטיקעל פערגרינגערונג.

---

עס איז צומאָרגענס אין דער פריה, דער זייגער איז שוין צעהן און עלף, זי קוקט מיט אונגעדולד אַלע ווייל'ע מיט אַ שטילען בּליק אויף וויינע ווייזערס; צייטענווייז, ווען דער מאַן, אָדער דאָס דינסט-מיידעל קלינגען אָן אין דער טהיר אַריינקומענדיג, אָדער פערקלאַפּען שטאַרק מיט איהר אַרויסגעהענדיג, פערהאַפּט עס איהר געמיטה און זי הערט זיך איין, ווער דאָרט קומט. נאָ־ווער עס זאָל נישט קומען אָדער אַרויסגעהען — דעם יונגענמאַן זעהט מען אַלץ נישט. זי נעהט איך טהייל מאָל צו צו'ם

פענסטער פון איהר צימער אַריבערקוקען צו איהם, אפשר איז ער פערשלאָפען ביז אַזוי שפעט. נאָר איך דאָ זעהט מען נישט און מען הערט נישט קיינעם, דאָס פענסטער'ל פון אַנטקעגען־איבער איז, דאַכט זיך, ווי אויסגעלעערט, און שטיל איז דאָרט, ווי אין אַנ'אויער. ערשט אַרום צוויי בייטאָג האָט זי איהם דערזעהן טאַקי דאָרט זיצען מיט אַנ'אָנגעשפּאַרטען עלענבויגען אָן פענסטער, מיט אַ שטאַרק בלאַס געזיכט און פינסטער קוקען אין דעם בלויען שטיקעל הימעל אַריין, איבער זיין קאָפּ.

גיטעלע האָט זיך אימזיסט בעמיהט דעמאָלס אַרויסצושטעלען זיך אין איהר אָפענעם פענסטער, כדי צוצוציהען אויף אַזאַ אַרט זיין אויפ־מערקזאַמקייט; זי האָט אפילו געפּרובט סקריפּען מיט דער אָפענער קוואַר־טיר פון פענסטער, אפשר וועט זי איהם איבערשלאָגען אַזויערגאָך זיין פער־טראַכטקייט, און זי וועט מיט געוואַלד קאָנען אַהער רייסען זיינע בליקען, נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפען, ער האָט זיך גאָרנישט ווי־סענדיג געמאַכט און זי האָט גאָרנישט געקאָנט ווירקען אויף איהם, ווי מען קאָן נישט ווירקען אויף קיין שטיין.

דעמאָלס איז גיטעלע לאַנגזאַם אַוועק פון פענסטער, אַריין צו איהר מאַן מיט אַ טרויעריג שטיל געזיכט; און אַזוי ווי ער האָט איהר נעכטען געמאָהנט, פאַרוואָס זי נעהט נישט אַ ביסעל אַרויס פון שטוב און קוקט קיינמאָל נישט אָן די ליכטיגע שיין, אַזוי האָט זי שוין היינט אַליין געמאָהנט:

— וואָס וועט זיין מיין תכלית, איך וועל אַזוי אָבפינסטערען מיינע יאָהרען איינע אַליין, נאָר שטענדיג זיצענדיג אין שטוב?... און טרעהרען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

— נו וואָס זשע ווילסטו פון מיר? — האָט דער אַלטער געקוקט אויף איהר מיט שרעק.

— ווען דו וואָלסט אָבער נישט קיין מורא געהאַט נאָר שטענדיג פאַר דער שטוב, נאָר אָבהיטען זי טאָג מיט נאַכט, און דאָס ווייב אויך אין זינען געהאַט אַ ביסעל, וואָלט איך דאָך פערשפּאָרט נישט אָנצוקוקען קיינמאָל די גאַס.

— נו, גיטעלע — האָט ער נעבעטען — געה אַ ביסעל אַליין שפּאַ־צירען, אָהן מיר, געה, וואָס דאַרפסט דאָ מיך... אין דרויסען איז אַזוי פרעהליך, לוסטיג...

— אָהן דיר, אָהן אַ מאַן קאָן מיר שוין זיין לוסטיג? אָהן אַ מאַן הייסטו מיך געהן. וועלכע פרוי געהט דאָס אַזוי? — האָט זי גענעבען אַ קלאָג אַרויס און שטיל און ציטעריג צוגעחליפעט.

דער אַלטער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנד, זי האָט זיך געלאָזט, ווי אַ קינד, און ער האָט זי אַזעקגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע.

— נו שאַ. נו שאַ... — האָט ער זי געטרייסט, און זי האָט זיך צו איהם ווי געוואָלט צוטוליען, און ווישענדיג די טרעהרען פון די אויגען, האָט זי מיט אַ בעקלאָגען פון אַ קינד געזאָגט:

— מיר אויף צו'ם שלעכטען קאָן מיר נאָר ברענגען געסט אין שטוב אַריין, און זיי פאָרשטעלען פאַר מיר דעמאָלס, ווען איך האַלט ביי'ם וויינען...

— האַ, גיטעלע, וואָס איז דאָס? — האָט ער זי אָנגעקוקט מיט אַנ'אָפען מויל.

— דאָס איז גאָרנישט; אַז איך זאָל מיך פערשעהמען, און יענער זאָל זיך פערשעהמען... — האָט זי געקלאָגט.

— נו ווער זשע האָט דיך געהייסען וויינען?
— פאַרוואָס האָסטו איהם מיר גאָר נעברענגט אין שטוב אריין?
— גיטע'לע, איך האָב'ן דאָך נישט נעברענגט, ער איז דאָך אַליין געקומען פרעגען אויף אַ שטעלע.

— איך חיים — האָט זי געזאָגט — פאַר דיינעטוועגען וואָלסטו אפילו דעם אייך נישט געברענגט קיינמאָל. און אונזער שטוב זאָל נאָר דאַרפען זיין שטענדיג אַליין, פערהאַקט...

— גיטעל — האָט ער געזאָגט — איך פערשטעה דאָך דיך שוין ווייטער נישט, ערשט האָסטו געזאָגט, פאַרוואָס האָב איך איהם געברענגט, און ערשט שוין — אַז איך וואָלט אפילו איהם אויך נישט געברענגט? — הייסט עס, אַז דו פערלאַנגסט איהם יאָ?

— נו זאָל שוין אפילו זיין אַז יאָ, וויל ווי ערגעץ אַנדערש עס קומען אַריין אין שטוב פרעהליכערע געזעלשאַפטען וועלען צו אונז נישט אַריינקומען. נאָר אפילו אַזעלכען ווי דער, זאָג איך, וואָס האָט זיין שווער געסימחה פאַר זיך, האָסטו דאָך אויך נישט.

— נו דו ווילסט דען, אַז דער זאָל אַריינקומען?

— ניין, דאָס איז מיר אַ ווילד פרעמדער.

— נו טאָ וואָס זשע דען ווילסטו פון מיר האָבען? וואו זאָל איך דיר שאַפען בעקאַנטע, אַז איך האָב נישט קיינעם, אפילו קיין משפחה?

— און ווען דו וואָלטסט יאָ געהאַט?

— נו, וואָלט איך דען נישט געבעטען צו מיר? צי בין איך אַזוי ווי אַנדערע פּראַצענטניקעס, איך וואָלט נישט פערגינען עמיצען אַ גלעזעל טהע, אָדער אפילו פערבעטען צו אַ מיטאָג, ווי עס פיהרט זיך ביי מענשען!

— נו גאָר זשע טאַקי אַרויף נאָך דעם יונגען מאַן. איז שוין טאַקי גלייכער דאָס גלעזעל טהע, אָדער דעם מיטאָג אָוועקצוגעבען איהם, וועל איך חאָטש וויסען, אַז איך פערדיען מיר אַ מצוה...

— ווי אַזוי זשע זאָל איך געהען, גיטעלע? אַרויפשיקען נאָך איהם דעם סטרוזש?

— דורכ׳ן סטרוזש וועסטו פערבעטען אויף אַ מיטאָג? אַ קלאָג איז צו מיר. ער האָט אפילו קיין שכל נישט ווי אַזוי זיך צו בעגעהן, נישט צו בעליידיגען... דורך דעם סטרוזש וועט ער געהן איינלאַדען אויף אַ מיטאָג!

— נו ווי אַזוי זשע דען?

— גיב איהם אַ רוף דורך דעם פענסטער, אפשר זיצט ער, איך זעה איהם דאָ טהייל מאָל אָנטקעגען-איבער.

דער מאַן איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט, וואוהין גיטעלע איז אויך נאָך, און ביידע האָבען זיך געשטעלט אין פענסטער, זי הינטער זיינע פּלייצעס און אויף די שפּיץ נעגעל, און ער פאָראויס, מיט׳ן קאָפּ אַרויסגעבויגען. און האָבען ביידע אַרויסגעקוקט, ביידענס אויגען האָבען געזוכט און געקוקט. ענדליך האָבען זיי זיך צוריק אָבגעווענדעט פון פענסטער און מיט אַראָבגעלאָזטע פנים׳ער גע-זאָגט:

— ער איז נישטאָ...

— מען וואָלט איהם געדאַרפט געהן אַרויסרופען... האָט זי ווייטער געזאָגט.

— ווי אַזוי זשע?

— ער מוז אפשר ליגען אויפ׳ן בעטעל, אָדער ער האָט זיך פעררוקט מיט זיין שטוהל אין אַ ווינקעל.

— נו, זאָל איך געהן אַליין?

— פאַרוואָס האָסטו נעכטען נישט געבעטען אַליין!... — האָט זי אָנגעהויבען שוין צוריק מיט אַ שטיקעל פרעטענזיע.

— נו, זעה זשע, גיטעלע, ערגער דיך נישט... איך וועל אַליין געהן אַרויף צו איהם, אַבי האָב נישט קיין עגמת נפש.

דער אַלטער האָט אויסגעטהון דעם שלאָפראָק, גענומען אויף זיך די קאַפּאָטע און איז אַליין אַוועק נאָך דעם יונגענמאַן.

יענער ווייטער, וואָס האָט זיך שוין נישט געקאָנט ריכטען, אַז מען זאָל נאָך קומען איהם בעטען, איינמאָל, איבער דעם נישט געלונגענעם פאָרשטעלען איהם, ווי איהם האָט זיך געדאַכט, פאַר דעם אַלטענס ווייב, און צווייטענס, איבער דעם אינצידענט, וואָס איז שפּעטער אַרויסגעקומען דערפון צווישען איהם און דעם אַלטען, וועלכען ער האָט שפּעטער געפיהלט, אַז ער האָט בעליידיגט, דאָך דערפיהלענדיג ערשט, אַז מען געהט צו איהם אויף די שטיגען, האָט ער זיך פּאַמעליטשקע אויפגעשטעלט פון דעם שטוהל, וואו ער איז טאַקי געזעסען פעררוקט אין אַ ווינקעל פון זיין שטיבעל, ווי גיטעלע האָט שוין פריהער געזאָגט, און עפּעס ווי דאָס האַרץ וואָלט איהם געזאָגט, אַז דאָס קומט מען צו איהם פון דאָרט, האָט ער זיך אויף די שפּיץ פינגער אַוועקגעשאַרט צו זיין בעטעל און אַנידערגעלעגט זיך דאָרט מיט׳ן פּנים צו דער וואַנד, גלייך ווי געשטאָרבען.

עס האָט זיך פּאַמעליך געעפענט די טהיר און דער אַלטער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דער שפּאַרע, פריהער אַרומקוקענדיג זיך אין דערנאָך איז ער אַריין.

ער איז געבליבען שטעהן אַ ווײַלע פאַר דעם בעטעל און נישט געוואָגט צו רופען, קוקענדיג איבער זיין אויסגעלעגטען קערפּער אויפ׳ן בעטעל מיט די פּלייצעס אויף דער שטוב אַרויס און מיט דעם פּנים איינגעטיפט אונטער זיך אין די הענד אַריין. ענדליך האָט דער אַלטער, אָבטעמענדיג און ווי זיך פערהאַקט אין דער מיט, געפּרעגט:

— איהר שלאָפט? זייט זשע מוחל...

דער יונגערמאַן האָט זיך לאַנגזאַם איבערגעדרעהט, פריהער איבערקעהרענדיג נאָר דעם קאָפּ אַליין, דערנאָך — אינגאַנצען, און גע־קוקט אויף איהם מיט אַנ׳אונפערשטענדליכקייט.

— וואָס האָט איהר פערלאַנגט? — האָט ער געפרעגט טרוקען און שטיל, מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען.

— זייט אַזוי גוט — האָט זיך דער אַלטינקער צו איהם אַראָב־געבויגען — מיר האָבען אייך געוואָלט בעטען אַראָב צו אונז.

— צו וואָס? — האָט ער געפרעגט.

— צו מיטאָג.

— אַ שענעם דאַנק. — האָט ער געענטפערט — איך האָב שוין היינט געגעסען מיטאָג.

דער אַלטער איז געבליבען שטעהן, צוריק אויסגעגלייכטערהייד, און נישט געוואוסט, וואָס ווייטער צו רעדען.

— טאָ קומט זשע אַזוי אַ ביסעל אַראָב.

— וואָס הייסט אַזוי אַ ביסעל אַראָב? — האָט ער געפרעגט — ווער פערלאַנגט דאָס, אַז איך זאָל אַזוי אַ ביסעל אַראָבקומען?

— קומט אַראָב. איך און מיין פרוי האָבען דאָך שוין אייך, דאכט זיך מיר, איינמאָל געבעטען, אַז איהר זאָלט נישט זיין קיין גאַסט ביי אונז...

— איך האָב עס נישט געהערט פון אייער פרוי. איך ווייס נאָר, אַז פערקעהרט: אייער פרוי קאָן נישט זיין צופריעדען... ווייל נישט זעהר אין קיין גינסטיגער לאַגע פאַר איהר זייט האָט איהר מיך פאַר־געשטעלט. עס דאַרף איהר דאַדורך זיין מיין נעגענוואַרט נישט זעהר ליעב... און ווידער, איך רעכען, אַז מען קאָן זיך אָהן מיר אינגאַנ־צען בעגעהן...

— פאַרוואָס זאָלט איהר אַזוי רעכענען, מיין פריינד, — האָט דער אַלטער איהם געשעפּטשעט — איהר האָט דאָך דעם בעסטען צייכען דורך דעם, וואָס איך בין אייך געקומען בעטען, אַז מיר קאָנען זיך נישט בעגעהן.

— און ס'אַנדערע — האָט ער זיך אָנגערופען — קאָנט איהר זיך נישט בּענעהן, אָבער איך קאָן נישט צוליעב טהון. ניין, אויף צוליעב טהון בּין איך נישט בּעשאַפען געוואָרען.

— נו הכלל, וועט איהר נישט געהן? צו וואָס זשע בּין איך גע־קומען?

— נו... — האָט ער קורץ אָבגעשניטען.

דער אַלטער האָט שוין אויפגעהויבען די אויגען איבּער דעם שטיבּעל, שוין געוואָלט ווי אַרויסגעהן, דאָך האָט ער זיך נאָך איין מאָל געווענדעט צו איהם.

— ווילט איהר אונז נישט צוליעב טהון, זאָגט איהר: נישט אָנ־נעהמען אונזער בּעטען?

— ניין. — האָט ער ענטשלאָסען געענטפערט.

דער אַלטער האָט זיך אָנגעהויבען צו שאַרען צו דער טהיר.

— אין מיינט נישט — איז ער איהם ווי נאָכגעקומען פון בּעטעל אַראָב — אַז נאָר איבּער מיין בּעליידיגונג, וואָס איך פיהל מיך בּעליי־דיגט, נאָר אפשר גאָר איבּער אַנ'אַנדערענס...

— איך שווער אייך, אַז נישט איך און נישט מיין פרוי פיהלען מיר זיך בּעליידיגט. איך ווייס, אַז איהר זענט אַנ'איידעלער מאַן, אַז איהר זענט נישט פעהיג אויף צו בּעליידיגען עמיצען, אלא עס קומט אַמאָל אַרויס אַ שטיקעל בּעליידיגונג, אָט אַ שטייגער, ווי מיט מיין פרוי דאָ נעכטען. אָבער נישט אייך חלילה מאַכט זי שולדיג אין דעם, וואָס איהר זענט אַריינגעקומען בּשעת זי האָט געהאַלטען אין וויינען, נאָר מיך. איך שווער אייך, אַז נאָר מיך.

—אָבער שולדיג מאַכט זי שוין יאָ? אָבער זאָגט זי אַליין שוין, אַז עס איז נישט געווען דעמאָלט קיין אָרט אויף אַריינצוגעהן.

אַוודאַי איז דעמאָלס נישט געווען קיין אָרט...

— נו, איך בּעט אייך: פאַר וואָס זשע האָט איהר מיך אַריינגע־פיהרט? איהר ווייסט, וואָס עס הייסט טרעפען אַ פרעמדע פרוי, בּשעת זי האַלט בּיי טרעהרען?

— אָבער וואָס זשע טויג עס אייך אַצונד? ווי גאָט איז מיט אייך, אַז זי מאַכט נישט אייך שולדיג.

— אָבער מיר איז שוין אַלץ איינס, איך וועל שוין סיי ווי סיי מעהר צו אייך אין שטוב נישט אַרויפקומען. — האָט ער זיך מיט כעס געגעבען אַ דרעה אָב אָן אַ זייט פון דעם אַלטען אַוועק, לאָזענדיג איהם שטעהן אין דער טהיר.

ביי דעם אַלטען האָט זיך אַ פּאָר מאָל מיט אַ ציטער אַ בעוועג געטהון די אויבערשטע ליפּ, נאָכקוקענדיג איהם, ווי ער וואָלט איהם נאָך עפּעס געהאַט צו דערענדיגען און זאָגען, נאָר ער האָט באַלד אַליין אויך אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד איבער'ן קאָפּ און איז אַרויס פון דעם שטיבעל, צוריקגעהענדיג צו זיך אַהיים.

נאָר ביי איהר פענסטער איז געזעסען גיטעלע און די גאַנצע צייט אויסגעקוקט, אַז דער אַלטער זאָל זיך שוין אומקעהרען צוריק אין מיט־ברענגען נאָך מיט זיך דעם יונגענמאַן. און ווי זי האָט איהם אַצונד דערזעהן געהן הינטען איינעם אַליין, בשעת זי האָט אַראָבגעקוקט אויפ'ן הויף, איז איהר פּנים פינסטער און אויסגעלאָשען געוואָרען, בלייבענדיג זיצען אַ שטייפע. איהרע ליפּען האָבען נאָר איין בעזיעגליכען צוג אויס־געדריקט: „אין שוין"... אַזאַ שטיינער ווי אַלץ איז שוין פערשפּיעלט. און אָבזיצענדיג אַזוי אַ ווײלע מיט פערלעגטע הענד אויף דער ברוסט, אויס פערצווייפלונג, איז זי שטיל אויפגעשטאַנען פון אָרט און צוגעגאַנ־גען צו דער טהיר אַריינצולאָזען דעם מאַן.

— פאַרוואָס איז ער נישט געקומען? — האָט זי שטיל איבערגע־פרעגט איהם מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען.

— ער וויל נישט געהן. — האָט דער אַלטער געענטפערט.
— ער וויל נישט געהן. פאַרוואָס וויל ער נישט געהן?
— איך זאָל אַזוי נישט וויסען פון קיין שלעכטס.
-- איך האָב דאָך באַלד געוואוסט, אויב איך וועל דיך שיקען וועט אַזוי זיין. — האָט זי געזאָגט.

— נו, גיטעלע, צי האָב איך איהם דען נישט געוואָלט ברענגען?

— וואָס קומט אַרויס, אַז דו האָסט געוואָלט, אַז עס איז אַ קלאָג צו מיר. געה בעסער שיקען דעם סטרוזש — האָט זי געזאָגט — אַזוי ווי דו האָסט פריינדליכקייט אין דיר, אַזוי האָסטו אויך שכל, ווי אַזוי צו האַנדלען מיט אַ מענשען.

דער אַלטער האָט אויף איהר אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען, נישט געוואוסט וואָס איהר צו ענטפערען, אַ ביסעל פאַר בעזהיים, וואָס זי האָט נאָר שטענדיג צו איהם פּרעטענזיעס, ווען ער טהוט איהר נישט די זאַך וואָס זי פערלאַנגט, און אַ ביסעל פאַר דעם, וויל וואָס ער טהוט געפעלט איהר נישט.

— נו נעה דו און טהו דיר אַליין בעסער... — האָט ער שוין כמעט ווי אויסגעשריען, נישט קאָנענדיג זיך שוין איינהאַלטען.

ניטעלע האָט פערשוויגען אַ ווײַלע, געשאָקעלט נאָר מיט'ן קאָפּ, ווי דערמיט געוואָלט אויסדריקען זיין שלימזל'ניקעריי, און דערנאָך ערשט האָט זי געענטפערט:

— דאַרף אימעטום נאָר אַלץ שטעקען אַ ווייב? און דאָ וואו זי וויל זיך נישט צורירהרען וועט עס שוין מאַקי שטענדיג טויגען אויף כפרות?

— נו וואָס זשע ווילסטו פון מיר האָבען? ניטעלע! — האָט ער אויסגעשריען ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, אָדער וואָס איז אַריינגעפאַלען אין אַ גרויסער אונבעהאָלפענהייט.

— איך וויל — האָט זי קאַלטליך געזאָגט — און אומישנע דיך אויספּרובען, דו זאָלסט געהן נאָך איהם נאָך אַ מאָל, און זעהן וויל איך, צי דו טויגסט צו עפּעס, אָדער שוין אינגאַנצען נישט.

דער אַלטער האָט ווי פערלוירען דעם קאָפּ, און מיט אַ וועה מהוַן אין פּנים אויסגעשריען:

— נו הייסטו מיר געהן נאָך אַ מאָל?

— יאָ, איך הייס. אומישנע הייס איך דיך און זעהן זאָל איך.

ער האָט זיך געשפּירט פאַר שוואַך געגען צו שטעלען זיך איהר ווילען, און קראַצענדיג מיט דער האַנד אויף איין זייט באַק, מיט די פינגער צווישען די שיטערע האָר פון בערדעל, האָט ער זיך צוריק אַרויס־גערוקט פון שטוב.

נאָר דאָרט ווייטער, וואוהין דאָס ווייב האָט איהם געשיקט און ער איז געגאַנגען, איז יענער נאָך נישט געווען אינגאַנצען פאַרטיג מיט זיינע חשבונות. און נאָך איידער דער אַלטער איז צו איהם דאָס צווייטע מאָל

אין שטוב אריין, ווען עס האָט זיך נאָר קיים דערהערט זיינע טריט אין דאָס שווערע עטעמען אין דעם פינסטערען פאָדער־הויז — איז שוין ביי דעם יונגענמאַן געלעגען גרייט אַן׳ענטפער אויף דער צונג, און ער האָט איהם נישט גקשווינט.

— איך האָב אייך שוין, דאַכט זיך מיר, געזאָגט איינמאָל, אַז איך וועל נישט געהן... — האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ גאַנץ עלעגאַנ־טער פּאָזע אין זיין מיטען בוידעם־שטיבעל, נישט אַכטענדיג, וואָס יענער שטעהט שוין דאָס צווייטע מאָל, און בעזונדערס דאָס לעצטע, ווי אַן׳־אָרימאַן אויף דער שוועל.

— אָבער זעהט — האָט דער אַלטער אויסגעשריען — מיין ווייב בעט דאָך אייך. ווען פאַר מיינעטוועגען, גלויבט מיר, אַז איך וואָלט נישט בעגאַנגען נאָך אייך.

— נו איז דאָך אַודאי גוט... הייסט עס אַז איין העלפט קאָן מען זיך שוין יאָ בעגעהן אָהן מיר. און דער צווייטער העלפט זאָגט — האָט ער מיט אַ בעליידיגטען טאָן געענטפערט,—אַז איך בין נישט קיינעם׳ס קיין שפיעלכעל... און אייך זאָג איך, אַז איהר זאָלט זיך נישט ערלויבען אַזוינס, ווייל מאָטיווירענדיג נאָר אייער ווייבס פערלאַנג, הייסט עס, אַז איהר מאַכט מיך פאַר אייער פרוי׳ס אַ שפיעלכעל.

— זאָל מיך גאָט שטראָפען, אויב איך האָב געמיינט אייך עפּעס צו בעליידיגען — האָט דער אַלטער קוים אַרויסגעשטאַמעלט -- איהר זענט אַ פערשיעדענער מענש, חאָטש אַ גוטער, איך ווייס נישט מיט אייך ווי אַזוי צו רעדען...

— נו איז דאָך אַוודאי גוט.

— הייסט עס, אַז איהר ווילט נישט געהן? — האָט דער אַלטער אויף איהם געקוקט מיט אַן׳אונטערטהעניגקייט, כמעט ווי אַ וויינענדיגקייט אין פנים.

— ניין. איך וויל נישט געהן. — האָט ער נאָך פעסטער נאָך ענטשלאָסענער געענטפערט, און אָבגעווענדעט זיך אָן אַ זייט.

דער אַלטער האָט זיך געמוזט צוריק אומקעהרען אַ היים מיט גאָר־נישט. ער איז אַריינגעקומען צו זיך אין שטוב, און דאָס מאָל געשטאַ־נען פאַר זיין פרוי, נישט נאָר ווי אַ פערזינדיגטער, נאָר ווי איינער,

וואָס האָט שוין קיין שום תקומה נישט אויף דער וועלט, און איז אפילו גרייט געווען קלעפּ אויך צו פערנעהמען...

— עס איז מיר גוט געשעהן מיט אַזאַ מאַן... — האָט זי געקלאָגט, נישט ווילענדיג מעהר קוקען אויף איהם — ער האָט איהם שוין דאָרט געמוזט גוט בעליידיגען, און מעהר פעהלט מיר נישט נאָר אָנצוהויבען מיט פערשעהמטע מענשענס טרעהרען. רבונו של עולם, וואָס איז מיר צו האַנען געקימען! — האָט זי קלעגליך אָבגעזיפצט.

און אָבזיצענדיג אַזוי אַ ווייַלע מיט פערלעגטע הענד אונטער דער גאָמבע און העכסט פערצווייפעלט, האָט זי פּלוצלינג אָנגעהויבען צו שרייען און צו וויינען:

— דער מאַן וועט מיך ברענגען אין דער ערד אריין. איך וויל נישט האָבען צו טהון מיט בעליידיגען מענשען, גאָט זאָל מיר קיינמאָל נישט קאָנען מוחל זיין דערויף... — און אַצונד האָט זי זיך צעוויינט שוין ווי איינע, וואָס עס וואָלט איהר אַ טיעף אונגליק געשעהן.

— געוואַלד, וואָס טהוט מען שוין אַצונד! — האָט דער מאַן אויסגעשריען.

— געה גיך אַרויף און בעט איהם אַראָב, עס זאָל דיך אפילו קאָסטען איך ווייס נישט וויפיעל כבוד, און בעט איהם איבער, וואָרום איך וויל נישט האָבען צו טהון מיט קיין בעליידיגטע מענשען.

— נו, עס געהט מיר דען אין מיין כבוד. — האָט דער אַלטער געשריען — אַז ער וויל אָבער נישט געהן?

נאָר זי האָט שוין נישט געהערט און נישט געוואָלט הערען, און געקלאָגט נאָר אויפ׳ן קול:

— מענשען, וואָס האָבען נישט קיין קינדער, פאָהרען צעהן יאָהר נאָך אַ חתונה און צעהן מייל ווענס איבערצובעטען זייערס אַנ׳אַמאָליגע בעליידיגטע כלה, אָדער אַ חתן, און דאָ מיר איז אַזאַ אונגליק געשעהן, מוז ער דוקא אָנהויבען נאָר מיט בעליידיגען.

דער אַלטער האָט געזעהן, אַז ער וועט זיך שוין נישט אַרויסדרעהען פון איהר, האָט ער אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך מישב געווען, — זאָל זיין ווי גאָטס ווילען, ער וועט געהן אַזוי לאַנג, ביז יענער וועט איהם נישט פון די שטיגען אַראָבוואַרפען, ער וועט וויינען פאַר

איהם, קושען, האַלזען, אפשר וועט ער פּאָרט אַראָבגעהן צו איהם אויף מיטאָג.

נאָר דאָ האָט זיך גיטעלע אַליין אַ הויב געטהון פון דער אָטאָמאַנע, גענומען אויף זיך איהר זיידענעם שאַל און געזאָגט:

— וואַרט, איך געה מיט... — און ביידע האָבען זיך אַראָבגעלאָזט פון די שטיגען און זענען אַרויף אויף יענע פון דעם יונגענמאַן.

אין אַ האַלבער מינוט אַרום זענען זיי שוין געשטאַנען ביי איהם אין שטיבעל. יענער האָט זיינע אויגען נישט געגלויבט: גיטעלע אַליין שטעהט ביי איהם אין שטיבעל. און זי האָט מיט אַ שטילען פאָרוואורף, פון וועלכען עס האָט זיך אַרויסגעהערט איהר בעליידיגטקייט, אָנגעהויבען:

— אַזוי, אין כּעס זענט איהר אויף אונז, אַז איהר ווילט שוין אפילו נישט אַראָבקומען?

— ווער זאָגט עס, אַז איך בין אַזוי אין כּעס? — האָט ער געענטפערט.

— פאַר וואָס זשע דען ווילט איהר נישט אַראָבגעהן צו אונז אַ ביסעל?

— גלאַט אַזוי אַראָבגעהן...

— מענש, וואָס איהר זענט פאַר איינער... — האָט זי אָנגעהויבען מיט אַ לייכטערען טאָן — מיר האָבען איך געשיקט בעטען, רופען און איהר ווילט נישט געהן.

ער האָט אַ ביסעל געשוויגען, דערנאָך אָנגעהויבען.

— זאָגט דעם אמת, צי איהר מיינט מיך נישט עפּעס צו פערגיטינען דערמיט, ווייל איך האָב מיך אפשר שלעכט געפיהלט, און אפשר אויך בעליידיגט... — האָט ער געזאָגט, שוין נישט געדענקענדיג, אַז אָנפאַנגס האָט ער גאָר זיי געהאַלטען פאַר די בעליידיגטע, נישט זיך, און אַז אַצונד גאָר איז ער ערשט אַריין אין דער ראָלע, אַלס ער איז דער בעליידיגטער.

— נו, האַ, וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט... — האָט דאָס ווייב אַ קוק געגעבען אויף דעם מאַן.

ער האָט נאָר אָנגענומען אַ קלעגליכע מינע, ווי אַ פערשולדיגטער, און געשוויגען.

— מען קאָן מיט דיר אַ סך פעררינטען. אויף שונאי ישראל געזאָגט. — האָט זי נאָך בעדרויערנד צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און אָבווענדענדיג זיך צו'ם יונגענמאַן, צוגעגעבען: — נעהמט, מהוט אייך אָן...

— הערט, איך קאָן מיך נישט געגען שטעלען, ווייל איך אַבט אייך זעהר... — האָט ער געזאָגט. און ביי די ווערטער האָט ער גע-נומען דעם הוט אויפ'ן קאָפּ און געלאָזט זיך געהן נאָך דעם אַלטען מיט דער פרוי אין זייער שטוב אַרויף.

זיצענדיג שוין ביי גיטעלען אין שטוב, האָט זי מיט איהר מאַן געגעסען מיטאָג און דער יונגערמאַן אין געזעסען אויף דער אַנדערער זייט טיש, שווייגענדיג, און פון נאָרנישט געוואָלט פערזוכען. ווען גיטעלע האָט איהם געפרעגט:

— פאַרוואָס ווילט איהר אונז נישט אָנטהון דאָס פערגניגען און עסען מיט אונז צוזאַמען?

האָט ער געענטפערט:

— איך האָב שוין געגעסען, האָב איך שוין איינמאָל געזאָגט אייער אַלטען נאָך ביי מיר אין שטוב.

דאָס דיענסטמיידעל, וואָס האָט אַרויפגעשטעלט פאַר איהם אויפ'ן טיש די עסענס, אויף וועלכע ער האָט אַפילו קיין קוק נישט געוואָלט געבען, האָט זיי באַלד צוריק אַראָבגענומען, און קיינער האָט איהם שוין מעהר נישט גערעדט.

נאָר נאָך דעם עסען, ווען דער אַלטער איז אַוועקגעגאַנגען זיך צולעהנען, ווי שטענדיג, אין זיין בעזונדער שטיבעל, און גיטעלע וואָס איז געבליבען מיט דעם יונגענמאַן אַליין זיצען ביי'ם טיש, האָט איהם ווייטער געפרעגט:

— פאַרוואָס זשע זיצט איהר אַזוי אומעטיג?

האָט ער ווייטער געענטפערט:

— מילא, נישט יעדער קאָן פרעהליך זיין.

— אַזאַ קינץ איז דאָס? — האָט זי געפרעגט שוין אַ ביסעלע ערגערנדיג זיך.

— אַה, אַ גרויסע! — האָט ער געענטפערט לאַנגזאַם, נישט אײלענדיג זיך.

— און איך האָב געמײנט, און גענענטײל... איך ווײס נישט, פאַרוואָס מען זאָל נישט קאָנען פרעהליך זײן... — האָט זי געזאָגט שוין אַ ביסעל צערײצט.

— אַה, איך ווײס — האָט ער געזאָגט — אַז איהר האָט געמײנט אין גענענטײל. איך האָב אָבער אויך געמײנט אין גענענטײל...

— פאַרוואָס? — האָט זי איהם אָנגעקוקט.

— ווײל אַנדערש, גאַנץ אַנדערש האָב איך געפלעגט אײך זעהן זיצען אין פענסטער...

— און היינט?

— און היינט אויך גאַנץ אַנדערש. נאָר דאָס האָט פונדעסטוועגען נישט דערצו. איך בין באַלד מחויב צו פערשטעהן, בשעת איך האָב אײך נאָך געזעהן דעמאָלט זיצען, אַז פון דעם זיצען ביז דער היינטיגער פרעהליכקײט קאָן נאָר זײן אינגאַנצען אײן שפּרונג.

— צי אַזוי פרעהליך האָט איהר מיך דען געזעהן זײן?

— איהר דאַרפט זיך נישט פערענטפערען. איך בין נישט אײער קײן „סלעדאָוואַטעל“, — האָט ער געזאָגט.

— איך האַלט גאָר אינגאַנצען נישט דערבײ. אָבער צי בין איך טאַקי דען אַזוי פרעהליך געווען?

— איך ווײס שוין נישט. איך ווײס נאָר, אַז איהר האָט גע-שמײכעלט און געלאַכט היינט בײ'ם מיטאָג גאָר נישט נאָך אײער ערך...

גיטעלע האָט זיך פערטראַכט.

— נאָר עס מאַכט נישט אויס — האָט ער ווײטער גערעדט — נישט יעדער איז מחויב צו טראָגען אין זיך די אָבשפּיגלונג פון דאָס, וואָס איהם רינגעלט אַרום. אויך „האַמלעט'ס“ מוטער האָט עס נישט געטראָגען... און איהר זענט עס אַודאי נישט מחויב.

— אָבער איך ווײס דאָך נישט וואָס דאָ איז אַזוינס געשעהן.

— וואָס עס זאָל נישט געשעהן, נאָר אַזאַ נאַר וועל איך שוין

נישט זיין. איך וועל מיך צומאָל נישט פרעגען, פאַרוואָס איהר האָט היינט אַזוי פיעל געלאַכט און געשמייכעלט בײ׳ם מיטאָג.

— ווי איך בין אַ יודיש קינד — האָט גיטעלע געשוואוירען — אַז איך ווייס נישט קלאָר וואָס איהר מיינט. צי מיינט איהר נישט, וואָס איך האָב מיך אַזוי גוט געהאַלטען צו׳ם מאַן מיינעם?

— פון מיינעטוועגען... — האָט ער אַ קוועטש געגעבען מיט די פלייצעס און איז שטיל געבליבען. און גיטעלע, ווי זי האָלט אויף דער שטילקייט זיינער איהרע ווייטערדיגע רעד געבויט, האָט געפרעגט:

— ווי זשע דען זאָגט איהר, האָב איך געזאָלט אַנדערש טהון, אַז איך וואָהן שוין מיט דעם מאַן פונפצעהן יאָהר?...

— איך זאָג דען אַז נישט?... — האָט ער געזאָגט — נאָר פאַר־וואָס זשע האָב איך מיך איננאַנצען אָבגענאַרט. איך האָב געמיינט, אַז עס דאַרף נישט אַזוי צו זיין...

— מיין פריינד... — האָט גיטעלע שטיל אָבגעזיפצט — מען זאָל אַלץ וועלען קוקען דערויף, לויט ווי עס וואָלט געדאַרפט צו זיין...

— איך ווייס — האָט ער געזאָגט — וואָלט אפשר קיין איין איבעריגער שמייכעל נישט געדאַרפט געבוירען צו ווערען אויף דער וועלט... אָדער האָטש אַ ציטער וואָלט געדאַרפט אָנהאַפען די ליפען פאַר דעם נישט גלייך זיין מיט דעם וואָס איז אין האַרצען. נאָר פונ־דעסטוועגען גלאַט אַזוי פרעהליך צו זיין, ווייל עס איז „קיין קונץ נישט“, ווי איהר האָט זיך פריהער אויסגעדריקט, דאָס איז גאָר נישט קיין שטייגער.

— איך פערשטעה, אַז עס איז נישט קיין שטייגער — האָט זי טרויעריג געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — וואָס זאָל מען אָבער טהון?

— איך פערשטעה אייך נישט, עס וואָלט געפאַסט, אַז עס גע־פעלט אייך נישט דאָס טהון.

— און אַז עס געפעלט מיר נישט?

— טהוט מען נישט.

גיטעלע האָט נאָר ווייטער טרויעריג געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— איהר וועט אפשר זאָגען, אַז איהר זענט געניט — האָט ער ווייטער געזאָגט — אָבער: איך נשיר את שיר י׳ על אדמת נכר?...

ווי קאָן איך דאָס זינגען בשעת עס וויינט זיך, ווי קאָן מען דאָס לעבען בשעת דאָס האַרץ קורטשעט זיך?

— מיר מוזען אַלץ קאָנען, אַלץ קאָנען.

— אָבער דער אמת שרייט דאָך!

— מיר אַליין שרייען אויך צו גאָט, אָבער העלפען העלפט אונז גאָר נישט.

— איך גלויב נישט, אַז איהר זאָלט שרייען; ווען חאָטש אַ קליינעם טייל פון דעם, וואָס עס שרייט דער אמת, וואָלט אויך גאָר אַנדערש געווען.

— נו טאָ ווי זשע דען, זאָגט איהר, קאָן מען האַנדלען מיט אַ מאַן, מיט וועלכען מען האָט שוין אָבגעלעבט פינפצעהן יאָהר?

— איך ווייס נישט. נאָר ווי זאָגט איהר איז די נערעכטינקייט: שווייגען, אָדער נישט שווייגען?

— איך קאָן גאָרנישט זאָגען, מיין ליעבער פריינד, ווייל איך ווייס שוין גאָר נישט וואָס צו זאָגען...

— איך ווייס, אַז איהר ווייסט שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגען; ווייל די פינפצעהן יאָהר האָבען שוין גענוג גערעדט, און דערצעהלען איי־גענטליך, אַז איהר האָט נישט וואָס צו זאָגען.

— אָבער ווי זשע דען זאָגט איהר? — האָט זי נאָך אַמאָל גע־פרעגט.

— איך ווייס נישט. אָבער פאַר־וואָס זאָלט איהר אַליין נישט זאָגען?

— איך ווייס נישט וואָס און ווי אַזוי.

— דעם אמת, און פראָסט.

גיטעלע האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

— נאָר איך ווייס — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַז דאָס וועט איהר נישט טהון. אָה, ווי ביטער דאָס איז נישט צו האָבען קיין גלייכ־גילטיגע נאַטור צו יענעס'ס ליידען, און נאָך ערגער — אפשר נאָך גאָר נישט צו קיין ליידען אויך. אפשר נאָר גאָר — בלויז, ווען עס דאַכט זיך נאָר, אַז יענער ליידט. איהר ליידט באמת, פרוי?

גיטעלע האָט געשוויגען.

— וואָס, איהר ווילט מיר נישט ענטפערען. עס איז אײך אַפּילו אויף דעם שווער דעם אמת צו זאָגען. איך וויל אײך נישט צווינגען דעם אמת צו זאָגען. איך ווייס, אַז נאָר בײַ ניטשען געהט אַנ׳אַלטע פרוי און טראָגט עפּעס הינטער דער פּאָלע פון קלייד. און אַז דער אַנטקעגען־קומענדער „זאַראַטוסטראַ״ פרעגט זי: וואָס טראָגסטו? שעהמט זי זיך נישט צו זאָגען, אַז „אַ קלײנטשיק אמת׳ל פאַר דער וועלט״... טראָגט זי עס הינטער דער פּאָלע... איך ווייס, אַז איהר וועט דעם אמת קײנמאָל נישט אַרויסווייזען.

— אָבער איך קאָן דאָך נישט אַליין... — האָט זי געזאָגט.

— וואָס קאָנט איהר נישט אַליין — פערבאָרגען איהם צי אַרויס־ווייזען?...

— גאָרנישט, גאָרנישט, שוין! — האָט זי געענטפערט.

— נו מילא איז גאָרנישט. טאָ געהט זשע אײך, זייט זשע מוחל, אַריין צו׳ם מאַן זיך אָנלעהנען אַביסעל.

— איך ווייס — האָט גימעלע אַזש שיער געוויינט — שטעבוועדט־לעך פערמאָגען די מאַנסלײט געניג, און אַלץ אויף דער פרוים קאָפּ.

— יאָ, יאָ, — האָט ער צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — קיין אַנדער עצה איז נישטאָ פאַר אײך.

— דאָס הייסט אַ גוטער פריינד — האָט זי די טרערען פון די אויגען אויסגעווישט — דערויף האָב איך געדאַרפט אָבזיצען גאַנצע שעה׳ן לאַנג אין פענסטער, אויסקוקען, אַז איך זאָל שוין האָבען די זכיה, איהר זאָלט אַרויפקומען צו מיר אין שטוב.

— נו טאָ וואָס זשע דען האָט איהר פערלאַנגט?

— איך האָב אײך געזאָגט, אַז איך קאָן גאָרנישט טהון?

— פערלאַנגט איהר אפשר, אַז איך זאָל פאַר אײך טהון?

— איך ווייס גאָרנישט... — האָט זי געזאָגט.

— נו גוט, נאָר ווי אַזוי — האָט ער געפרעגט — צי זאָל איך שמועסען פאַר אײך?

— וועגען וואָס, מיט וועמען?

— מיט אײער מאַן, וועגען אײך.

— נאָט איז מיט אײך! — האָט זי מיט׳ן גאַנצען קול אויס־

געשריען — אַזויערנאָך טהוט מען. איז שוין נישט דאָ קיין אַנדער מיטעל?

— קיין עהרליכערס ווייס איך נישט...

— אָבער וואָס טויג מיר אייער עהרליכקייט ערשט — האָט זי זיך נאָך העכער צעשריען.

— ווילט איהר נישט, קאָנט איהר נישט דעם אמת פערטראָגען? — האָט ער איהר געקוקט גלייך אין די אויגען אריין.

— איך האָב געמיינט אַנדערש, איך האָב געוואָלט, אַז איהר זאָלט דערוויל אַרויפקומען.

— נו וואָס זשע וועט זיין?

— איך ווייס נישט...

— נו וועט שוין אפשר זיין גענוג?...

— איך ווייס נישט...

— ניין, זאָגט, דאָס קאָן דאָך נישט שאַדען, אַז דער מאַן זאָל בלייבען מאַן?

— ווי איהר וועט ווֶעלען... — האָט זי שטיל מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ אַרויסגעזאָגט.

— „נו „ניטשעס" אמת'ל... — האָט ער שטיל אין געדאַנק איבערגעחזר'ט — האַ, וואָס זאָגסטו צו דעם, וואָס די פרוי פערבאָרגט דיך אַלץ הינטער דער פאָלע פון איהר קלייד?"

אַ בייזער שמייכעל האָט איהם אָנגענומען און ער האָט אָבגעווענדעט דאָס געזיכט אָן אַ זייט.

נאָר זי האָט פון דעם אַלעם נישט געוואוסט, און געפונען פאַר נויטיג ערשט אַרויסצונעהמען דאָס נעכטיגע בריוועלע און צו בעלעגען עס איהם אויפ'ן טיש.

ער האָט אין דער ערשטער ווייַלע נישט פערשטאַנען, וואָס זי מיינט דערמיט, נאָר זעהענדיג, אַז זי טראָגט עס איהם שוין אַנטקעגען, האָט ער עס אַ נעהם געטהון ביי איהר פון דער האַנד אַרויס, נאָך איידער זי האָט צייט געהאַט עס אויפ'ן טיש אַראָבצולעגען.

— נו אַוודאי ווייס איך דאָך, אַז איהר ליידט — האָט ער אין איילעניש געענטפערט נאָך דעם, ווי ער האָט אין דעם בריוועלע נאָר איין בליק געוואָרפען — אָבער צו טהון קלערט איהר דאָך גאָרנישט.

— איך קאָן נישט. — האָט זי ווייטער געזאָגט מיט דעם איינגע־נעם לשון וואָס פריהער, נאָר ערשט שוין ווייכער, בעטענדיגער.

— הייסט עס, אַז דערביי בלייבט עס טאַקי, נאָר איך זאָל אַרויפקומען דאָ אהער?... — האָט ער זי אָנגעקוקט.

— נאָר דאָס וועט אָבער נישט זיין. — האָט ער ביי זיך אין גע־דאַנקען שטיל צוגעגעבען.

ביידע האָבען געשוויגען, זי האָט אויף איהם נישט געקוקט, ער נישט אויף איהר, נאָר אין אַ ווילע אַרום האָט ער ווייטער אָנגעהויבען:

— נאָר איך וויים נישט פאַרוואָס איך פיהל אַזאַ גרויסען חשק צו טהון פונק. פערקעהרט, ווי דאָס וואָס איהר הייסט מיך, און איך זאָל ליבערשט יאָ שמועסען מיט אייער מאַן. ווייל, ווי איהר ווייסט, בין איך דאָ אהער נישט געקומען מיט קיין בעזונדערע אַבזיכטען, ווי נאָר דעם אמת צו פערטיידיגען.

די פרוי איז בלאַס געוואָרען, האָט אַראָבגענומען דאָס בריוועלע פון טיש און אַריינגעלעגט עס אין קעשענע...

— נו וואָס זשע שווייגט איהר? — האָט ער געפרעגט.

איך האָב נישט וואָס צו רעדען... — האָט זי געענטפערט.

— נו, ווי מיינט איהר, איהר הייסט שמועסען מיט אייער מאַן?

— וועגען וואָס? איך האָב דען מיט אייך וועגען עפּעס גע־שמועסט? — האָט זי איהם אָנגעקוקט מיט אַ פּלוצלינגען קוק, ווי זי וואָלט ערשט נייע ווערטער געהערט.

אַ שטילקייט איז געוואָרען צווישען זיי.

— אָט דאָס געפעלט מיר שוין דוקא יאָ שען — האָט ער ערשטויינט געקוקט אויף איהר. — נאָר פונדעסטוועגען זאָל עס אייך אזוי לייבט נישט אָנגעהען... — האָט ער געזאָגט, אויפשטעהענדיג פון דעם שטוהל.

— נו, נו... — איז זי אויך אויפגעשטאַנען און אַוועק פון טיש.

דער יונגערמאַן איז אַרויס פון שטוב.

— „אָט וואָס פאַר אַ געפעהרליך מענש זי איז... — האָט ער געטראַכט וועגען איהר — און איך האָב נאָך געוואָלט אין איהר

זובען עפּעס מענשליכעס, טראַגישעס. איך האָב אויפגעהערט צו פערשטעהן, אַז דאָס זיצען איהרם אין פענסטער איז פראָסט פון אַ קוואָקע״...

ער איז נאָך נישט געהאַט אַראָבגעקומען אויפ׳ן הויף, ווי בּיי איהם אין קאָפּ האָט זיך שוין עפּעס אַנדערש אַ דרעה געטהון: אויב אַזוי, אַז זי איז אַ ליגנערין, פאַרוואָס זאָל זי דעם פערברעך, וואָס זי האָט געוואָלט בעגעהן געגען מאַן, נישט אויסדרעהען אויף מיר, דער־צעהלענדיג איהם פונקט פערקעהרט!...

און איינגאַנצען אַרומגעהאַפּט פון דעם געדאַנק, ווי פון אַ פייער, האָט ער זיך צוריק געוואָרפען צו איהר אין שטוב אַריין.

— אויב אַזוי, ווער גלויבט זשע אייך, אַז איהר וועט מיך נישט געהן באַלד פערמסר׳ן פאַר דעם מאַן, אַז איך האָב אייך צוגערעדט צו זינד, נאָר איהר האָט נישט געוואָלט... — האָט ער שווער עטעמענדיג און מיט אויגען, וואָס האָבען געבלישצעט, זיך געשטעלט איהר אין פּנים אַריין — צי בּיי פּושקינ׳ען געפינט זיך נישט אַזאַ מעשה, ווי אַ פרוי ציעלט אַ גאַנצע נאַכט אַ פרעמדען מאַן צו קאָמפּראָמיטירען פאַר איהר אייגענעם?...

— גאָט איז מיט אייך! — האָט גיטעלע אויסגעשריען אין איין שרעק און בלאַס ווערענדיג, זעהענדיג, ווי ער פינקעלט מיט די אויגען.

— נישט גאָט איז מיט מיר, נאָר אַ פרוי, איהר פערשטעהט? אַ פרוי איז געווען מיט מיר... און באַלד פון אָנפאַנגס אָן געזעסען אין פענסטער, כדי מיך צו קענען פערפּלאָנטערען אין איהרע אינטריגעס... נאָר דאָס וועט אייך נישט אָנגעהן. און איך בין אייך געקומען צו וויסען געבען, אַז איך וועל קעמפּפען ביז בלוט און מיין עהרע בעשיצען. איהר ווילט אויף מיר וואַרפען שמוץ? אויף אַ פרעמדען מענש, וואָס האָט גאָר קיין שום שייכות נישט צו אייך?

— ווער האָט דען געוואָלט אייך עפּעס שלעכטס טהון? — האָט זי מיט פערבראָכענע הענד אָנגעהויבען פּראָטעסטירען — וואָס האָט איהר זיך אַריינגעריסען צו מיר אין שטוב און וועקט מיר אויף מיין מאַן, אַז ער זאָל מיינען גאָט ווייסט, וואָס צווישען אונז קומט פאָר...

— ס׳הייסט, אַליין ווילט איהר דערצעהלען, וועט אויסקומען שענער, בעסער?...

— וואָס פאַר אַ דערצעהלען. איך זאָל אַזוי נישט וויסען פון קיין שום שלעכטס.

— ניין. אַז איהר האָט געליקענט אין די אויגען. וועלכער מענש עס האָט אַזאַ פערשטאָבענהייט טאָר מען איהם קיין שבועה אויך נישט גלויבען, און איידער איהר, איז גלייכער איך זאָל דערצעהלען..

— טאָ וואָס זשע ווילט איהר געהן טהון? — האָט זי מיט שרעק און דאָך מיט אונגלויבליכקייט געקוקט אויף איהם.

— איך וויל גאָרנישט טהון. — איז ער געשטאַנען און געבליקט צעדודערט שוין איבער דער טהיר פון מאַן׳ס חדר — איך וויל נאָר דאָס מיינונג, מעהר גאָרנישט.

— גזלן! — האָט זי אויסגעשריען.

— ווייל איהר האָט שוין מן הסתם אַ סך מענשען אַזוי־ערנאָך פערנאַרט, און איהר זענט מיר אויך געגאַנגען פערנאַרען.

— וועמען האָב איך פערנאַרט?

— איז עס דען מעגליך, אַז נישט, אויב איהר האָט נאָר פאָרט אַנ׳אַלטען מאַן... און ווער עס וועט זיך נישט לאָזען, אויף דעם׳ס אַדרעס וועט איהר ווייטער געהן בלייבען אַנ׳ערהליך ווייב? — האָט ער געבלישצעט אינגאַנצען פאַר כעס.

— אָבער איך האָב דאָך נאָר נישט געוואָלט טהון.

— פאַרוואָס זשע דען האָט איהר צו׳ם סוף פערלייקענט אייער גאַנץ געשפרעך?

— האָב איך דען געוואָלט נישט פערלייקענען, זאָגען, אַז איך ווייס פון עפּעס, ווי באַלד איהר זאָגט מיר, אַז איהר געהט מיט מיין מאַן שמועסען, מיר צו להכעיס, אַזוינס וואָס איך האָב נישט געוואָלט און נישט געקאָנט?

— פאַר וואָס האָט איהר נישט געוואָלט, און פאַר וואָס האָט איהר נישט געקאָנט?

— אונגליקליכע וואָס איך בין! דאַרף איך אייך צו דערצעהלען, פאַרוואָס איך האָב נישט געוואָלט און נישט געקאָנט?-- האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט.

— נאָר איהר האָט נישט געהאַט קיין שום שלעכטען מיין דערביי, ווען איהר האָט געלייקענט?

— אַוודאי נישט. — האָט זי נאָך שטאַרקער געהעשיט.

ער איז געוואָרען אַ ביסעל מילדער און זיינע אויגען האָבען שוין נישט געברענט אַזוי, קוקענדיג אויף זיין אָפּפער.

— טאָ שווייגט זשע שטיל, בערוהיגט אייך. — האָט ער צו איהר געזאָגט — אויב איהר האָט נישט געמיינט דערמיט קיין שום שלעכטס, נאָר אָבצושניידען פון דעם שמועס, און מעהר גאָרנישט... קאָן איך דאָך גאָר נישט זיין דאַגעגען אייער ווילען, נאָר אַדרבה...

— איהר זענט נאָר בעשאפען געוואָרען יענעם שלעכטס צו טהון — האָט זי שוין אַ ביסעל שטילער געקלאָגט — קיין שום מאַנספּערשוין געהט נישט אריין אין דער פרוי'ס פערלעגענהייט. און אין איין מינוט, ווען איך האַלט אייך נישט אָב, האָט איהר מיך שוין געוואָלט אונגליקליך מאַכען אויף אייביג.

— אין דעם זענט איהר אָבער אַליין שולדיג. ווער הייסט אייך נישט שמועסען אָפענהערציג, אַז עס זאָל נישט בלייבען צו לערנען קיין פשטים פון דעם, וואָס איהר זאָגט? אַז איהר שמועסט נישט אהער און נישט אהין — און אין דער מיטען גיעט איהר גאָר איינגאַנצען אַ לייקען אָב, מיינט מען דאָך אַז איהר זוכט עפּעס שפּיצלעך אָנצופיהרען, שפּיצלעך, אָט ווי איך האָב אייך געזאָגט: ביי „פּישקינ'ען" אַ פרוי...

— איהר זענט דאָך די פרוי אַלע מאָל נאָר חושד, עס איז קיינמאָל נישטאָ צווישען אייך קיין אויפריכטיג צוטרויען.

— נו זאָגט זשע אַדרבה, נעהמט אייך אַליין פאַר אַ ביישפּיעל; קאָן מען צו אייך האָבען דאָס, וואָס איהר פערלאַנגט? איהר זאָגט מיר, אַז איהר לעבט נישט גליקליך. הייסט עס, אַז דאָ געהט עס אין פאַמיליען־זאַכען... וואָרום קיין עפּעס אַנדערש איז דאָך נישטאָ, וואָס זאָל אייך קאָנען אַזוי אונגליקליך שטעלען. נו זאָגט מען אייך — טאָ טהוט זשע אַנדערש, טהוט ווי אייך וואויל געפעלט. ס'הייסט פשוט, אַז מען קאָן נישט צוזאַמען לעבען מוז מען זיך שיידען... זאָגט איהר אָבער דאָ אויך אַז ניין. איהר קאָנט נישט, נו פרעג איך אייך, אדרבה, וואָס זשע זענען דאָס פאַר אַ רעד?

— נו, און אַז איך קאָן אָבער פּאָרט נישט?

— ווי? נישט אַזוי און נישט אַזוי? נאָר וואָס זשע דען, הייסט עס דאָך גאָרנישט.

— ס'הייסט טאַקי גאָרנישט. נו וואָס זשע זאָל איך טהון?

— נו פערשטעהט זשע איהר אַליין. אַדרבה, נעהמט איהר אַליין דאָס אייפּ'ן גערדאַנק: וואָס הייסט עס גאָרנישט, עפּעס מוז עס דאָך הייסען?

— נו איך ווייס טאַקי נישט.

— ניין. דאָ איז נישט קיין נישט וויסען, איך האָב מורא, אַז שיער נאָך מעהר ווי וויסען... און איך קאָן עס אייך אויסדריקליך אפילו מיט אַ נאָמען אייך אָנרופען, אויב איהר ווילט נאָר; אַזוי בולט איז דאָס,.. און נישט ווי איהר זאָגט, אַז איהר ווייסט טאַקי נישט... און אַז דאָס הייסט ביי אייך „גאָרנישט"... וואָרום אויב דאָס וואָלט געווען אַ זאַך, וואָס איז טאַקי גאָרנישט, הייסט עס, אַז עקזיסטירט נישט, און דעמאָלט וואָלט עס קיין נאָמען אויך נישט געהאַט. און ביי מיר האָט עס דוקא יאָ. זעהט איהר שוין...

— נו, איך ווייס טאַקי נישט וואָס פאַר אַ נאָמען דאָס קאָן האָבען.

— „נישט עהרליכקייט" קאָן דאָס אַ נאָמען האָבען, פערשטעהט איהר שוין אצונד ווי עס הייסט? און אין דעם טאַקי ליעגט דאָס, פאַר־וואָס די מענער האָבען נישט קיין צוטרוי... וואָרום אַלץ, וואָס הייסט „גאָרנישט", הייסט נישט עהרליכקייט.

— נו, און איהר האָט דאָך אַליין געזאָגט צו'ם ערשטען, אַז דאָס הייסט „גאָרנישט".

— ווי? ווי האָב איך געזאָגט?...

— ווען איך האָב אייך געזאָגט, אַז „איך קאָן אָבער פּאָרט נישט"... און איהר האָט געענטפערט: „ווי? נישט אַזוי און נישט אָזוי?", ס'הייסט נישט גליקליך זיין און נישט לעבען.

— נו יאָ, נישט גליקליך זיין און נישט לעבען...

— האָט איהר געזאָגט: טאָ וואָס זשע דען, הייסט עס דאָך „גאָר נישט". איהר פערשטעהט, האָט איהר דאָך אַליין געזאָגט, אַז עס הייסט גאָרנישט...

— און איהר וואָס האָט געוואָלט זאָגען, אַז עס הייסט יאָ עפּעס?

— ניין, דאָס האָט איהר דאָך נאָר געזאָגט, איהר האָט עס דאָך שוין אפילו אָנגערופען בײַ אַ נאָמען...

— ענטשולדיגט, מאַדאַם—האָט ער איהר אַ שאָקעל געגעבען מיט'ן קאָפּ — איהר נעהמט מיינע ווערטער און פּערדרעהט זיי, און אויב אַזוי, קאָן איך אײַך שוין דאַנקען פאַר'ן גאַנצען שמועס... — האָט ער נאָך אַמאָל און נאָך בעדרײַטענדער צוגעגעבען מיט'ן קאָפּ.

אַ ווײַלע איז שטיל געבליבען.

— נאָר איך האָב דאָך גאָרנישט געמיינט דערמיט. — האָט זי געזאָגט.

— איהר מיינט קיינמאָל גאָרנישט, איהר מיט דעם גאַנצען שמועס אײַערען. אויך פריהער האָט איהר גאָרנישט געמיינט, נאָר ענטשולדיגט, אָנצושטעלען אַ פּנים, ווי מען וואָלט זיך נאָר געמיינט פון האַרץ אָבצוירעדען, און ציעלען זאָל מען גאָר עפּעס אַנדערש. ס'הייסט נאָר יענעם בײַ אַ ליגען צו חאַפּען, און צוליעב דעם טאַקי זאָל שוין לויהנען אַ גאַנצען שמועס אָנצוּווענדען... אַבי מען זאָל קאָנען אַרויס־רוקען דאָס אייגענע שטיקעלע ענאָאיזם... דאָס הייסט שוין אַ סך מעהר ווי געמיינט.

— נו, איך ווייס דאָך, אַז בלײַבען וועל איך די שולדיגע. איך האָב אײַך געבעטען אַהער אַלס פריינד, אַז איהר זאָלט מיך אויסהערען— און חושד זענט איהר מיך שוין דאָס צווייטע, דאָס דריטע מאָל, וואָס קיין שום שונא אין דער וועלט קאָן עס נישט חושד זיין. דאָס ערשטע מאָל — אַז איך מיין צו בלײַבען אונגעטריי דעם מאַן, דאָס צווייטע — אַז איך וויל אײַך קאָמפּראָמיטירען פאַר איהם, ווי אַ פרוי האָט שוין איינמאָל ערגעץ געהאַט געטהון אַזוי, און דאָס דריטע מאָל, אַצונד — אַז וואָס איך רעד מיין איך נישט... און אויסען בין איך גאָר עפּעס אַנדערש... און דאָס הייסט אַ פריינד! מילא...

— איך בין נישט קיין פריינד. ווער האָט דאָס אײַך אַזוי געזאָגט?

— איך זעה שוין אַצינד אַליין... מען דאַרף מיר שוין נישט זאָגען... און אַז איהר ווילט שוין מעהר נישט אַרויפקומען דאָ אַהער, און דאַדורך זוכט איהר זיך פּרעטענזיעס — דאָס זעה איך אויך...

— אמת טאַקי. איך בין נישט קיינעם קיין פריינד, און איך זיך מיר נאָר פרעטענזיעס — האָט ער געזאָגט, און בײ די ווערטער גע־מאַכט שיין אַ בעוועגונג, ווי צו'ם וועלען אַוועקגעהן.

— אָבער — האָט זי געזאָגט שאָקלענדיג בערייערענד מיטן קאָפּ און צוויפּצענדיג — אַ בראָך איז שיין צו די מענשען, וואָס פערלאָזען זיך אויף גוט־פריינדשאַפט, אַז עמיצער וועט זיי אַ גלייבע עצה געבען, אָדער גאָר אפילו וועלען זיי אויסהערען אין זייער עגמת נפש.

— איך בעט אײַך, וואָס אַנבעלאַנגט צו מיר, זאָלט איהר נישט אָנווענדען אַ זעלבע רעד. — האָט ער געזאָגט נאָך בלייבענדיג שטעהן אין דער מיט וועלען געהן.

— פאַרוואָס, אפשר ווײל דאָס איז אייך נישט עהרליך?...

— ניין, נאָר ווײל איך לעב נישט בלויז פאַר מיר, און קאָן לעבען פאַר יענעם, וואו עס איז נויטיג.

— און דאָ בײ מיר איז גאָר נישט אַזוי נייטיג, האַ?

— ניין, האָב איך אײַך געזאָגט, און איך האָב אײַך גאָרנישט מיט וואָס צו העלפען.

— נאָר פאַרוואָס זשע האָב איך געשיקט אײַך בעטען צוויי מאָל און אויפ'ן דרימען בין איך אַליין געקומען צו אײַך, גלאַט אַזוי, ווײל איך נויטיג מיך נישט אין קיין שום מענש, אין קיין שום הילף!

— מילאָ. — האָט ער קרענקליך אַ הרעה געטהון מיט'ן פּנים — ווער קאָן עס וויסען אַ פרוים געדאַנקען...

— הייסט עס, אַז איהר זענט מיך שטאַרק חושד פאַר נישט קיין עהרליך מענש? נו מילאָ, אויב אַזוי זענט איהר אפשר גערעכט, וואָס איהר ווילט דאָ אַהער נישט קומען. פאַסט אײַך נישט צו האָבען פריינד־שאַפט מיט נישט קיין עהרליכע מענשען.

— נו, דאָס איז אייך נישט מײַן עסק צו געהן זוכען בלויז עהר־ליכע מענשען. אַ גוטען טאָג.

— אַ גוטען טאָג. אַ גוט יאָהר — האָט זי געענטפערט — נאָר זאָגען זאָג איך אײַך, אַז אַלע אונזערע שונאים זאָל אָנקומען אַזאַ שווער־קייט אויף די געמיטהער, ווי מיר, נאָך דעם גאַנצען אויסשמועסען און אויסרעדען זיך פון האַרץ.

דער יונגערמאַן האָט זיך אויפגעהויבען און אַרויסגעגאַנגען, און גיטעלע איז איהם נאָכגעגאַנגען צו דער טהיר, פון וואַנען זי האָט איהם אַרויסבעגלייט מיט די בליקען צו די שטיגען אין הויז אַריין און אַלץ איהם נאָכגעשעפּטשעט:

— אַלע אונזערע שונאים זאָלען נאָר האָבען די הילף, וואָס מען קאָן שוין פון אַ מענשען אין בעסטען פאַל האָבען.

ער איז פערשוואונדען אַראָב פון די שטיגען און זי האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין שטוב אַ דערשלאָגענע, אַ טרויעריגע און אַ בעליידיגטע.

— אָט וואָס איך האָב דערגרייכט ביי דעם מאַן! אַז מענשען זאָלען מיך ווייבען... ווייל איך האָב אַ מאַן, דאַדורך טאָרען קיין מענשען צו מיר נישט אַרויפקומען, וואָרום, אַז יאָ, בין איך נישט עהרליך.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע, מיט אַנ׳אונטער־געשפּאַרטער האַנד אונטער׳ן פּנים און געקוקט אין פענסטער אַריין. עס איז שוין געוועזען צווישען טאָג און נאַכט. דער דרויסען האָט שוין אָנ־געהויבען טונקלען, און עס האָט אויסגעזעהן לעער, שטיל, ווי אַלץ אַרום וואָלט געהאַט אויסגעשטאָרבען.

שפּעטער האָט זיך דער אַלטער אַריינגעשלייכט פון זיין חדר׳ל אהער אין שטוב, און די שטעק־שיך, אין שלאָפראָק, מיט דעם קאַפּעל אויפ׳ן קאָפּ, און דערזעהען עמיצען זיצען אין דער פינסטער, דאָס גוף ווי האַלב איינגעבראָכען און דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט איבער דער שויס.

— ווער איז עס, גיטעלע? — האָט ער געפרעגט — וואָס זיצסטו דאָ אַזוי אין דער פינסטער?

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט.

— וואָס זיצסטו דאָ אַזוי?

— גאָרנישט. — האָט זי געזאָגט.

— פאַר וואָס זשע איז נאָך נישט אָנגעצונדען קיין לאָמפּ? וואו איז דאָס מיידעל?

— זי איז דאָ, כ׳האָב זי נישט געהייסען.

— וואָס איז, אַ שיף איז דיר אונטערגעגאַנגען?

— אוי, אוי — האָט זי שטיל אָבגעזיפצט — איך האָב מורא, אַז סיין גאַנץ לעבען...

דער אַלטער איז געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב, קוקענדיג אויף איהר מיט אַנ'אָפען מויל.

— וואָס זיצטו אַזוי? — האָט ער שוין העכער אויסגערופען — מען קאָן דאָך מיינען, אַז דו זיצסט חלילה וחס...

— ס'שאַדט נישט, מענסט זאָגען... ווי אַ פערוויסטע, ווי די שטאָדט ירושלים, וואָס ווערט נישט געבויעט...

— גיטעלע, קום זשע נאָר אַהער — איז ער נעהנטער צו איהר צוגעגאַנגען — ווי לאַנג וועסטו מיר אַלץ נישט זאָגען וואָס דיר איז?

— ווען דו וואָלסט געוועזען אַ מענש, וואָלט שוין דאָס געהייסען געזאָגט... נאָר איך זעה, אַז איך בין פערפאַלען, אַז איך האָב נישט וועמען צו זאָגען.

— נו, נו... — האָט דער אַלטער אַזש אָנגעהויבען מיט'ן מויל צו ציטערען, — איך זעה שוין, אַז עס איז מיר נישט בעשערט קיין איין בערוהמטע מינוט.

— אוי!... — האָט גיטעלע נישט מעהר ווי אָבגעזיפצט, און אין דער פינסטער האָט ער נישט געזעהן, מיט וואָס פאַר אַ בליק פון פעראַכטונג, בשעת ער האָט גערעדט פון זיין בערוהמטער מינוט, זי האָט אויף איהם אַ קוק געטהון.

דער אַלטער האָט זיך צוגעשלייכט צו דער טהיר פון פאָדער-צימער, וואָס געהט צו דער קיך, און דאָרט אַהין אַריינגערופען נאָך דעם דיענסטמעדעל, וועלכע איז באַלד אַריינגעקומען, אַרויסגענומען די לאָמפּ פון הינטער דער שיין אַפער, וואָס איז געהאַנגען אויף קייטען איבער'ן טיש. און זי איז אַוועק אין קיך אַריין איהם אָנצינדען.

ערשט אַצונד האָט דער אַלטער אויך שטיל אָבגעזיפצט, און זיצענדיג אין דער שטיל שוין אויף דער אָטאָמאַנע נעבען גיטעלען האָט ער געקוקט אין דער נאַכט-פינסטערניש, וועלכע האָט געלויערט איבער'ן פענסטער און אַ שווערע זאָרג האָט זיך פון זיינע אויגען אַרויס-געזעהן.

באַלד איז דאָס מערעל געקומען צוריק מיט אַנ'אָנגעצונדענער לאָמפּ, פאַר וועלכער עס זענען די שאָטענס פערשוואונדען. עס איז געוואָרען ליכטיג. און דאָס מערעל האָט געקנייטשט די ברעמען, אריינשטעלענדיג איהם אונטער שיין.

זי איז באַלד צוריק אַרויס און גיטעלע איז אויך אויפגעשטאַנען און געגאַנגען צו זיך — צום צימער.

— קום נאָר אַהער. — האָט דער אַלטער גערופען מיט אַ ציטערדיגער שטים — וואוהין לויפסטו נאָר אַלץ אין דער פינסטער אריין?

נאָר גיטעלע האָט נישט געענטפערט, זי איז שוין געוועזען אריין אין דער טהיר פון איהר צימער.

דער אַלטער איז אייך אויפגעשטאַנען אַ צערודערטער פון דער אָטאָמאַנע, און קרעכצענדיג זיך צוגעשלייכט אַ צווייטען מאָל צו דער טהיר פין פאָדער־צימער, וואָס געהט צו דער קיך, און ווייטער אַריינגערופען צום דיענסטמערעל.

זי איז אַריינגעקומען מיט אויסגעשטעלטע אויגען.

— וואָס איז עס דאָ געווען בייטאָג — האָט ער געפרעגט — דו האָסט נישט געזעהן?

— ניין. — האָט דאָס מערעל געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— נו שוין, שוין, גאָרנישט... — האָט ער געזאָגט — איך ווייס גאָרנישט פאַר וואָס די בעל־הבית'טע זיצט אַזוי טרויעריג...

— איך ווייס אויך נישט... — האָט זי שטיל געזאָגט, פערקוועטשענדיג מיט די אַקסלען.

דער בעל־בית האָט זיך אָבגעווענדעט אויף דער שטוב. און זי האָט זיך באַלד צוריק פעררוקט הינטער דער טהיר.

— אוי רבונו של עולם... — האָט דער אַלטער זיך צוריק צוגעטוליעט צו דער אָטאָמאַנע, און פערנעהמענדיג די פּאָלעס פון שלאָפראָק איבער זיינע דינע קניע זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויף איהר מיט אַ שטילען געזונקענעם קאָפּ.

פון דער וואַנד אַראָב האָט זיך געהערט דער גאַנג פון זיינער

אין עס האָט זיך גערעכט, אַז די גאַנצע שטוב פערזוינקט אין אַנ׳אייביגען שווייגען.

דער אַלטער איז אַזוי אָבגעזעסען אַ שפּאָרע ווילע. דערנאָך איז ער פּאָרט אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו גיטעלעס הדר׳ל, און אויפ־עפענענדיג די טהיר האָט ער געקוקט מיט אַ שטילער פאָרזיכטינקייט אין די איינגען אין יענער פינסטערקייט אריין.

— גיטעלע. — האָט ער גערופען.

נאָר מען האָט נישט געענטפערט.

ער האָט אָבגעלאָזט די טהיר מיט אַ פינסטערען בליק, געגאַנגען צוריק צו דער טהיר פון דער קיך, און הויסענדיג זיך דאָרט געבען אַ שטיקעל אָנגעצונדען ליכט האָט ער זיך צוריק אומגעקעהרט דערמיט צו גיטעלען אין צימער.

זי איז שוין געלעגען אויפ׳ן בעט צוגעלעהנט דערוויל אין אָנטהון.

— גיטעלע. — האָט ער זיך געשטעלט פאַר איהר מיט דעם ליכ־טעל אין דער האַנד, קוקענדיג איבער איהר קאָפּ.

גיטעלע האָט געשלאָכצט אין גענאָסען מיט טרעהרען.

— אַזאַ אַלטער, פון טיש אַוועק וועט ער זיך דאָס אויפהייבען אין אַוועקגעהן שלאָפען בשעת אַ פרעמדער מענש זיצט. ער וועט נאָך נישט קיין שכל האָבען ווי אַזוי זיך צו בענעהן מיט מענשען.

— נו, אין דעם געהט עס דיר, גיטעלע?

— אוודאי נישט אין עפּעס אַנדערש.

— נו שווער איך דיר, אַז אויב ער האָט זיך בעליידיגט, וועל איך איהם צוריק איבערבעטען.

— יאָ. דו וועסט איהם שוין גוט איבערבעטען. ער וועט זיך שוין לאָזען...

— אַז איך שווער דיר.

— זאָלען שוין מיינע שונאים אַזוי לעבען...

— נו קום ושע, גיטעלע, אַראָב פון בעט, קום אַריין אין דער

פארענדיגער שטוב, קים, קום, מארגען, אם ירצה השם, ברענג איך איהם צוריק אריין דא אהער.

— נו וועלען מיר זעהן. — האט גיטעלע געזאגט און איז אויפגעשטאנען פון בעט.

דער אלטער האט זי גענומען ביי דער האנד, זי האט זיך געלאזט פיהרען אין דער גרויסער שטוב אריין צו'ם טיש, ווי א קליינטשיק קינד.

אכט טעג שפעטער, אין דעם אלטענס דירות זענען שוין געיען פערשלאגען די טהיר און פענסטער, און ער מיט גיטעלען זענען געזעסען ערגעץ אין פעלד, אין א הייזעל, וואס איז ארומגערינגעלט מיט בוימער און ווייט אבגעריסען פון שטאדט. טהיילמאל נאר פלעגט קוים דערגרייכען צו זיי א ווייט געריוש פון א האסטיג הודערן פון רעדער אויף רעלסען און א פייף פון א באהן. נאר ווען דאס פערגעהט און די ארומיגע שטילקייט שטעלט זיך שוין צוריק איין, בלייבט נאך ווי עפעס הענגען אין דער לופט, אזוינס, וואס לעגט זיך זעהר שווער אויף די הערצער, און זיי טראכטען איינער אנטקעגען איבער דעם אנדערען: „נאך וואס זענען זיי אהער ארויסגעפאהרען"... און יעדערער פון זיי מיט א שטילען זיפץ אין הארץ ווענדט זיך אב און קוקען זיך נישט אין די אויגען אריין. דער אלטער האט שוין אויסגעזאגט גאנץ תהלים. די ביימ'עך, וואס שטעהען אנטקעגען איבער' דעם אפענעם פענסטער, העלפען איהם מיט קלאגען, בשעת ער זיצט ביי'ם תהלים'ל, זיי קוקען אריין צו איהם אין שטוב און פערדונקלען זי פון אינעווייניג מיט זייערע גרינע צווייגען, וואס שפרייטען זיך אויס איבער דער פאדלאגע און איבער די ווענד, ווי גרויסע רעהריגע מנורות, און גיטעלע זיצט שטענדיג איינע אליין אויף דער וואַרענדע און קוקט אין דער ווייטער וועלט אריין, ווי פריהער אין דער היים ביי'ם פענסטער.

און איינמאל, אז דער אלטער האט שוין מעהר נישט געקאנט באהאלטען זיין חרטה און אנגעהויבען צו קלאגען:

— נו, גיטעלע, וואס וועט זיין אונזער תכלית? —

איז דער יונגערמאן פלוצלינג ווי אויסגעוואקסען פון הינטער דער ערד אפער און אנגעהויבען צו שרייען:

— וואס זשע זענט איהר אהער געקומען, תהלים זאגען? אויף תהלים איז געווען אין דער היים גענוג פלאץ.

און אז דער אַלטער האָט זיך איינגעקורטשעט און נעענט־פערט:

— אָבער וואָס זשע וועלען מיר דאָ אויסזיצען? —

האָט ער זיך ערשט צעשריען:

— אָט אַזוי וועט עס שוין שטענדיג זיין מיט מענשען, ווען דו וועסט זיי קומען גוטס טהון. דו וועסט זיי טראָגען אויף דיינע פליגעל פיערציג יאָהר צייט דורך דער מדבר, כדי עפּעס זאָל דערגרייכט ווערען, און זיי וועלען ווידערשפּעניגען און בענקען צוריק אַהיים נאָך דעם טאָפּ פלייש...

— אָבער איהר האָט דאָך אונז גאָר נישט געטהון קיין גוטס. — האָט דער אַלטער פערצווייפעלט אַרויסגערעדט.

— מיינע שונאים זאָלען דאָס האָבען פון נאָט. — האָט ניטעלע נאָכגעזאָגט.

האָט דער יונגערמאַן זיך געגעבען אַ האַפּ מיט שטורם און אַרויס־געפלויגען פון שטוב.

— שטעהט נאָר, שטעהט! — איז איהם ניטעלע נאָכגעלאָפען אויף דער וואַרענדע מיט אַ געשריי אין האַרץ־פּלאַץ.

— איך האָב אייך גאָרנישט געטהון קיין גוטס? — האָבען זיינע אויגען געשאָסען מיט פייער און זיין מויל האָט געשפּריצט פון דער ווייטענס שטעהענדיג. — אַ קרענק וועל איך שוין פון היינט מאָל אָן מענשען גוטס טהון! איך האָב שוין איינמאָל אַ מעדעל גוטס געטהון, ווען איך האָב זי געפונען אין אַן עלענדען צושטאַנד: און דערפאַר וויל איך האָב זי געוואָלט צו'ם לעבען וועקען, איז זי נאָך שפּעטער אַרומ־געגאַנגען גאָר און געקלאָגט, אַז איך האָב איהר נשמה קאַליע גע־מאַכט.

— נו, און דאָס מעדעל איז דאָך שוין געשטאָרבען... — האָט ניטעלע איהם געוואָלט ווי פערענטפערן, און אַליין נישט געוואוסט פאַר וואָס ביי איהר אין קאָפּ האָט עפּעס אַ בליץ געטהון, אַז פונקט דאָס איינענע מערעל איז שוין געשטאָרבען...

— איהר האָט זי דען געקענט? — האָט ער אויש אַ פּינ־קעל געטהון.

— איך ווייס נישט,

— און דורך וועמען איז זי געשטאָרבען?

— איך ווייס גאָרנישט, איך ווייס נישט. מיר האָט זיך גאָר געדאַכט.

— נו טאָ וואָס זשע דען זאָגט איהר, אַז איהר ווייסט גאָרנישט? דאָס איז ניעדערטרעכטיג! און אָט אַזוי איז אויך מיט אייך, נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט צו בעווייזען אייך מיין כונה, זאָגט איהר שוין, אַז איך האָב אייך שלעכטס געטהון. און מיין כונה איז געוועזען מיט דעם וואָס איך האָב אייך דאָ אַהער אַרויסגענומען אייך מיט אייער מאַן: אייער געלעגער צו בעטען צווישען די עלטסטע בוימער, אין דעם טיעף־סטען גראָז און הינטער די געדיכטסטע צווייגען, פון וואַנען אַראָב דאָס געזאַנג פון די פויגעל זאָלען אין אייך וועקען די צערטליכסטע גע־פיהלען פון איינס צו דאָס אַנדערע... — אָט, וואָס מיין שלעכטע כונה איז געוועזען! —

— נו טאָ בלייבט זשע דאָ, איהר אויך, נישט ווי איהר האָט מיך אַרויסגעזעצט מיט מיין אַלטען אַליין...

— איך... האָט ער אַ קוועטש געטהון מיט די פלייצעס.

— איך זעה שוין גוט — האָט זי איהם נאָכגעשריען פון הינטען אויפ׳ן וועג אַרוים — ווי פון אייער הילף קאָן מען שטאַרבען, און אַפילו יענץ מיידעל איז אויך געשטאָרבען פון אייער הילף...

נאָר דער יונגערמאַן האָט שוין נישט געהערט. ער איז אַנט־לאָפען פון צווישען די בוימער אַרוים, איז אַוועק צו די שינעס פון דער באַהן, און מיט דעם פלאַנט געלאָזט זיך לויפען גלייך אין שטאָדט אַריין צופוס.

גיטעלע האָט זיך נעביך צוריק אומגעקעהרט אין שטוב אַ בע־טריבטע, זי האָט געפיהלט, ווי דאָס האַרץ פּלאַצט. זי קאָן שוין מעהר נישט דעם אַלטענס תהלים־זאָגען אַריבערטראָגען. און דער אַלטיטשקער האָט געמוזט צוריק אַרויסלעגען דאָס תהלים׳ל פון דער האַנד, ווייל וואָס אַ טאָג איז געוואָרען אַלץ ערגער צווישען זיי. נאָך גוט, וואָס דער יונגערמאַן האָט זיי חאַטש אַרויסגעזעצט אין אַ וואַלד, אַז קיינער זאָל נישט הערען זייער אַרומרייסען זיך פון היינט מאָל אָן. און וואָס דער סוף איז געוואָרען מיט איהם אַליין, מיט דעם יונגענמאַן, ווייסט

קיינער נישט. מען זאָגט, אַז ער האָט זיך פֿערשלאָסען אין אַ בעזונדער שטיבעלע ערגעץ הינטער דער שטאָדט, און וויל ביי קיין פֿאַל שוין נישט העלפֿען קיינעם, אַפילו זיין איינענעם טאַטען אויך נישט... ווייל די וועלט איז נישט ערהאַבען, זאָגט ער, און אַפילו ניעדערטרעכטיג...

---